STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01918

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ.

די צייט.

פערלאג „פראגרעס“.

ווארשא. תרע״א.

אלע ווערק
י. ל. פרץ.
צוויישער באנד.

Типо-Лит. Ф. Баумриттера, Красинская площадь № 6.
ВАРШАВА.

I. די צייט.

II. דאס יאהר.

III. שבת.

IV. תענתים.

V. ימים נוראים.

VI. חנוכה.

VII. פורים.

VIII. פסח.

IX. ל״ג בעומר.

X. שבועות.

XI. זומער און ווינטער.

XII. צייטען און דורות.

I.

די צייט.

אינהאַלט

די צייט.

די צייט.

די אײביגע צײט, זי געהט זיך איהר װעג,
זי װײס קײן חדשים, קײן װאָכען, קײן טעג,
זי געהט זיך אָהן אױפהער איהר אײגענעם װעג,
אונ װײסט נישט װאָס „נאָהענט" איז אונ „װײט"!

עס העלפען קײן טרעהרען, קײן בעטען, קײן צאָרן,
עס ציהען קײן לײצען, עס העלפט נישט קײן שפּאָרען,
זי זעהט נישט קײן גריבער, קײן שטײן אונ קײן דאָרן
אונ געהט זיך איהר אײביגען װעג.

עס דונערט װעזובי, עס פּלאַטערט אַ שטויב,
עס פּישציעט אַ װערמיל, ניאַגאַרא מאַכט טויב!
זי הערט עס װי אונזער קריטיק אָדער לויב
אונ געהט זיך איהר אײביגען װעג!

װען טױזענדער נחת'ן, טױזענדער נױטען,
זאָל בליצען דער מאָרגען מיט גאָלדענע צױטען,
זי גריסט נישט דאָס לעבען, בעװײנט נישט דעם טױטען
אונ געהט זיך איהר אײביגען װעג!

II.

דאס יאהר.

אינהאלט

דאס יאהר.

דאס יאהר.

שעֶן איז דעֶר פריהלינג!
שעֶן מיט די געֶצוויגעֶנעֶ
אויף שטיקעֶר, צויטעֶן, פעֶדעֶם און שפּינוועֶבּס
צוריסעֶנעֶ, צוקראַכעֶנעֶ, וואָלקעֶן און נעֶבּעֶל.
שעֶן מיט די שטילעֶ, הנודיג שטראַהלעֶנדיגעֶ.
בלוי פעֶרשמייכעֶלטעֶ שטיקעֶר הימעֶל.
און מיט דעֶר זון, וואָס שווימט — אַ פעֶרוויינטעֶ כּלה —
פון ווייסעֶן עליייעֶר-נעֶבּעֶל אַרויס
און טיקט צוריק אונטעֶר, פעֶרשעֶמט.
און שעֶן איז דער ערשטער ציטער פון וואַלר—
פון אַ גוטעֶן חלום, דורך אַ גוטעֶ בּשורה
געֶוועֶקט.
עֶר ציטעֶרט,
ויל וואַרפעֶן אַראָב פון זיך די שנעֶעֶנעֶ תכריכים
און אויסברייטעֶן ניי-אויסגעֶבּליהטעֶ צווייגעֶן
פאַר די געֶפליגעֶלטעֶ זעֶנגעֶר, וואָס קומעֶן פון דעֶר פרעֶמד.
שעֶן איז דאָס האָפעֶן;
שעֶן איז די בּשורה, וואָס טראָגט זיך אויף די לייכטעֶ
ווינד-פליגעֶל, איבּעֶר טאָל און באַרג,
איבּעֶר טייך און פעֶלד —

באַרג אַב, באַרג אַב
יאָגעֶן, רוישעֶנדיג, קלינגעֶנדיג,
געֶשלעֶנגעֶלטעֶ, טיעף-בּלויעֶ וואַסעֶר-לעֶנטעֶן

צווישן ווײַסע שנעענע פעלדער —
שפּיציק־גרינע, לעבענס־דורשטיקע קעפּלעך
קוקן שוין דאָ און דאָרט פון שנײַע אַרוים
און פרעגן: ווען?

און עס וואַקסט דאָס האַרץ בײַ דעם, וואָס האָט עס!

שוין איז דער זומער.
דער פרײַגעביקער, רײַכער זומער,
מיט דער פייער־פלאַמענדיגער קרוין איבערן קאָפּ,
אין געוואַנד פון גאָלד און בראָקאַט
אויף די העל־געשטיקטע דיוואַנען...

פון צופלאָסען־גאָלדיגען ים
פלאַמט אַרוים דער מאָן,
קוקן פערחלומטע האַבער־אײַגעלעך שטיל —
און די שאַרע שרעקיגע, לוסטיגע פייגעל
איבערן ים —

פערטראַכט אין זיך פליסען שטיל די טײַכען,
געלאַסען און זיכער געדט זייער וועג
צום ים, צום ים!
מיט'ן בלאַנקען בלויעם הימעל
אין דער פערשפּיגעלטער שוים.

ברוין געזוימטע וואָלקען ענטלויפען פאַר דער זון,
געריטעלטע, לײַכטע. זילבער־נעבעל יאָגען זיך נאָך
שפּילענדיג — —
דאָס פײַפעל הערט זיך אין וואַלד,
דאָס שניטער־ליעד פון פעלד —

III.

שבת.

אינהאלט.

	זייטע
שלום בית (אידיליע)	19
די לעזערין (בילד) . . .	24
א פערשטערטער שבת (הומאָרעסקע) .	25
דאס זיעבענטע בענש־ליכטעל (בילד) .	34
זיבער א שמעק טאבאק (הומאָרעסקע) .	33

שלום בית.

חיים איז אַ טרעגער.

אַז ער גֶעהט דורך די גאַס, אַיינגעהויקערט אונטערן קאַסטען סחורה, זעהט מען איהם נישט אַרויס; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטען גֶעהט אַליין אויף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטהעמען הערט זיך דאָך פון וויטענס!

דאָך — אָט לעגט ער אָב די לאַסט, בעקומט זיינע עטליכע גראָשען; ער גלייכט זיך אויס, אָטהעמט שטאַרק אָב, בינדט אָב די פּאָלעס, ווישט זיך אָב דעם שוויס פון פנים, גֶעהט גלייך צום ברונען, טהוט אַפּאָה שלינג וואַסער און לויפט אין אַ הויף אַריין.

ער שטעלט זיך נעבען אַ וואַנד, הייבט אויף דעם ריעזען־קאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ באָרד מיט דער נאָז, מיט'ן דאַשעק פונ'ם היטעל, קומען אויס אויף איין שטח.

ער הופּט:

— הנה!

פון אונטערן דאַך עפענט זיך אַ קליין פענסטערל, און אַ קליין ווייבעריש קעפּעל אין אַ ווייסען ציפּיק ענטפערט:

— חיים?!

דאָס פאַר־פאָלק קוקט זיך גאַנץ צופריעדען אָן; די שכנים זאָגען: זיי קעטשקען זיך. חיים וואַרפט אַרויף זיין פערדינסט, איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל פּאַפּיער. הנה האַפּט עס אין דער לופט; עס איז איהר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בריה נכלאה! — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אַוועקצוגעהן.

— געה, געה, חיים! — שמייכעלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירען פון קראַנקען קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגעל צום קוימען...

מיט דער האַנד שוים איך און מיט'ן פיס וויעג איך.

— וואָס מאַכט עס, נעביך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— ביי דער גייטאָרין!

— יוסל?

— אין חדר.

היים לאָזט צוריק אַראָב די באָרד, גיעהט אַוועק און הנה קוקט איהם נאָך, ביז ער ווערט איהר פערשוואונדען.

דאָנערשטאָג און פרייטאָג דויערט עס לענגער.

— וויפיעל האָסט דו דאָ אינ'ם פאַפּיערל? — פרעגט הנה.

— צוויי און צוואַנציג גראָשען.

— איך האָב מורא, עס איז ווענינ!

— וואָס דאַרפסט דו דען, הנה?

— פאַר אַ זעקסער שמירעכטס פאַר'ן קינד, פאַר עטליכע גראָשען ליכט, חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אַנדערטהאַלבען פונט... געבראָטפען אויף קדוש!... היינט דאַרף מען נאָך עטליכע דרעגגלעך!

— דרעגנלעך וועל איך דיר שוין שאַפען, עס מוז זיין אויפ'ן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכענט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אַז מען קאָן קידוש מאַכען איבער חלה, און אַז אָהן אַ סך זאַכען איז זיך גאַנץ לייכט צו בעגעהן.

דער עיקר איז — בענש־ליכט, אויך די זאַלב פאַר'ן קינד!

און פונדעסטוועגען, אַז גאָט העלפט, די קינדער זענען געזונד, די מעשענע לייכטער — נישט פערזעצט, בפרט, אויב עס איז דאָ נאָך אַ קוגעל — האָט דאָס פאָר־פאָלק גאָר אַ פרעהליכען שבת!

וואָרום הנה איז אַ בריה נפלאה צום קוגעל!

שטענדיג פעהלט איהר עפּעס; דאָ מעהל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סוף קומט אַרוים אַ פעטער, אַ זיסער, אַ מהיה־דיגער קוגעל; ער צעגעהט פשוט אין אַלע אברים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט הנה, און שמייכעלט פאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אַוודאי אַ מלאך! — לאַכט היים, — דו מיינסט, אַז דו ביזט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלסט אויס פון מיר און פון די קינדער.

וויפיעל מאָל טהוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער נאָמאָל בייז... נו, איך העה עפּעס אַ קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער? און באַשר, דו האָסט אַ סך נחת פון מיר? דו און די קינדער געהען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קען אַפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביזט פאָרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך חנה ביים אידריגען, — אַזאַ יאָהר אויף מיר, און אויף כל ישראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר־באַלק קוקט זיך אין די אויגען אַריין אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיט'ן גאַנצען האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זענען ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער...

עס ווערט נאָך פרעהליכער ביים טיש...

נאָר נאָכ'ן שלאָף, געהט היים אין קליינעם שוהלכען אַריין הערען תורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיט'ן פּראָסטען עולם „אַלשיך". עס איז הייס, די פּנימ'ער זענען נאָך פערשלאָפען; איינער האַפּט נאָך אַ דרימעל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכען געניץ; נאָר ראַפּטים, ווען עס קומט צו'ם רעכטען אָרט, מען שמועסט פון יענער וועלט, פון גיהנם, וואו מען שמייסט די רשעים מיט אַייזערנע ריטער; פון ליכטיגען גן־עדן, וואו די צדיקים זיצען אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה... דעמאָלט ווערען אַלע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפען, די פּנימ'ער — רויט... מען הערט זיך ציין אָהן אַיין אָטהעם, האָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

היים שטעהט געוועהנליך ביים אויבען. ער האָט טרעהרען אין די אויגען, עס ציטערן איהם הענד און פיס; ער איז אינגאַנצען אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפען כף הקלע, קלויבט שפּענער אין ווילדע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס בעדעקט איהם דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים: דאָס ליכטיגע גן עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אַלע גוטע זאַכען, שטעלען זיך איהם פאָר אַזוי לעבעדיג און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיגט, גיט אַ קוש און פערמאַכט דאָס ספר, האַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום, טאַקי ווי פון יענער וועלט.

— אה,— האפט ער שוער דעם אטהעם, וואס ער האט איינגע־האלטען ביי דער גאנצער צייט,— רבונו של עולם! האטש א שטיקעל, האטש א פיצעל, האטש א בראקעניו עולם הבא... פאר מיר, פאר מיין ווייב, און פאר אלע מיינע קינדערלעך!

און דעמאלט ווערט ער טרויעריג; ער פרעגט זיך: „אימשטיינס גע־זאגט, פון וואס, פאר וואס?..."

איינמאל איז ער נאכ'ן לערנען צוגעגאנגען צו'ם מלמד:

—רבי,— זאגט ער, און זיין קול ציטערט,— גיט מיר איין עצה, איך זאל זוכה זיין צו האבען עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה!— הערט ער א תשובה.

— איך קאן נישט!

— לערן משניות... עין־יעקב, האטש פרק...

— איך קאן נישט!

— זאג תהלים!

— איך האב קיין צייט נישט!

— דאווען ערנסט!

— איך פערשטעה נישט, וואס איך דאווען!

דער מלמד קוקט אידם אן מיט רחמנות.

— וואס ביזט דו?— פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואס הייסט?

— טראג, למשל, אלע פארנאכט אין בית המדרש אריין א פאר קאנען וואסער, די לומדים זאלען האבען צו טריגקען...

חיים ווערט דערפרעהט.

— רבי,— האט ער ווייטער געפרעגט,— און מיין ווייב?

— אז דער מאן זיצט אויף א שטוהל אין גן־עדן, איז דאס ווייב זיין פיסבענקעלע.

אז חיים איז אהיים געקומען הבדלה מאכען, איז חנה געזעסען און געזאגט „גאט פון אברהם". אז ער האט זי דערזעהן, האט אידם עפעס אנגעהאפט ביים הארץ.

— נייץ, חנה,— פאלט ער צו'ן אידר צו,— איך וויל נישט, דו זאלסט זיין מיין פיסבענקעלע... איך וועל מיך אראפבייגען צו דיר, איך וועל דיך

די צייט.

אויפהייבען און זעצען דיך נעבען מיר. מיר וועלען צוזאַמען זיצען אויף איין שטוהל, ווי אַצונד... עס איז אונז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, הנה, די מוזט זיצען מיט מיר אויף איין שטוהל... דער רבונו של עולם וועט מוזען בעשטעהן:

די כ׳ עוערין.

פרייטאָג צו־נאַכט.

אינ׳ם שטיבעל איז שרעקליך שטיל, אין ה׳ אמות שלאָפען זיעבען נפשות.

דער אַלטער וואַסער־טרעגער האָט נישט געהאַט: נישט קיין פלייש; נישט קיין פיש, נישט קיין בראָנפען, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש געמאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשענדיגע בענש־ליכט געבליבען. ער האָט אַפילו קיין פריש העמד נישט בעקומען.

איין עונג שבת איז געבליבען: אויסשלאָפען זיך פאַר אַ גאַנצע וואָך.

דעם זעלבען עונג שבת האָט דאָס ווייב אויך... אַ גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אין די הערפלעך, קויפט־אויף אייער, הויר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפען אָהן געלד, זי האָט אומזיסט געבעטען קרעדיט, און איז אַהיים געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט אָהן סחורה, אַ געהרג׳עטע, אַ פער׳הל׳ש׳טע... קוים האָט זי אָבגעבענשט ליכט, איז זי אויך אַנידער־געפאַלען און איז איינגעשלאָפען...

בעוועהנליך שלאָפט דער וואַסער־טרעגער מיט דריי — און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. היינט זענען זיי בײדע צו פריה אנטשלאָפען געוואָרען, די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט וועקען, און זיי ליעגען צעלעגט און הראַפען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואַך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צערפלאָסענע האָר זענען רויט. דאָס פנים — געל: גענעהרט פון קאַרטאָפעל נישט צו דער זאַט. אין די אויגען דאָך ברענט; די איינגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענד ציטערן...

זי לעזט ביים צאַנקענדיגען ליכט שמר׳ס אַ ראָמאַן. די ליפען ציטערן פאַר אונגעדולד.

זי איז צורודערט. זי שרעקט זיך: טאָמער געהט איהר אויס דאָס ליכטעל, און זי וועט נישט געוואָהר ווערען דעם סוף פון ביפערנאָטער!

אַ פערשטערטער שבת.

האַלב שבת! אַ בערגעל מיסט בײַ דער טהיר — צוּ'ם אַרויסוואַרפען; די לאָקשען ליעגען אָפּגעשוועקט אין שיסעל, מען דאַרף זיי נאָר בע־גיסען מיט אַ לעפעל יוך, זיי זאָלען זיך נישט צוזאַמענקלעבען. אויפ'ן טיש איז גרייט בראָנפען אויף קידוש; אַ קילעטש מיט אַ חלה — צוּ'ם בעדעקען מיט אַ זיידען חלה־טישטיכעל;

זרח, דאָס יונגע בעל ביתל, איז שוין אָפּגעוואַשען. מיט צוויי פינגער פון יעדער האַנד דריקט ער אויס דאָס וואַסער פון די פאות. מרים, די יונגע בעל הבית'טע, שטעהט בײַ איהם און פוצט איהם צו די קאַפּאָטע.

— אַ, דו... שלימזל! — שמייכעלט זי צוּ איהם — אנדערטהאַלבען יאָהר נאָך אַ חתונה מאַכט מען אַזוי צורעכט מלבושים! וועה! דאָ אויפ'ן לאַץ! זעהסט? אַ פלעק פון חלב! — זי קראַצט מיט די נעגעל, געהט־איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין, — בעט זיך זרח, — די הענד וועלען דיר וועה טהון! דו קאָנסט דאָך שוין קוים דעם אָטהעם האַפּען, לאָז שוין אָפּ!

— אָ וואַ! גלײַכער, זיי זאָלען אַביסעל וועה טהון, איידער מען זאָל זאָגען אין בית־המדרש, אַז דו האָסט אַ ווייב — אַ שמאָדער, וואָס פוצט דיר אפילו די שבת'דיגע קאַפּאָטע נישט אָפּ!

זי געפינט נאָך אַ פלעק, בייגט זיך נאָך אַמאָל אײַן און פוצט. דאָס בלאַסע פנים רייטעלט זיך, די אויגען בליצען, און שווער ווערט איהר דער אָטהעם, — איהר'ס האָט זי דאָך אויסגעפיהרט... זרח קושט זי אויפ'ן קאָפּ.

— וואָס געפעלט עס דיר אַזוי? — רייסט זיך מרים אויס מיט אַ געלעכטער — די האָר־באַנד?

— שעם דיך האָטש פאַר דער מאַמען — האָט זי צוגעגעבען שטיל.

די האָר־באַנד, וואָס זי טראָגט אויפ'ן קאָפּ, און די מוטער, וואָס שטעהט אַצונד איבערגעדרעהט צו'ם ספרים־שענקעל און זוכט, מכלומר'שט, דאָס דייטש־חומש — זענען איהר צוויי שטיינער אויפ'ן האַרץ.

פאַר דער התונה האָט מרים געהאַט אַ פּאָר דיקע, לאַנגע צעפּ פון בלאָנד זייהענע האָר. אַלע מיידלעך האָבען זי מיט די צעפּ מקנא געווען. אַז זי פלעגט דורכגעהן דעם מאַרק, פלעגען מענשען טראַכטען: אַט, דער יצער־הרע געהט. זרח — דעמאָלט שוין איהר התן — פלעגט ציטערן פאַר פרייד, אַז ער האָט אַמאָל בעקומען איהר'ס אַ צאָפּ אין דער האַנד אַריין; נאָר אימשטיינס געזאָגט, ווען איז עס איהם געראָטען? אַ האַלב יאָהר איינגאַנצען זענען זיי געווען התן־כלה... געזעהן האָבען זיי זיך קוים עטליכע מאָל... איינמאָל שבועות ביינאַכט (הושענא־רבא האָט מרים מורא געהאַט פאַר'ן יום־הדין); איינמאָל האָבען זיי זיך אַרויסגענאַרט שמחת־תורה פון הקפות; נאָך אַמאָל האָבען זיי זיך געטראָפען חול־המועד־פּסח אויפ'ן שפּאַציער אונטער דער שטאָדט.... און דעמאָלט טאַקי האָט מען זיי „געהאַפּט"! עס איז געוואָרען אַ גערודער, אַ געשרייערי. דער רב האָט געשיקט רופען די עלטערן; געזאָגט זיי, אַז ער גלייבט באמונה שלמה, אַז עס זענען עהרליכע קינדער, פונדעסטוועגען איז זיין עצה, מען זאָל באַלד שטעלען אַ חופּה...

מרים'ס מוטער — די „לאַנגע סעריל" — האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו מאַכען אַלע איינשיטען. זרח'ס פאָטער, דער שטריקען־מאַכער, האָט נאָך נישט געהאַט דעם גאַנצען נדן; אַ חופּה האָט מען דאָך געשטעלט! און פאַר דער חופּה האָט מען אָבגעשוירען די בלאָנד־זיידענע האָר!

מרים האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען —

זיצענדיג צווישען די בחורים, האָט זרח, — אַזוי פערצעהלט ער, — דערפיהלט, ווען מען האָט זיך גענומען צו די צעפּ. עס האָט איהם אַ שניט געטהון אין האַרץ! ביי דער גילדענער יוך, האָבען זיי ביידע אומגעזעהן, ווי „עס וואָלט זיי אונטערגעגאַנגען אַ שיף מיט זויער־מילך"...

אַה, די האָר־באַנד, די האָר־באַנד!

די האָר וואָלטען צוריק געוואַקסען, מען זאָל זיי נישט דאַרפען אַלע מאָל אונטערשערען! זרח זאָגט אפילו, אַז עס זענען פאַרהאַן אַזוינע שטעדט, וואו יודישע טעכטער טראָגען שייטלען, טייל אפילו — אייגענע האָר; ווייסט מען דאָך, אַז ער איז אַ שטיק אַפּיקורס, דער זרח. ווען גאָט זאָל איהם העלפען, — זאָגט ער, — ער זאָל געווינען אויף דער לאַ־

טעריע (פון כוהר'עריי נתעשר צו ווערען, איז שלא כדרך הטבע), וואלט ער איבערגעלאזט דער שוויגער א פאר טויזענדער, און ער מיט מרים־לעבען וואלטען אוועק אין איינע פון די גרויסע שטעדט!...

מרים אבער וויל נישט הערען און געדענקען! זי בעט זיך רחמים ביי זרח'ן, ער זאל נישט רעדען דערפון; זי קושט איהם און האלזט איהם, ער זאל בעסער שווייגען.

ערשטענס — ווי לאזט מען עס איבער אליין א מאמען; טאקי מיט געלד, נאר טאמער ווערט זי, חס ושלום, קראנק... א מענש אין די יאהרען... ווער וועט איהר דערלאנגען א לעפעל ווארעם וואסער? צווייטענס — האט מרים־לעב אליין מורא פאר דער עברה! עס זענען טאקי דא אזוינע שטעדט; אז זרח זאגט, איז א ודאי אמת, זי גלייבט, — נאר א קשיא אויף א מעשה! סדום ועמורה פון דייטש־חומש זענען אויך שטעדט געווען, מיט נאך ערגערע מנהגים: אייזערנע בעטלעך פאר אורחים... יתומים האט מען אויסגעשמירט מיט האניג.... נו, כהיום! און ווער ווייסט, אויב מארגען וועט נישט דער אייבערשטער ארויסשיקען זיינע מלאכים, זיך איין עצה האלטען, און אין איין רגע איבערקעהרען די היינטיגע סדום ועמורה'ס?

זי ווייסט, אז גאט, ברוך הוא, איז איין ארך אפים; ער ווארט א ודאי.... אפשר וועלען זיי תשובה טהון!..

— נו, הכלל, — זאגט מרים, — דארפען מיר זיך ארייגלעגען אין קראנקען בעט?

— ניין, זרח, — זאגט זי — איך וויל נישט... אז מען זאגט, מען טאר נישט, טאר מען נישט...

פון דער מוטער האט זי נאך מעהר צרות.

די לאנגע סעריל האט ליעב די טאכטער מעהר ווי צעהן מוטער'ס צוזאמען; קיין שלעכט ווארט וועט זי איהר נישט זאגען. — נאר זייט מען האט „געהאפט די התן־כלה", האט זי אויף זיי שטענדיג איין אויג.... היט זי זיי אב!

— דו ביזט, — זאגט זי צו מרים'ען, — א פרומע נשמה, נאר א ווייך הארץ האסט דו; און קעגען דעם יצר־הרע מוז מען האבען איין אייזערנע גבורה. א מענש מוז זיך שטעלען ווי א לייב, וויל דער יצר־הרע איז ערגער ווי א שלאנג!

און זי האט זיך גענומען צו דער גוטער, נאר שהאכער טאכטער, צו דער פרומער, נאר שוואכער נשמה, זי אונטערצוגארטלען קעגען יצר־

הרע! און נאָך יעדען אינטערגאַרמילען בלייבט מרים אוים מענש! עס טהוט איהר וועה דאָס האַרץ; פּיינאַכט שרעקען זי אַלערליי חלומות...

קוים געדהט זרח אַרוים פון שטוב, הייבט זיך אָן דאָס מוסר-זאָגען.

סעריל איז אַ מושלמת, לייענט עברי-טייטש ווי אַ וואַסער; קען דאָס דייטש-חומש מיט'ן קב-הישר, מיט'ן ראשית-חכמה און נאָך עטליכע אַזוינע ספרים, כמעט אויסענווייניג; אין גיה... איז זי קלאָר; זי איז אין יעדען ווינקעלע ווי אין דער היים! זי ווייסט, וואו מען קאָכט אין הייסער סמאָלע, וואו מען ברענט מיט שוואַרץ פייער, און שדים בראָטען די נשמות, ווי היהנדלעך אויף דער שפּיז! זי איז קלאָר אין גאַנצען שלחן-ערוך פון יענער וועלט: פאַרוואָס מען הענגט אויף דער צונג... מען וואַרפט צווישען הימעל און ערד, און אָדלער און קראָהען רייסען אוים שטיקער פליישׁ; פאַרוואָס מען לויפט אַרום אין וועלדער, און ווילדע חיות בייסען די פּיעטעס, פאַרוואָס מען שינדט אָב די הויט, מען וויקעלט איין אין שטעכעדיגע דערנער... און מען הייסט נאָך שעפּען וואַסער מיט אַ קאַן אָהן אַ דנאָ... איין גליק איז נאָר, וואָס גאָט איז פול בּאַרמהערציגקייט! ער וויל נישט מעדר, נאָר מען זאָל תשובה טהון... און מרים הערט דאָס אַלץ אוים מיט האַרצקלאַפּען, מיט ציטערדיגע ליפּען, און אַ פּנים ווי קרייד.

זי שרעקט זיך.... זי ווייסט, אַז אַ מענש איז זינדיג.. ערגער איז אין די טעג, ווען איין אשה איז פול מיט שדים, ווען אַרום איהר טאַנצען רוחות רעות... ווען איין אשה טאָר נישט קוקען אין שפּיגעל אַריין, פון איהרע בליקען זאָל קיין פלעקען נישט ווערען! איהר הויך איז דאָך דעמאָלט מיט טומאה, די קליידער — בעשיט מיט דיבוקים, מיט פּיפּערנאָטערס! ווי געציטערט האָט זי דעמאָלט פאַר זרח'ן...

און נאָך איידער עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבען, האָט שוין די מאַמע מורא געהאַט, וואָס אַמאָל געפרעגט: טאָכטערשי, אפשר שוין? אפשר האַלסט דו עס בסוד, אפשר ווילסט דו דיר פערזינדיגען די יונגע יאָהר... זעה, קוק נאָך אַמאָל, טאָמער פאָרט! אפשר האָסט דו נישט גוט אַכטונג געגעבען...

— מאַמעשי, — פרעגט אַמאָל מרים, — פאַרוואָס האַלט עס זרח אַזוי פאַר גרינג? ער לאַכט אפילו, אַז איך וואַרף איהם די שליסעלעך?

— איין עולה, אַ גרויסע זינד! — זאָגט די מאַמע, — נאָר אַ מאַנספערשוין איז שוין בטבע אַזוי... אימשטיינס-געזאָגט, זיי ווייסען דען... און וואָס האָט אַזוינער מורא? ער האַפּט אַמאָל אַריין אַ פּרק משניות, ווערען איהם זעקס

בלאַט הטאים אויסגעמעקט פון בוך! און ווען איז זייער יום־הדין? איין מאָל אין יאָהר — ימים נוראים... אָבער איין אשה, נעביך, אַ „שעשני כרצונו״, דאָס איז ווי אינדיטשקעס! אַליאַדע וואָס, איז אויף זיי, רחמנא ליצלן, אַ פגירה! הייגט זעה, בשעת׳ן טראָגען, בשעת׳ן האָבען — דעמאָלט הענגט דאָך יאָ די נשמה אויף אַ האָר! סאַמע ימים נוראים! און וואָס, אימשטיינס־געזאָגט, זאָל אונז מציל זיין? דאָס דייטש־חומש?!... אַ קאַטאָוועס, אַ מענש אָהן ציצית... אינגאַנצען דריי מצות: חלה, נדה, הדלקת הנר... מיט חלה איז נאָך נישט אַזוי געפעהרליך! מען קאָן נאָך יוצא זיין! הדלקת הנר אויך... פריטאָג, צוועלפען, מאַכט מען שבת... אָבער יענ׳ס... עס איז זיך דען גאָר צו דערהיטען?

— אַז דיין אויג, — זאָגט זי, — קוקט אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו דיין אויג; אַז דיין הויך טרעפט זיך צוזאַמען מיט זיין אָטהעם, — שוין! לילית האַפט דאָס שוין אויף, זי קריעגט שוין שליטה, זי פליהט אַרויף גלייך צום כסא הכבוד, מיט׳ן הויך, מיט׳ן בליק, מאַכט דערפון איין עסק: באַלד הייבען אָן שטאַרבען יולדות.... קליינע קינדער....

און מרים האָט זיך געפיהלט זינדיג פאַר גאָט פאַר אַ סך אַזוינע „בליקען״ מיט „הויכען״... נאָך אַזאַ הויך אָדער אַזאַ בליק, האָט זי נעכט נישט געשלאָפען פאַר פחד, איהר נשמה זאָל נישט אַרויספליהען, און אַליין אָנשרייבען אין בוך!....

איינמאָל איז געקומען אין שטעדטעל אַריין דער אָקרוזשנאָי סוד. מען איז געלאָפען אויף זיין וואונדער. מרים איז איינמאָל אויך געגאַנגען זעהן; עס איז געוועזען באַלד נאָך דער התונה — גלוסטען זיך אַזוינע זאַכען. האָט זי געזעהן דריי סודיאַ׳ס, אַ פראָקוראָר, אַ סעקרעטאַר און איינעם וואָס מען האָט גע׳משפט... אין וואָס עס געהט האָט זי נישט פערשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז מען האָט אויסגערופען: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פער־משפט׳ער אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד, גלייך אַ דונער האָט איהם דער־שלאָגען... פון דעמאָלט אָן האָט זי נאָך מעהר פחד פאַר׳ן בית־דין של מעלה! דאָ האָט זיך דער פראָקוראָר אַביסעל געאיקעט; דאָרט וועט רע־דען דער שטן! מיט שוואַרץ פייער וועט ער שיטען, קאָכענדיגער פעך וועט זיך איהם גיסען פון מויל... און וואָס, קאַטאָרגע? דאָרט רופט מען אוים: כף הקלע, בראָטען הייסט מען און ברענען!

„ווי וועט עס דעמאָלט הלש׳ען די נשמה״! טראַכט מרים. און עס ווערט איהר קאַלט אין אַלע אברים, אין האַרץ הויבט אָן שטעכען ווי מיט גאָדלען!

פון דעם אַלעם ווייסט נישט זרח. אַז ער איז דאָ אין שטוב, שווייגט די מוטער. דעמאָלט איז מרים לוסטיג און פרעהליך. גאָר אַ זין נדערער מענש....

ווען אָבער איז ער אין שטוב? פרייטאָג פאַרנאַכט, שבת... אַ גאַנצע וואָך האָט ער דאָך זיין מסחר! מוז ער דאָך זיין אין גאַס...

ביינאַכט האָט מען אויך נישט קיין רוה... די לאַנגע סעריל שלאָפט נישט האַלבע נעכט; קריכט אַרום, געהט אויף און אָב, לייענט אויך די לאַנגע קריאת-שמע מיטן גאַנצען על חטא...

זרח קריצט טיילמאָל מיט די ציינער; דאָך מוז ער שווייגען. ער האָט אַמאָל דער שוויגער אַ שלעכט וואָרט געזאָגט, האָט זיך מרים די אויגען אויסגעוויינט! מעהר וועט ער דאָס נאַרישקייט נישט טהון... די ציינער קריצען, גאָר שווייגען מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסר-זאָגען האָט ער גאָר נישט געוואוסט; ער זעהט, אַז מרים ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, בלאַסער, אַז זי האָפּט זיך וואָס אַמאָל אָפטער אָן ביי דער ברוסט, אָטהעם פּרפעהלט איהר... און ער שמייכעלט! ער האָפט אויף נחת!... טיילמאָל פאַלט איהם איין, אַז מען וואָלט געדאַרפט אפשר רופען אַ דאָקטאָר. ער טהוט עס דאָך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די ליפען, פאַר מורא, ער זאָל זי נישט אַי־בערשרעקען... זייט אַ קורצע צייט שרעקט זי זיך אַלץ אינאיינעם. נאַכט אויף נאַכט שרעקט זי זיך. אַ קאַץ לאָזט זיך הערען פון דאַך, אַ הונד גיט אַ ביל אין גאַס... עמיץ קלאַפּט ערגיץ אין אַ טהיר, אַ ליאַדע סקריפּעט, שרעקט זי, זי לאָזט אַרויס אַ געשריי און בלייבט ליעגען פערציטערט, האַלב פערחלשט... ברענג איהר אַ דאָקטאָר, פאַלט זי באמת, חס ושלום, אַריין אין אַ קרענק.

אָפט מאַכט זיך דערפון אַ שמועס.

— וואָס איז דיר, מרים'לעב? וואָס פעהלט דיר?

— מיר, — ענטפערט מרים מיט אַ בלאַסען שמייכעל אויף די ליפּען, — מיר? אַז דו ביזט נאָר דאָ אין שטוב, איז מיר וואויל ווי די וועלט! מען זאָל אונז נאָר קיין עין־הרע נישט געגעבען!

זי ציטערט פאַר אַיין עין הרע; מען האָט זי דען נישט מיט וואָס מקנא צו זיין! אַז זרח דרימעלט איין שבת נאָכ'ן עסען, געהט זי גאַנץ אָפט שטילערהייד צו און בלאָזט אויפ'ם; עס איז זומער, דאָס פענסטער איז אָפען, אַ קשיא אויף אַ מעשה? עמיץ געהט דורך און וואַרפט אַריין

אַיין עין הרע! עס דאַכט זיך איהר, אַז מען מוז זי מקנא זיין, אַז עס איז קיין שענערער, קיין בעסטעקטערער מענש אויף דער וועלט נישט דאָ! קרוין פוילען אויסצוכאָהרען!

„ווער שמועסט, טראַכט זי, ער זאָל נאָך זיין אָבגעהיט אין יענע זאַכען! אַבּיסעל מעדר אָבגעהיטען!... נאָר, ווייטער דאָס אייגענע, ער איז דאָך, ווי די מוטער זאָגט, אַ מאַנספּאַרשוין, ער האָט גאַנצע תרי"ג מצות... איז דאָס בּיי איהם גאָר קיין יחוס נישט"...

זרח מיינט, אַז עס מוז איהר פּאָרט עפּעס זיין, נאָר די לייקענט שטיין און בּיין: „וואָלט ער נאָר אין דערהיים געוועזען... שטענדיג אין דערהיים"...

ער הערט און שמייכעלט; די אמת'ע כונה פון די רייד פערשטעהט ער אָבער נישט; און זי וועט קיינמאָל נישט פער'מסר'ן די מאַמען. ער וועט קיינמאָל נישט וויסען, וואָס זי ליידט, ווען ער איז נישט דאָ...

אַצונד אָבער פאַלט צו שבת... אַצונד מעג זרח געהן... זאָל ער געהן דאַווענען... שבת האָט זי פאַר דער מוטער קיין מורא נישט; שבת זאָגט זי קיין מוסר נישט... שבת איז „די מאַמע אַ וואוילע מאַמע"!

— מרים'לעב, — מאַכט זי צו'ן איהר, אַז זרח איז אַרויסגעגאַנגען, — היינט איז שבת, פוץ דיך אָב, טהו דיר אָן אַ קליידעל... אַז דיין מאַן וועט נאָכ'ן דאַווענען קומען מיט די מלאכים אין שטוב אַריין, זאָלסט דו איהם אַקעגען לויפען מיט שמחה אויפ'ן פנים, מיט נחת אין די אויגען, מיט שלום ושלוה, מיט אַלעם גוטען, פאַר דעם וועסט דו זוכה זיין...

— .... אַ גראָבּען קוש פון זרח'ן — ענדיגט מרים מיט אַ געלעכטער.

דער מוטער געפעלט אפילו נישט דער אויספיהר, עס איז דאָך אָבער שבת, שבת-לעב, און זי וועט קיין בייז וואָרט נישט רעדען. זי נעמט זיך צו'ם דייטש-חומש, טהוט אָן אַ פּאָר גרויסע ברילען, און לייענט.

מרים הערט זיך אַיין. אָפט הערט זי מיט'ן גאַנצען האַרץ. טייל מעשות געפעהלען איהר זעהר. זי צולאַכט זיך, אַז עס קלינגט ווי אַ זילבערן גלעקעל, ווען דאָס יונגעל אברהם, וואָס האָט צוהאַקט דעם אַלטען תרח'ס שטיינערנע געטער, זאָגט דעם אַלטען: אַז דאָס האָט דער גרעס־טער פון זיי געהאַפּט דעם האַמער און צוהאַקט אַלע קליינע; דאָס האַרץ ציטערט איהר פאַר שרעק, יצחק זאָל נישט דערקענען, אַז דאָס „מאָהל־צייט" דערלאַנגט איהם יעקב, נישט עשו; טרעהרען קומען איהר אין די אויגען אַריין, ווען יעקב טרעפט זיך מיט רחל'ן בּיי דער בּרונען;

לבנ'ען איז זי אַ שונא אויס'ן לעבען, פאַרוואָס ער האָט יעקב'ן גענאַרט... ווען עמיץ, למשל, נאַרט אַזוי אָב זרח'ן... בררר! עס ווערט איהר קאַלט אין אַלע אֵבָרים. פאַר דאָס, שפּעטער, אַז יעקב קריגט ביידע: אי לאה'ן, אי רחל'ן, ווערט זי רוהיגער; זי ווייסט דאָך, אַז עס איז געווען פאַר'ן חרם דרבנו גרשום...

היינט געהט די סדרה תרומה; מען ברענגט דאָס און יענס צו'ם משכן... דאָס אינטערעסירט זי ווייניגער... זי איז מיעד און שלעפעריג.

דאָס קעפּעל צעוויעגט זיך, די ברעמען פאַלען צו, זי דרימעלט איין... אַ גוטער, הנ'עוודיגער שמייכעל, בעוויזט זיך איהר אויפ'ן בלאַסען פנים.... עס הייבט זיך אָן רייטלען... נאָר עס וועקט זי דער מוטער'ס שטימע:

— מרים!

— מרים!

— וואָס, מאַמעשי, איך הער...

— נישט דאָס מיין איך...

— וואָס דען, מאַמעשי?

— לויט מיין רעכנונג איז היינט... פערשטעהסט, טאָכטערשי, איז היינט די צייט...

— נאָך נישט, מאַמעשי!

— גיב נאָר גוט אַכטונג, טאָכטער!

מרים דרימעלט ווייטער איין; די זעלבע זילבערנע שיסעל מיט די זילבערנע לעפעל, און די מוטער וועקט זי ווייטער.

לײדער איז שוין געוועזן „שוין"...

— אַ שאָד! מאַכט סעריל, אַ פערשטערטע שבת.

— דיכער— נאָך נישט?

— זי זיפצט אָב און פערטיעפט זיך צוריק אין דייטש־חומש... ווייטער נשיאים, שיסעל, לעפעל... מרים דרימעלט ווייטער איין, נאָר דאָס פנים רייטעלט זיך נישט, קיין שמייכעל ציערט נישט די פיינע ליפּען...

אין דער צייט האָט זרח אָבגעדאַווענט, און האַפּט זיך שטילערהייד אַרויס פון בית המדרש, עס זאָל איהם קיינער נישט פערהאַלטען. ער לויפט איבער די גאַס...

אַז ער קומט צו דער טהיר, שטעלט ער זיך אָב. ער הערט זיך

זַיין, וואָס אין שטוב טהוט זיך... די שוויגער לייענט... מרים זיצט אַ ודאי און הערט, שטאַרק פערנומען, ווי געוועהנליך. ער וויל זי איבערראַשען.

שטיל עפענט ער די טהיר... די שוויגער הערט נישט, מרים שלאָפט.

מיט איין שפרונג איז ער ביין אידה און ער קושט ביים „גוט שבת!"...

— פושע באלדי ישראל! — גיט סעריל אַ געשריי.

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט די פערציטערטע מרים דערמונטערט.

עס איז געווען — אַ פעשטערטער שבת.

דאָס זיבעטע בענטש-ליכטעל

דער דרייצעהן-יעהריגער שטערען קנייטשט זיך איין פּאָר צער, דאָס יונגע, קינדישע פּנים איז בלאַס פאַר שרעק, פון די אומשולדיגע אויגען פאַלט אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר. נאָך פאַר אַכט-טאָגען פרייטאָג איז איהר אַזוי וואויל, איז איהר אַזוי לוסטיג געוועזען! עס איז געווען דער קורצער פרייטאָג. די באָבע האָט זי געוועקט אַביסעל פריהער. אַ גאַנצען טאָג איז זי פערנומען מיט שבת מאַכען, פאַרנאַכט האָט זי זיך, זינגענדיג און טאַנ-צענדיג אָבגעוואַשען, איבערגעפלאָכטען די לאַנגע צעפּ, איבערגעטהון זיך און געגאַנגען מיט דער באָבע'ן אין שוהל אַריין. די באָבע צינדט זיך איהרע ליכט און זי — איהרע....

דאָס ערשטע ליכטעל — די באָבע זאָל געזונד זיין, דאָס צווייטע — דער טאַטעשי זאָל געזונד זיין, האָבען אַ סך דיעלעס און פערדיענען אַ סך געלד, ער זאָל נישט אַלע מאָל געבען אַ זיפץ, אַז די צייטען זענען שלעכט; דאָס דריטע — די מאַמעשי זאָל געזונד און שטאַרק זיין, דערנאָך נאָך — פּאָר שוועסטערלעך און ברידערלעך, יעדען אַ ליכטעל... עס דויערט ביז דער עולם הייבט אָן צוזאַמען צו קומען צום דאַווענען...

ווי ליעב האָט זי די שוהל, און ווי ליעב דאָס ליכט בענטשען!

זי איז שוין צוויי יאָהר ביי דער באָבען... זי בענקט נישט אַהיים.... דאָרט איז נישט דער מנהג פון ליכט-בענשען... זי וואָלט נישט איין מאָל גערן זעהן די מאַמעשי, אַרומהאַפּען דעם טאַטען ביי'ם האַלז און שפּיעלען זיך מיט זיין שוואַרצזיידענער באָרד, אַביסעל אַרום לויפען און טאַנצען מיט די יונגערע קינדער... מען טאָר נישט די אַלטע באָבע אַליין לאָזען... זי איז שטענדיג אַזוי גוט, זי האָט זי אויסגעלערנט ליכט-בענשען... זי האָט זי אַזוי ליעב, — דאָס ליכט-בענשען אויך.... זי בענקט אַ גאַנצע וואָך, זי צעהלט די טעג... נאָר היינט איז עפּעס איין אונגליקליכער פרייטאָג.

אין דערפריה איז געוועזען ווי אַלע מאָל... זי האָט שבת געמאַכט... די באָבע האָט אויף איהר געקוקט און געקוואָלען.... זיי האָבען זיך שוין ביידע אָנגעטהון, די באָבע האָט שוין גענומען דעם שטעקעי איז האַנד אַריין...

„האָט דער שוואַרץ יאָהר אָנגעטראָגען דעם בריעף־טרעגער...״ די באָבע האָט איבערגעלייענט דעם בריעף, געוואָרפען זיך צוריק אויפ'ן בעט און ליעגט שוין אַזוי צוויי שעה, מיט'ן פנים צו דער וואַנד....

זי איז שוואַרץ ווי קויל.... די אויגען פערמאַכט, אין דער האַנד האַלט זי נאָך דעם בריעף.... פון מויל יאָגט זיך איהר אַ שוים...

זי לאָזט צו זיך נישט צו, לאָזט נישט עמיצען רופען, שטופט די אַוועק פון בעט. קוים וויל זי די טהיר עפענען, דערהערט זי און שרייט:

— ניין!

זי שטעהט ביי'ם בעט און קלערט, עס צאַפּעלט איהר דאָס האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס מען האָט דער באָבען געשריבען פון דערהיים.... אפשר... אבשר... און זי קאָן זיך גאָר נישט איינשטעלען איבערצוקלערען, וואָס עס האָט געקאָנט פּאַרפאַלען.

זי פאַלט אַניעדער אויף די קניע, האַפּט אָן קראַמפּפהאַפט די באָבען ביי דער האַנד....

— באָבעשי! באָבעשי! וואָס איז אַזוינס געשעהן?... רעד אַ וואָרט מיט מיר, זאָג מיר עפּעס, וואָס איז געשעהן?...

— באָבע! איך וועל שטאַרבען פאַר שרעק!

די ווערטער האָבען זיך איהר אויסגעריסען נישט ווילענדיג פון האַרץ.

די באָבע האָט זיך צו'ן איהר איבערגעדרעהט, געריהרט מיט די ליפּען, געעפענט די אויגען... און קוים האָט זי זי דערזעהן— געענטפערט האַרט:

— שטאַרב!

זי האָט זיך איבערגעדרעהט צוריק צו דער וואַנד.

— ער אויס'ן אויג— זאָגט זי— שטאַרב, באַשע, שטאַרב!

באַשע איז שטיל געבליבען. עס איז איהר ראַפּטים פינסטער געוואָרען. זי האָט אויפגעהערט צו קלערען און צו פיהלען.

עס האָט אַזוי געדויערט איין אַנדערהאַלבען שעה.

זי דערהערט די באָבעס קול:

— שטעה אויף!

באַשע איז אויף געשפּרונגען.

די באָבע האָט זיך אַליין אויפגעהויבען, צוריק גענומען דעם שטעקען.

וואָס די האָט פריהער אַוועק געוואָרפען.

— וויפיעל האָסטו ליכט? פרעגט די האַרט.

— אַכט, ווי תמיד! ענטפערט באַשע ציטערענד —

— איינס לאָז איבער!

באַשע רידערט זיך נישט.

— איינס לייג אַוועק! שרייט די באָבע נאָך האַרטער.

באַשע ציטערט, נאָר רידערט זיך נישט.

די אַלטע איז אַליין צוגעגאַנגען צום טיש, אויפגעוויקעלט דאָס פעקעלע ליכט, איינס אַרויסגעלעגט, די רעשט פערבונדען און אַריין געשטופּט באַשען אין דער האַנד אַריין.

— קום!

באַשע איז איהר נאָכגעגאַנגען אויטאָמאַטיש;ביידע האָבען פערגעסען צו פערשליעסען די טהיר.

באַשע געדענקט נישט, ווי אַזוי זי איז צוגעקומען צום עמוד מיט די ליכט.

— צינד אײנציג־ווייס, פאַר וועמען איך וועל דיר הייסען! זאָג מיר נאָך!

— זאָג! די מאַמע זאָל געזונד זיין און לעבען!

באַשע ציטערט ווי אין אַ פיבער; דאָס ערשטע ליכטעל איז שטענדיג דעם טאַטענ'ס.

— זאָג! שרייט די באָבע.

באַשע זאָגט נאָך.

— דאָס צווייטע: חיים'ל זאָל זיין אַ פרומער יוד...

באַשע ציטערט נאָך מעהר, זי הערט נישט דעם טאַטענ'ס נאָמען. די פיסלעך שאָקלען זיך אונטער איהר, דאָס הערצעל צאַפּעלט, די שלעפען שלאָגען, די אויגען ברענען... די באָבע איז אָהן רחמנות, זי שרייט אַלע מאָל העכער: זאָג! זאָג! זאָג!

פאַר וואָס געדהט נאָך נישט דעם טאַטענ'ס ליכטעל? —

אָט צינדט זי שוין דאָס לעצטע —

— זאָג: שרה זאָל געזונד זיין! שרייט די באָבע.

ניין! זי וועט עס נישט זאָגען, וואו איז דער טאַטע? ניין! זי קאָן עס נישט, אַלס אין איהר אַמפערט זיך קעגען דער שלעכטער באָבען... ניין! און ניין!

די צייט.

— זאָג! זאָג! שרייט די באָבע, נאָך העכער, נאָך האַרטער.

באַשע וויל אָבער נישט פאָלגען, דאָס לעצטע ליכטעל מוז שוין זיין דעם טאַטענ׳ס— זי הייבט אָן

— דער טאַטעשי —

שטיל! שרייט שרעקליך די באָבע. שטיל! שטיל! דיין טאַטע איז שוין קיין יוד נישט! ער איז שוין אַ פּריסיאַזשני....

איבער אַ שמעק־טאַבאַק.

אַז דער בעל דבר איז געזעסען, אַ פּוס איבער אַ פּוס, מיט אַ לייבּליך־זאַטען שמייכעל, און האָט גלאַט אַזוי, האַלב גענעצענדיג, געבלעטערט אין קאָנטאָ־בּוך פון לעבּעדיגע נפשות, האָט ער פלוצלונג אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד.

ער איז צוגעקומען צום העלעמער רב'ס קאָנטאָ— און קיין תמונת אות— אַ ליידיג בּלאַט.

אויפ'ן פּאַטש, פערשטעהט זיך, זענען זיך דערוויל אָנגעלאָפען גיהנום־לאַפּיטוטען; זיי שטעהען אין טהיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען אַרויס, און וואַרטען אויף אַ בּעפעהל.

— שיקט נאָר— הייסט דער בעל־דבר,— עמיצען אַרויף. געוואָהר ווערען, צי דער העלעמער רב האָט אריכת ימים.

די לאַפּיטוטען פערשווינדען אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, און עס געדױערט נישט אַוועק קיין פיערטעל שעה, קומט אַ תשובה: געווען אין קאַמער פון לעבּען; דעם העלעמער רב'ס פּאָדעם— כמעט נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן— היינט־מאָרגען רופט מען איהם!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבּער!

טאַנצט אַריין אַ גאַל־קעפּיג שרייבּעריל, מיט רויט־לויפענדיג־לוסטיגע אייגעלעך, היהנערשע פיסעלעך. אַ קידה אַהין, אַ השתחויה'לע אַהער; גיט זיך אַזעץ אויף דער שוואַרץ־ברענענדיגער סמאָלע־פּאָדלאָגע אויף טערקיש— די פיס אונטער זיך; האַפּט אַרויס פון איין זייט בּוזעם־קעשענע כלי־כתיבה: אַ נייע קראָהענע פעדער פון דער נאָדעל; אַ טינטער מיט רויט־זינדיג בּלוט, אָנגעצאַפּט פון הבא על העריות, פון דער צווייטער זייט, און וויקעלט אויף אַ פרישׁ אויסגעאַרבּייט שטיקעל אַפּיקורסוס־הויט, שפּייט זיך אָן אויף דער יד און וואַרפט אַיין אונטערטעניגסטען בּליק צום בעל־דבר: פאַרטיג!

גיט זיך דער בעל־דבר אַ בייג אוים אויף דעם פּאָטער־שטוהל און דיקטירט. דאָס שרייבּערל שטרעקט אַרויס אַ צונג און מאַכט אַ צוק נאָך אַ צוק.

די פעדער לויפט און סקריפעט, און צום בית־דין של מעלה געהט א ראפארט כהאי לישנא:

„היות, אין פסוק שטעהט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דא איז פאראן א העלעמער רב, וואס שטעהט מיט איין פוס ביים קבר, און דיין בלאט איז ליידיג! על כן, אויב מען וויל, עס זאל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאל מען דעם העלעמער איבערגעבען אין בעל־דבר'ס רשות אריין"...

קומט, נאך א קורצען ישוב, פון בית־דין של מעלה א תשובה: „עיין איוב, קאפיטעל א'".

פערשטעהט שוין דער בעל דבר, וואס מען מיינט: טהו מיט איהם — הייסט עס, — וואס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבען זאל ער, ווי לאנג עס איז איהם בעשערט.

איז אבער נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה, האט דער העלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכמה שנים אן אלמן, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יחזקאל האט געזאגט — פערפאלען! פון שאף און רינדער איז א ודאי נ״ט צו רעדען — קיין פיצעל ציעג ניט צומאל! א הויט, האט דער העלעמער רב, סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האלט זיך, נעביך, אין איין קראצען... און גלאט — נעהמען, א העלעמער רב מיט יסורים!

— עפעס א תאווה'לע — טראכט דער בעל־דב און בעלעקט זיך, שטרעקט אוים די האנד צום טיש, רירט אן דאס גלעקעל פון א הקר'נישען שארבען־קאפ — א פולע שטוב לאפיטוטען!

— ווענען וועלען מיר שיקען און ווער וועט אונז געהן, ארצבצי־פידרען דעם העלעמער רב פון וועג?

ווערט א געשרייערי: איך, איך, איך — —

אלע ווילען! מען ווייסט, אז פאר אזוינע קונצען וואקסט מען, הוי אויף הייוען.

אהער און אהין, ס'קאן קומען צו א געשלעגערי, בלייבט: א קלפי.

פאלט דער גורל אויף צווי לאפיטוטען, ווינשט מען די מזל טוב, און די ווערען נעלם...

אין א שענעם העלען טאג, העלעמער יודעלעך דרעהען זיך ארום אין מארק אהן פרנסה... שטעהען רעדעלעך און רעדען פון פריצ'ם וואלה

און פעלד; פון פויערשע „מעסטלעך‟, פעלכלעך, וואָס זענען נאָך אויף די האָזען, פון אייער, נאָך נישט קיין געלעגטע — גיט אונטער זיי פלוצלונג א ציטער די ערד, און די ציטערט; תוך כדי דבור הערט זיך א קנאַק, איינער, דער צווייטער, ממש: אַ בליץ נאָך אַ בליץ — און עס יאָגט אָן אַ בויד און עס דונערן די רעדער... אַ ווילד־פרעמדע בויד, פערשוימטע פערד, ווי די אריות; און די בויד גיט זיך אַלאָז דורכ'ן מאַרק; קוים צייט געווען אָבצושפּרינגען. און פון פאָרענט, ביי דער קעלניע, אויסגעבויגען אַרונטער מיט'ן קאָפּ, שטעהט, אָהן אַ בייטש אין דער האַנד, אין אַ היטעל מיט לאַפּען, מיט אַ רויטען גאַרטעל איבער די לענדען, אַרומגעדרעהט די לייצעס אַרום די הענד, אַ שמייסער, — ציהט זיי אַיין, די לייצעס, אַז מאַנכמאָל גיבען זיך די פערד אַהאָפּ אַרויס די קעפּ און אַ שטעל אויף די הינטערשטע פיס. און הינטער איהם — שטעהט אַ בעל־בת'יש געקליידעטער יוד — אַ קאַפּטאַן, כמראָקעס — יענע צייטען! — האַלט אין דער רעכטער האַנד דעם בייטש און קנאַקט איבער די פערד, אַז זיי גיבען זיך באַלד אַלאָז אַראָב און פליהען ווי אָדלערס — מיט דער לינקער האַנד קלאַפּט ער אַלץ נאָכאַנאַנד דעם שמייסער אין רוקען, און פון צייט צו צייט גיט ער נאָך מיט'ן מויל אַ פייף, אַז די פערד שפּרינגען פון דער הויט און ציהען זיך אויס אינ'ם גאַלאָפּ, ווי די שלאַנגען!

און דער שמייסער האַלט אין איין שרייען: יודען, בני רחמנים, ראַטעוועט! יודען, בני רחמנים, ראַטעוועט!

ני — ראַטעווע! גאַנצע בינטען פונקען רייסען זיך פון אונטער די פּאָרקאָוועס!

יאָגט מען נאָך די בויד — מיט צעשראָקענע אויגען, זאָגט מען: „השם ישמרנו‟, אַנדערע קלערען נאָך וועגען גומל־בענשען. ווייבער לויפען נאָך אַרויס פון די קלייטען און שרייען: געוואַלד!

כוז אָבער די בויד דורכלויפען דאָס שעכט־הויז, גיבען זיך אַלאָז אַרויס כלבים, און שפּרינגען די פערד אין די מאָרדעס; לויפען אַרויס קצבים און העקער יונגען, שפּרינגען צו און האַפּען ביי די לייצעס — גיבען זיך די פערד אַשטעל־אָב, אַז עס ציטערט אויף זיי די הויט פאַר שרעק, זענען די קצבים און די העקער־יונגען אויף דער בויד!

וואָס איז? ווייזט זיך אַרויס: אַ קליין סכסוך'ל... דער אָנגעטהוענער ווי אַ בעל־הבית, מיט'ן לעדערנעם געלד־פּאַס אויף די לענדען, שרייט, אַז דער שמייסער איז משוגע געוואָרען, וויל דוקא פּטרן, און ער אַיילט

דך אויפ'ן יריד מיט בריליאַנטען... קריגען די לייט אַביסעל דרך-ארץ — און דער שמייסער טענה'ט, אַז ניט ער איז דער שמייסער, נאָר טאַקי יענער... אלא וואָס? אויפ'ן וועג, אין וואַלד קומען זיי ממרחקים און פאָהרען קיין מרחקים, איז ער איהם ביינאַכט אין וואַלד בעפאַלען, צוגעלעגט אַ מעסער צום האַלז, גענייט, זיך איבערצושהון און ער וויל איהם צוגזל'ען די בריליאַנטען, דאָס געלד, די בויד מיט די פערד... אַליין! דעריבער, אַז ער האָט דערזעהן אַ יודישע קהלה, האָט ער אָנגעהויבען שרייען... און יענער לייקענט אַלץ שטיין און ביין; להד"ם און להד"ם! — דרעהט מען איבער פערד און וואָגען, טרייבט קוים אָב די כלבים און מען פערפאָהרט צום רב.

הייבט זיך אָן אַ חקירה ודרישה, הערט דער רב אוים יעדען בעזונדער. לאָזט מען קודם כל אַריין דעם טוען, דעם, וואָס איז אָנגעטהון ווי אַ שמייסער. הערט איהם דער רב אויס, און זאָגט: אַ פנים — גשמיות שבגשמיות; אַ לשון פון אַנ'אמת'ען בעל-עגלה.. און דאָס קול אַליין איז אויך ניט פון הדר אַרוים... אַ קול פון וואַלד, פון פרייען פעלד און — אויף סוסים!

פונדעסטוועגען הוקר'ט ער ווייטער:

— וויפיעל סחורה האָט איהר אין בויד?

— איך וויים? כ'פיהר עפעס השבונות? אַנ'עם האָרץ בין איך, רבי! גאָט האָט געהאָלפען — האַנדעל איך מיט בריליאַנטען!

— און וויפיעל געלד האָט איהר אין ביטעל געהאַט?

— איך צעהל נישט; כ'וויל, ס'זאָל אַריינקומען די ברכה...

דאַכט זיך שוין, זיכער אַ בלבול! דער רב, פונדעסטוועגען, קרעכ"צט אָב, און מ'לאָזט אַריין דעם צווייטען: אַ פנים פון אַ בן תורה. דער רב גיט איהם אַ טאַפּ אין לערנען, גיט ער אַ מיש אוים ש"ס ופוסקים. נאָך אין מיטען דערינען גיט ער אַ זאָג: „רבי! וואָס טויג לאַנג טענה'ן, זעהט!"

— און ער גיט אַ שיט אוים פון גאַרטעל: סאַמע גאָלדענע רענדלעך, רויטע פלאַמען קאָלערן זיך איבער'ן טיש — „און — העלפט פון די בריליאַנטען קריגט איהר אויך, נאָר זאָגט, ס'איז מיין!"

גיט זיך דער רב אַ שטעל אויף, און גיט אַ קוויטש:

— גז— לן!

לויפט דער עולם אַריין — ווישט מען זיך די אויגען! וואו טוען, וואו גמען, וואו רענדלעך? — נעלם געוואָרען, נישטאָ קיין בויד, קיין פערד — די ערד האָט זיי איינגעשלונגען!

קלערט העלם: צי עס איז געווען אַ חלום, צי, רחמנא לצלן, אַ כישוף;

דערווייל ברענגט מען אַ תשובה דעם בעל-דבר.

זאָגט ער:

— שוטים! הורש וואָלט ער אפשר גענומען, אָבער נישט ביי אַ מלתא דעבידא לגלויי! — עס וואָלט אַמאָל אַרויס, ווי בזימ'ל אויפ'ן וואַסער... מען וואָלט איהם אָבגעצויגען און נאָך אַריינגעזעצט אין תפיסה! אַ נאַר איז ער!

זעצט מען איין די נאַרישע לאַפּיטוטען אויף אַ יאָהר קוילען מיט סמאָלע; מאַכט מען נאָך אַנ'אסיפה, שרייט מען שוין נישט: איך, איך! נאָר צוויי פון די גרעסערע, איינער עפּעס אַ גרויסער תריף, דער צווייטער — אַ זקן ורגיל, נעהמען אויף זיך די זאַך...

צווישען ימים נוראים, אַ קאַלטער, השד'דיגער רעגען-טאָג; העלם וויקעט זיך אין בלאָטע, דער הימעל, איבער איהם, טריפט מיט מרה-שחורה, קומט אָן צוגעהן עפּעס אַ יוד אַ בעטלער, הויט-און-ביין, רחמנא לצלן... צַנ'אויסגעהונגערטער און אויף קיליעס, איין פוס — אונטער זיך... שלעפּט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר, פון קלייט צו קלייט... און בעקומט אין צעהנטען הויז אַנ'אַלט שטיקעל ברויט, צו וועלכען ער האָט גאָר קיין ציינער נישט; אין צוואַנציגסטען — אַנ'אָבגעריבענעם גראָשען, וואָס גליטשט זיך אויס פון דער האַנד אַרויס, — העלם דאַרף נישט קיין פרעמדע קבצנים, האָט היימישע און בכבודיגע, און אַלערליי בעהאַלטענע אָרימע לייט, אַלץ אַלמנות ויתומים פון שוחטים, דיינים, רבנים און אַנדערע כלי-קודש...

שלעפּט ער זיך אַזוי אַרום, איין טאָג, דעם צווייטען טאָג, — די נאַכקייט און די קעלט נעהמען איהם דורך; די וואַטע, וואָס עס קריכט פון מלבוש אַרויס — טריעפט, די אויגען קריכען איהם פון די לעכער אַרויס; און פּלוצלינג, אין מיט'ן מאַרק — דער יוד פאַלט! איין קוליע — רעכטס, די צווייטע — לינקס, און ער ליעגט אין דער מיט — און שוים איבער'ן מויל...

יודען בני רחמנים לויפען, מן הסתם, צו, דער — מיט וואַסער און שפּריצט, דער — מיט אַ ביסעל ראָזינקעס-וויין, יענער — מיט אַ מעסער, די צייהן אויפצורייסען און אַ פּאָר טראָפּען אַריינצולאָזען... אַנדערע שרייען: העלם איז סדום! און דער יוד הייבט דערווייל אָן גוסס'ען...

מען וועט דאָך איהם נישט לאָזען, חלילה, שטאַרבען אין גאַס! ווערט אַ שאלה, וואו אַהין? — טראָגען זיך די בעלי-בתים אָב — אַנדערע האָבען נ'ט וואו, געהט פּונקט פאַרביי דער רב, זאָגט ער: צו מיר! מן הסתם צו מיר! —

מען האָט איהם נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פיל פון בויגען געפאָלגט...

לעגט מען דעם גוסס אין רב'ס בעט אַריין, ליעגט ער, ווי אין דעם הינער-פלעט— דער רב זיצט ביים טיש, קוקט אין אַ ספר אַריין, וואַרפט אַלע פאָר שורות אַיין אויג צום חולה— אין גאַס דרעהען זיך אַרום יודען, טאָמער וואָס, זאָל מען זיין גרייט... עס פאַלט צו די נאַכט— דער רב וויל זיך שטעלען מעריב דאַוונען, דערהערט ער, דער חולה רופט. געהט ער צו איהם מיט גרויס רחמים צו, בייגט זיך איהם איבערן מויל און הערט,— ער רעכענט: אַ צואת שכיב מרע...

—רבי, בלאָזט פון די ליפען אַרויס דער חולה,— איך בין אַ גרויבער בעל עברה... און איך וויל אַזוי נישט שטאַרבען, כ'וויל מיך פאַר איין מתודה זיין...

וויל דער רב אַריינרופען מענשען. האַפט איהם דער חולה אָן ביי דער האַנד: הס ושלום, הס ושלום!— אונטער פיער אויגען וויל ער...

דערצעהלט ער איהם, אַז כל ימיו איז ער אַ בעטלער געווען און— אַ פאַלשער בעטלער. געגאַנגען נאָך ברויט פאַר ווייב און קינד, און האָט קיינמאָל קיין ווייב און קיין קינד נישט געהאַט... געבעטעלט אויף הכנסת כלה פאַר עלטערע טעכטער— און שטענדיג געוועָן אַליין, ווי אַ שטיין אין פעלד... צוזאַמענגענומען אויסצוהאַלטען ישיבות — און קיין שום תלמיד חכם האָט דערפון קיין שום טובת-הנאה נישט געהאַט.. אויף ארץ-ישראל— נישט אַוועקגעשיקט קיין פרוטה! פאַר ר' שמעון בר יוחאָי'ס קבר— און דיך אין בוזעם אַריינגעשטעקט... מיט ארץ-ישראל-ערד געהאַנדעלט, און הינטער'ן פלויט געגומען... וכדומה...

און אַרויסגראַבלענדיג אַ לייוועַנטענעם בייטעל פון בוזעם, זאָגט ער: און דאָס האָב איך אָנגעזאַמעלט!

און גיט אַיין עפען אויף: סאַמע באַנק-צעטלעך— און— איינס אין איינם— הונדערטער!

— דאָס— זאָגט ער— גיב איך אַייך איבער, רבי, אַלס געצאָהלט,— אויף צדקה, לפי ראות עיניך;

גיט נישט דער העלעמער רב אַ שפרונג אָב צום פענסטער, רייסט עס אויף און גיט אַ געשריי אַרויס: יודען, קומט אַריין צעהלען צדקה-געלד!— גלייך, ער וואָלט יונגער געוואָרען מיט 50 יאָהר——

לויפט מען אַריין— קיין באַנק-צעטלען, קיין גוסס— נאָר אַ צוזודערטע בעט און צוויי אויסגעהאַקטע שויבען...

קלערט מען ווייטער: אַ הלום, צי, חס ושלום,– כשוף; דער בעל־דבר שטעהט מיט איין אָפּען מויל און זאָגט:

שוין נישט קיין מלתא דעבידא לגלויי...

דער שוואַרצער עולם איז צורודערט!

זאָגט לילית: ער וועט קומען אויף מיינע הענד– אַלטע מיטלען!–

איז אַמאָל דער העלעמער רב נישט בקו הבריאה, שיקט ער דעם שמש נאָכ'ן פעלדשער, ער זאָל איהם לאָזען אַביסעל אָדער, די געבליטען אָבצוציהען... און שטעלט זיך דערווייל, צו שקיעת החמה איז עס געווען, מנחה דאַווענען.– שטעהט ביי דער וואַנד שמונה עשרה– עפענט זיך די טהיר, קומט אַריין אַ מויד מיט אַ שאלה. דער רב דאַווענט, וועט זי וואַרטען, דרעהט זי זיך אַרום, געהט אויף און אָב– דער רב קוקט זיך נישט אום... פערגעסט זי זיך מכלומרש'ט, הייבט אָן עפּעס אונטערצוזינגען... און האָט, פערשטעהט איהר מיך, איין אמת קול באשה!... נו– הערט ער זי? ווערט זי, מכלומרש'ט, מיעד, האַפּט און זעצט זיך, און צעוויעגט זיך אויפ'ן בענקעל: ס'בענקעל סקריפּעט... נאַריש– ווען אַ שלאַנג קומט איהם בייסען, דירהרט ער זיך אויך נישט פון אָרט! ווערט די מויד שוין אַביסעל בייז, און לויפט האַסטיגער ווייטער איבער דער שטוב. געהט אויס דער רב שמונה עשרה, זאָגט ווייטער, שפּייט אויס, זאָגט אָב די רעשט... זעצט זיך צום טיש, און מאַכט גאַנץ גלאַסען: ווייז דעם עוף! וויל זי איהם געבען דעם עוף אין האַנד אַריין, זאָגט ער איהר ווייטער גאַנץ גלאַסען: לעג אויפ'ן טיש... אַ יודישע טאָכטער, מוסר'ט ער זי מיט גוטען, דאַרף וויסען, ווי אַזוי מען דערלאַנגט... לעגט זי... עפּעס אַ הינדעל. זאָגט ער: דערצעהל! דערצעהלט זי באריכות, ווי מען האָט די היהן ביי אַ גויה געקויפט, אַהיים געבראַכט, ווי די הוהן איז ענטלאָפען, ווי מען האָט זי געהאַפּט... און לאַכט דערביי, און זעצט אויס די צייהנדליך, און דאָס קול קלינגט אָב אין אַלע ווינקעלעך, און פון די צייהנדלעך איז כמעט אַ שיין דורכגעפלויגען, אַזוי ווייס זענען זיי געווען... און רעדענדיג און לאַכענדיג דרעהט זי זיך אַזוי אַרום טיש... און אַרבעל האָט די קורצע, פערקאַשערטע; הענד––– נאַקעטע, ס'העמד פון פאָרענט אויפגעריסען, און דאָס לייב,– די האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט,– שמעקט מכל המינים בשמים!– און זי סטאַרעט זיך... און רידהרט זיך אָן אָן טיש, אָן בענקעל, אָן רב'ס האַנד... קוקט ער אויף דעם הינדעל, לויפט זי און שטעלט זיך איהם פון הינטען, און קוקט

אריבער, און ריהרט אן מיט דער מארדעטשקע דעם קאפ... און דער אטהעם
ווארמט אידם דורך די יארמולקע... בלאזט אויפ'ן נאקעטען האלז און— אליך
בהנם! דער רב הערט אוים, ווארפט נאך אמאל איין אויג, וואו מען דארף
און זאגט: כשר! און דו,— זאגט ער,— מיידעל, היים דיר רעדען א שידוך!!
פלידט ארוים די מויד מיט דער הויהן דורכ'ן פענסטער...
שמייכעלט דער רב. ער האט שוין פערשטאנען, וואס עס בעטייט—
און גאר נישט.

———

און דארט איז ווייטער איין אסיפה. זה בכה וזה בכה. רופט זיך אן
גאר א יונג לאפיטוטעל, ערשט אויף דער לערן, נאך קיין איין פעדער נישט
אין קאפ און קיין איין צאהן ארום האלז, רופט ער זיך אן און זאגט:—
האט דער העלעמער רב גאר קיין תאוה נישט?
— אין גאנצען אויסגעטהון!— ענטפערט מען.
— האט גארנישט ליעב?
— אפשר א שוויץ-באד ערב שבת...
פויזע. גיט ער נאך א פרעג: האט ער נישט עפעס א מנהג, א גע-
וואהנהייט, קנעטען, למשל, קיילעכלעך פון ברויט ביים בענטשען?...
— מען האט אידם נישט געזעהען עסען! מן-הסתם נ י ש ט...
איין לילית דערמאנט זיך, אז ער האט אידרע בשמים דערפיהלט, האט
ער געהאפט א שמעק טאבאק!
— גענוג!— זאגט ער — און נעמט רשות— ואיננו!
א מנהג ישן האט דער העלעמער רב געהאט, יעדען ערב שבת
נאכ'ן באד, ארויסצוגעהן אין פעלד אריין,— געהאט שוין א וועג צווישען
ווייץ און צווישען קארן— און צו זאגען בעל-פה שיר השירים. און ווייל
ער איז געווען א יוד א פער'תוש'טער, און האט מורא געהאט, ער זאל
נים פערגעהן צו וויט, האט ער זיך איינמאל פאר אלע מאל אויסגעמאסטען
מיט די טריט דעם וועג. און געמאכט זיך א סימן אן א ביימעל... „מה נאה
אילן זה", האט ער נ י ש ט געזאגט, האטש אויפ'ן ביימעל זענען געוואקסען
פ י ר ו ת ווי די ק ר ע ל ע ן... נאר פאר א סימן... פלעגט ער האלב שיר-
השירים אבזאגען אויפ'ן וועג ביז צום ביימעל, אנידערזעצען זיך, נעמען
א שמעק טאבאק פון קארענעם פושקעלע, אברוהען דך אווילע, און אויפ-
שטעהן, געהן צו קבלת שבת, און אבזאגען די צווייטע העלפט שיר השירים
צוריקוועגס... און פלעגט קומען פונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, אײדער דער רב איז אָנגעקומען, בעװײזט זיך אויף דעם אָרט אַ הײטשעל, מיט אַ קאַפּעליוש, מיט הױזען אין גרינע פּאַסען, און גײט אַרײַם אויס דאָס בײמעל און גיט עס אַ טראָג-איבער אַ שטיק װײַטער, און זעצט זיך אונטערן בײמעל פון יענער זײט, און זיצט — אַ שמאָל הײטשעל — כּדי מען זאָל עס נישט זען ארויס.

קומט אָן דערװײל דער רב צום אָרט, װאו דאָס בײמעל איז געשטאַנען — האַלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום בײמעל איז נאָך װײט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכונה. נעמט ער אויף זיך באַלד אַ תשובה. עס האָט זיך איהם, װי אַלע מאָל, פערװאָלט אַ שמעק טהון... דאָס האַרץ חלש'ט איהם — ער װעט נישט נעמען, ביז ער װעט נישט צוקומען צום בײמעל! ער איז אפילו שוין אַבּיסעל מיעד... נאָר משנה זײַן װעט ער נישט... און ער געהט קוים, ער קומט צום בײמעל צו. אַזױ מיעד איז ער געװען און אַזױ האָט זיך איהם פערגלוסט אַ שמעק-טאַבאַק — ממש די אויגען זעהען נישט! נאָר, געלױבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן בײמעל! האַפּט אַרויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס ציטערן איהם אַוש די הענד, — גיט עפּעס פון הינטען אַ בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פאַלט איהם פון דער האַנד אַרויס; שטרעקט ער אויס די האַנד — עס גיט אַ בלאָז, מן הסתם — אַ װינטעל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך װײַטער, ער ציהט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט װײַטער אויס די הענד — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק-טאַבאַק ציהט איהם.... קריכט ער אַזױ אויף אַלע פיער... שמײכעלט דאָס הײטשעל אונטערן בײמעל פון יענער זײט און הערט נישט אויף צו בלאָזען. פּלוצלונג גיט ער אַ האַפּ אַרויס דאָס בײמעל.... און כּהרף עין שטעלט ער עס װידער, װאו עס איז געשטאַנען.... דער רב האָט נישט אויפגעהערט צו האַפּען ס'פּושקעלע... ער בלאָזט װײַטער... דער רב גיט אַ קוק: דאָס בײמעל שטעהט פאַר איהם װײט! מײנט ער, אַז ער איז, פערטראַכטערהײד, פערקראָכען צו אַן אַנדער בײמעל, — הײבט ער אויף די אויגען צום הימעל — אויסגעשטערנט! ער האָט אפילו שקיעת החמה נישט בעמערקט.... אַזױ האָט איהם דער שמעק טאַבאַק געצױגען! — אמת, זעהר אַ ליכטיגע נאַכט געװען... מילא, עס איז מעהר, װי אַ תחום שבת — אין שטאָדט אַרײַן װעט ער נישט געהן, שפּײַזען װעלען איהם די קראָהען, װאָס האָבען אליהו הנביא געשפּײַזט... נאָר האַפּען ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשעל בלאָזט, ס׳פּושקעלע קאָ-לעיט זיך...— כ׳וועל איך לאַנג נישט בריען, ער איז אַריבער איבער אַ תּהום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטעל האָט באַלד אַ גרעסערע שליחות בעקומען!

פאַר׳ן אַוועקגעהן, האָט ער צום שוואַרצען עולם געזאָגט:

—איבער אַ באַרג פאָלט מען נישט.... געשווינדע שטרויכעלט מען איבער קליינע תּאוהלעך.

IV.

תענית.

אינהאלט.

זייטע

דער תענית (בילד) . . . 51

מקובלים (חסידיש) . . . 55

דער תענית.

אַ ווינטער נאַכט! שרה זיצט ביים „קאַגאַנעק“ און שטאָפּט אַיין אַלטען זאָק. די אַרבייט מיט געפּרוווירענע הענד גערט נישט זעהר געשווינד; פאַר קעלט זענען אידר אויך ברוין און בלאָה געוואָרען די ליפּען, אָפּט לעגט זי אַוועק די אַרבייט און צולויפּט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרימען די געפּרוווירענע פים.

אין אַ בעט אויף אַ גאַלען שטרוי־זאַק שלאָפען פיער קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטליכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל האַפּט זיך אויף איין אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף איין אַנדער קעפּעל און רופט: עסען!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, אָט, באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וויעטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפ־וועקען!

— און וואַרעמעס? — פרעגען די קינדער וויינענדיג — מיר האָבען הייַנט נאָך קיין וואַרעמעס נישט געגעסען!

— וואַרעמעס אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגען אין אַלע זייטען, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפינען צו פערזעצען... נישט דאָ!

ליידיגע, נאַסע פיער ווענד! אַ צושפּאַלטענער אויווען! אַלץ איז נאַס און קאַלט!... אויפ'ן קוימען שטעהען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפ'ן אויווען — איין אַלט, אויסגעבויגען, בלעכען חנוכה־לעמפּעל; אין דער הייך אין באַלקען שטעקט אַ נאָגעל — אַ זכר פון אַ העננגעל־לייכטער, צוויי ליידיגע בעטען אָהן אַ קישען... גאָר נישט, גאָר נישט מעהר!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זענען רעכט אַיינגע־שלאָפען. שרה קוקט אויף זיי מיט האַרצ־ווערטאָג, מיט רחמנות, און

טראָגט איבער די פערוויינטע אויגען צו דער טהיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אַריין; קאַנעץ קלאַפּען, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זייט וואַנד. אַ שטראַהל פון האָפנונג בעלייכט איהר אַיינגעשרומפּען פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אָן אַ פּוס, הייבט זיך שווער אויף און געהט־צו צו דער טהיר. די עפענט, עס קומט אַריין אַ בלאַסער, אַיינגעבויגענער יוד מיט ליידיגע קאַנען.

— נו? פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לעגט אָב די יאָך, זיפצט אָב און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָר נישט! גאָר נישט! מהאָט אין ערגיץ נישט בעצאָהלט... מאָרגען, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַליין — מאָרגען.... איבער מאָרגען... ראש־חדש...

— די קינדער האָבען כמעט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט שרה — האָטש גוט — זיי שלאָפען... בידנע קינדער מיינע! זי קאָן זיך נישט אַיינהאַלטען און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסט דו, נאַר!? פרעגט דער מאַן.

— אַה, מענדעל, מענדעל... די קינדער זענען אַזוי הונגעריג!... מיט געוואַלד וויל זי אַיינהאַלטען די טרעהרען.

— און וואָס וועט זיין אונזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדען טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! זינדיג נישט מיט די רייד! פאַר אַ יאָהרען איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָהן ברויט און דערצו נאָך אָהן אַ דירה! די קינדער האָבען זיך בייטאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט — אין די הייף... היינט האָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, האָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאַנט, אַז דעמאָלט איז איהר טאַקי אין מיטען גאַס אַ קינד אַוועקגענומען. עס האָט זיך פערקיהלט, הייזעריג געוואָרען און געשטאָרבען.

— געשטאָרבען חי אין וואַלד... (זיי צו לענגערע יאָהר!) נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען... מישטיינס געזאָגט נישט אפילו די שוהל איינגעריסען, נישט דאָס פעלד געמאָסטען, קיין עין הרע נישט אָבגעשפּראָכען... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!"

און ער טרייסט זי.

— זיין נישט שרה, וויין נישט... דינריג נישט פאַר גאָט!

— אַה! ווען וועט ער שוין אויף אונז רחמנות האָבען!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זעה, ווי דו זעהסט אויס! היינט צעהן יאָהר איז געוועזען אונזער חופה... קוק אָן דיין פּנים.... וועה און וויגד! דו ביזט דאָך געוועזען די שענסטע אין שטאָדט!

— און דו? ! דו האָסט דאָך געהייסען, געדענקסט, מענדעל גבור... היינט ביסט דו געבויגען אין דרייען, קראַנק... האָטש דו האַלטסט פאַר מיה בסוד??!

— אַה, גאָט! גאָט! רייסט זיך איהר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער האַפּען זיך אויף און בעטען: עסען, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? האָט זיך מענדעל פּלוצלונג אָנגערופען.

די קינדער זעצען זיך אויף דערשראָקען.

די קינדער זעצען זיך אויף דערשראָקען.

— היינט איז אַ תענית, — זאָגט מענדעל מיט אַ פינסטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבען פער־שטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

—וואָס פאַר אַ תענית? וואָס פאַר אַ תענית?—פרעגען זיי, וויינענדיג.

און מענדעל פערצעהלט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, אַז היינט, נאָך ביי שחרית, צו קריאת־התורה, איז אַראָבגעפאַלען די ספר־תורה פון שלחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגען אויסגערופען אַ תענית, אפילו פאַר זייגעדיגע קינדער!

די קינדער שווייגען און ער פיהרט ווייטער.

„אַזאַ תענית ווי יום־כפּור, ווי תשעה־באב; פון היינט פאַר נאַכט אָן!" די פיער קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבען אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצען איבער דער שטוב און צו רופען:

— מיר וועלען פאַסטען! פאַסטען!

מענדעל פערשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַנאַנעק, זיי זאָלען נישט זעהן, ווי די מוטער גיסט מיט טרעהרען.

— נו, גענוג! בערוהיגט ער די קינדער — גענוג! אין אַ תענית טאָג מען נישט טאַנצען... אם ירצה השם, — שמחת־תורה!...

די קינדער זענען צוריק אין בעט אַריין.

פערגעסען דעם הונגער!

אַ נײדעלע הײבט אָן זינגען „אבינו מלך” „אויפ'ן הויכען באַרג”...
אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַלע גליעדער...
— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פערשטיקטער שטימע —
די קינדער ווערען שטיל און שלאָפען אײן, מיעד פון טאַנצען און זינגען. אײנער דאָך, דער עלטערער, וואַגט זיך נאָך און פרעגט:
— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצוה?
— נאָך ווײט, הײמ'ל, נאָך ווײט... נאָך פיער יאָהר, זאָלסט מיר לעבען און געזונד זײן....
— דעמאָלט ועסט דו מיר קויפען אַ פּאָר תפלין?
— ווי דען?
— אַ תפלין־זעקעלע?
— מן התם!
— און אַ סדור'ל?.... אַ קלײנ'ס מיט אַ גאָלדענעם שניט?
— מיט גאָט'ס הילף... בעט גאָט, הײמ'ל!
— דעמאָלט, וועל איך פאַסטען אַלע תעניתים
— יאָ, יאָ, הײמ'ל... אַלע תעניתים...
שטיל האָט ער צוגעגעבען:
— רבונו של עולם, נאָר נישט אַזױנע, ווי הײנט!...

מקובלים.

אין די שלעכטע צייטען, פאַלט אַפּילו תורה—די בעסטע סחורה—אויך.

פון דער לאַשציווער ישיבה איז מעהר נישט געבליבען נאָר דער ראש־ישיבה—ר' יעקיל מיט איין איינציגען תלמיד.

דער ראש־ישיבה איז איין אַלטער דאַרער יוד מיט אַ לאַנגע צושויבערטע באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען; למך, זיין געליעבטער תלמיד, איז אַ יונגערמאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט שוואַרצע געקרייזעלטע פאות, ברענענדיגע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגען, פערברענטע ליפען, און אַ ציטעריגען שפּיציגען גאָרגעל; ביידע—מיט „אויפגעהראַשעטע" העמדער, אָהן העמדער, ביידע אין לאַכעס; דער ראש־ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוועל, דעם תלמיד אָהן זאָקען פאַלען די שוסטער־שיך אַראָב פון די פיס.—

דאָס איז געבליבען פון דער בערימטער ישיבה!

דאָס פעראָרעמטע שטעדטעל האָט אַלע מאָל ווייניגער געשיקט עסען. געגעבען טעג; זענען זיך די אָרעם־בחורים צוקראָכען! ר' יעקיל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבען, און זיין תלמיד—לעגען איהם די שערבלעך אויף די אויגען.

און זיי ביידע ליידען אויך אַמאָל הונגער. פון ווייניג עסען קומט ווייניג שלאָפען, פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפען, און נישט עסען—אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך—דאַרף מען אויף זיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג,— לאָז מען האָטש דערפון אַ נוצען האָבען, זאָל האָטש זיין: תעניתים מיט סגופים, זאָלען זיך האָטש עפענען אַלע טויערען פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

אצונד זיצען זיי ביים לאַנגען טיש, איינע אַליין. ביי יעדען איז אצונד נאָך מיטאָג, ביי זיי איז נאָך פאַר פריהשטיק. זיי זענען דאָך געוואהנט דערצו. — דער ראש־ישיבה פערגלייסט די אויגען און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפאַרט אויף ביידע הענד מיט'ן קאָפּ און הערט —

— אין דעם זענען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קאָן אַ שטיקעל, איינער אַ האַלבען, איינער אַ גאַנצען נגון. — דער רבי, ז"ל, האָט געקאָנט אַ גאַנצען נגון, אפילו מיט אַ צושפּיעל! — איך (האָט ער צוגעגעבען טרויעריג) האָב קוים די זכיה צו'ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס....

ער האָט אָבגעמאָסטען אַ פּיצעלע פון דאַרען פינגער און האָט ווייטער געצויגען:

— עס איז פערהאַנען אַ נגון, וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז גאָר אַ ניעדעריגע בחינה.... עס איס פערהאַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול... און ליפּען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרוים! און ליפּען — פערשטעהסט דו — זענען דאָך גשמיות! און דאָס קול אפילו, עס איז אַ[יין] עדעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטעהט אויפ'ן גרעניץ צווישען רוחניות און גשמיות!

נאָר סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָב פון די ליפּען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען ריין... נאָך נישט קיין אמת'ער רוחניות!...

דער אמת'ער נגון אָבער, זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניג, אין האַרץ, אין די געדערים!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלך'ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינ'ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער ניגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכען גאָט האָט די וועלט בעשאַפען; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסען אין איהר....

און אַזוי זינגט די פמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד", זכרונו לברכה!

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער. ער איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, אַני־

דערגעשטעלט אַ שיסעל גריץ מיט אַ שטיקעל ברויט אויפֿן טיש נעבען ראש־ישיבה, און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: „ר׳ טעביל שיקט דעם ראש־ישיבה עסען!״ און האָט זיך איבערגעדרעהט, און, אַרויסגעהענדיג, צוגעגעבען: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסעל!״

אַרויס, דורך דעם גראָבען טרעגער־קול, פֿון דער געטליכער האַרמאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפֿגעהויבען און איז, נאָכשלעפּענדיג די גרויסע שטיוועל, צוגעגאַנגען צום כּיור זיך וואַשען.

געהענדיג, האָט ער ווייטער גערעדט, נאָר מיט ווייניגער התלהבות, און דער תלמיד האָט איהם פֿון זיין אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפֿגעשמיצטע אויערן און ברענענדיגע פֿער׳חלומ׳טע אויגען.

— נאָר — זאָגט ווייטער ר׳ יעקיל מיט אַ טרויעריגער שטימע — איך האָב אפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, אין וואָס פֿאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכען שער דאָס קומט! זעהסט דו, — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכעל, — די סגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף דערצו, די ווייס איך, און איך וועל דיר נאָך אפשר היינט איבערגעבען!

דעם תלמיד קריכען שיער די אויגען אַרויס; ער האַלט אָפען דאָס מויל צו האַפּען יעדעס וואָרט. נאָר דער רבי האַקט אָב; ער וואַשט זיך, ווישט זיך די הענד, זאָגט „שאו ידיכם״, געהט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריגע ליפּען, די „המוציא״....

מיט ציטעריגע, דאַרע הענד הייבט ער אונטער די שיסעל. די פֿאַרע פֿערדעקט איהם מיט אַ וואַרימען דינסט דאָס בייניגע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפֿעל אין דער רעכטער האַנד, און וואַרעמט די לינקע האַנד אין ראַנד פֿון שיסעל. דערביי צעקוועטשט ער מיט דער צונג, אָן די גאָלע דויאַנסלעס, די רעשט „מוציא״ מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרעמט דאָס פּנים מיט די הענד, קנייטשט ער שטאַרק איין דעם שטערען, ציהט צוזאַמען די בלאָנגעבלאָהע, דאַרע ליפּען, און הייבט אָן בלאָזען.

ביי דער גאַנצער צייט האָט פֿון איהם דער תלמיד קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט. און, בשעת דעם רבינ׳ס ציטעריג מויל איז אָקעגענגעלאָפֿען דעם ערשטען לעפֿעל גריץ, האָט איהם עפּעס אָנגעהאַפּט ביים האַרץ; ער האָט זיך פֿערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און האָט זיך איינגאַנצען איינגעצויגען.

אין אַ פּאָאר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסעל גריץ מיט ברויט:

„ר׳ יוסף שיקט דעם תלמיד אַנבייסן!״

נאָר דער תלמיד האָט נישט אָוועקגענומען די הענד פון פנים.

דער ראש־ישיבה האָט אַוועקגעלעגט דעם לעפעל און איז צוגעגאַנגען צום תלמיד. אַ ווײַלע האָט ער מיט שטאָלצער־ליבע אויף אים געקוקט, דערנאָך האָט ער אײַנגעהילט די האַנד אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסעל.

— מען האָט דיר געבּרענגט עסן, — וועקט ער אים מיט אַ פרײַנדלעך קול.

טרויעריג און לאַנגזאַם האָט דער תלמיד אָוועקגענומען די הענד פון פנים. און דאָס פנים איז נאָך בּלאַסער געוועזן, און די אונטערגעשלאָגענע אויגען האָבּען נאָך ווילדער געבּרענט.

— איך ווייס, רבי! — ענטפערט ער — נאָר איך וועל נישט עסן היינט.

— דער פיערטער תענית? — האָט דער ראש־ישיבה געפרעגט פערוואונדערט. — און אָהן מיר? — גיט ער צו מיט אַ פּרעטענסיע.

— עס איז אַיין אַנדערער תענית, — ענטפערט דער תלמיד. — עס איז אַ תענית־תשובה!

— וואָס רעדסט דו? דו — און אַ תענית־תשובה?

— יאָ, רבי! אַ תענית־תשובה.... אַ רגע פריהער, ווען איהר האָט אָנגעהויבּען עסן, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא־תחמוד!

אין דער זעלבּער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תלמיד געוועקט דעם רבּין. זיי זענען בּיידע געשלאָפען, זיך געגען איבּער, אויף בּ[illegible]ק אין קלויז.

— רבי — רבי! — האָט ער גערופען מיט אַ שוואַך קול.

— וואָס איז? — האָט זיך דער ראש־ישיבה אויפגעהאַפּט דערשראָקען.

— איך בּין אַצונד געווען אין דער העכער מדרגה...

— ווי אַזוי? — פרעגט דער ראש־ישיבה נאָך אַביסעל פערשלאָפען.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש־ישיבה האָט זיך אויפגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תלמיד מיט נאָך אַ שוואַכער קול געענטפערט. — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפען, האָב איך מיך פערטיעפט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דוקא קאָנען דעם

ניגון... און איך האָב, פאַר גרויס צער, וואָס איך קאָן נישט דעם ניגון, אָנגעהויבען וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע אֵברים האָבען געוויינט פאַר'ן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס אידר האָט מיר איבערגע-געבען... אַ וואונדערליכע זאַך: נישט מיט'ן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניג.... פון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיג געוואָרען.... איך האָב געהאַלטען צו די אויגען, און עס איז מיר געווען ליכטיג, זעהר ליכטיג, זעהר שטאַרק ליכטיג!...

— אָט! — ביינט זיך צו דער ראש־ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרען פון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָר נישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פערלוירען, אַז איך קאָן פליהען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרען לוסטיג, לעבעדיג, לאַכעדיג.... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּען אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט.... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציג, אַזוי נחת'דיג געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי איין אָנהויב פון אַ ניגון געברומט—

דער ראש ישיבה איז אַראָבגעשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיטאַמאָל געווען ביי'ם תלמיד:—

— נו — נו —

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבען זינגען!

— וואָס האָסט דו געפיהלט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפיהלט, אַז אַלע חושים זענען מיר פערשטאָפּט און פערמאַכט, און עפּעס אינעווייניג זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָהן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— ניין, איך קאָן נישט... פריהער האָב איך געוואוסט... דערנאָך איז פון'ם זינגען געוואָרען..... געוואָרען.....

— וואָס איז געוואָרען — וואָס?...

— אַ מין שפּיעלען... גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינעווייניג, אין

מיר, אַ פידעל געהאַט. אָדער גלייך יונה כלי־זמר זאָל אין מיר זיצען און שפּיעלען זמירות, ווי ביים רבּי'ן צו טיש! נאָר עס האָט געשפּיעלט נאָך בעסער, נאָך עדעלער, מיט נאָך מעהר רוהגיות! און אַלץ אָהן אַ קול, אָהן אַ שום קול — סאַמע רוהגיות!....

— וואָהל איז דיר! וואָהל איז דיר! וואָהל איז דיר!

—— אַצונד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריג דער תּלמיד, — עס האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי, אַ־זוי מי־ע־ד, מי־עד! אַז איך...

— רבּי! — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטהון, זיך אָנהאַפּענדיג ביי'ם האַרץ, — רבּי! זאָגט מיט מיר ודוי! מען איז געקומען נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פּמליא של מעלה אַ זינגער'ל פערפעהלט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגעל!... רבּי! רבּי! שמע ישראל! שמעעע... יש...

דאָס גאַנצע שטעדטעל, ווי איין מענש, האָט זיך געוואונשען אַזאַ טויט, נאָר פאַר'ן ראש־ישיבה איז נאָך ווייניג.

— נאָך אַ פּאָר תּעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבען „בנשיקה"!

V.

ימים נוראים.

אינהאלט.

	זייטע
אויב נישט נאך העכער (חסידיש) .	68
צום נייעם יאהר (ריאלאג) . .	68
לשנה טובה תכתבו (געדיכט) . .	72
דער חלום (בילד) . . .	73
דער אלטער ר׳ שמעון (הומארעסקע) .	80
דער נייער ניגון (בילד) . . .	85
נעילה (הומא־עסקע) . . .	88
וואס זאל איך װעלען? (הומארעסקע) .	100

אויב נישט נאָך העכער.

און דער געמיראָװער פלעגט סליחות-צייט יעדן פריהמאָרגען נע״ם װערען, פערשװינדען!

מען פלעגט איהם נישט זעהן אין ערגיץ; נישט אין שוהל, נישט אין ביידע בתי מדרשים, נישט ביי אַ מנין, און אין דערהיים אַודאי און אודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפען. װער עס האָט געװאָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; גע׳גנב׳עט ביי׳ם רבי׳ן האָט מען נ י ט; אָבער קיין לעבעדיג בעשעפעניש איז אין שטוב ניט געװען.

װאו קאָן זיין דער רבי?

װאו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימעל! װעניג געשעפטען האָט אַ רבי, פאַר ימים נוראים, צו פערזאָרגען? יודעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפען פרנסה, שלום, געזונד, גוטע שדוכים, װילען גוט און פרום זיין, און די זינד זענען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזענד אויגען קוקט פון איין עק װעלט ביז דער צװייטער; און ער זעהט, און פערקלאָגט, און מסר׳ט... און — װער זאָל העלפען, אַז ניט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטװאַק; לאַכט ער! איהר קענט דאָך די ליטװאַקעס; פון מוסר־ספרים האַלטען זיי װעניג, דערפאַר שטאָפען זיי זיך אָן מיט ש״ס ופוסקים. װייזט דער ליטװאַק אַ בפירוש׳ע גמרא,— די אויגען שטעכט ער אויס! אפילו משה רבינו, װייזט ער, האָט ביי׳ם לעבען ניט געקאָנט אַרויף אויפ׳ן הימעל, נאָר געהאַלטען זיך צעהן טפחים אונטער׳ן הימעל! נו, געה שפאַר זיך מיט אַ ליטװאַק!

— װאו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה!— ענטפערט ער און ציהט מיט די אַקסלען; און תוך כדי דבור (װאָס אַ ליטװאַק קאָן!) איז ער זיך מיישב, צו דערגעהן די זאַך.

נאָך דעמזעלבען פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנב׳עט זיך דער

ליטוואַק צום רבי'ן אין הדר אַריין, לעגט זיך אונטערן רבי'נס בעט, און ליעגט. ער מוז אָבוואַרטען די נאַכט און זעהן, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טהוט סליחות-צייט.

אַיין אַנדערער וואָלט אפשר אַיינגעדרימעלט און פערשלאָפען די צייט; אַ ליטוואַק טהוט זיך אַיין עצה: לערענט ער זיך אויסענדווייניג אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין ניט: חולין, צי נדרים!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפען אַ צייט. ער הערט איהם שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצען.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצען, ווייס, וויפיעל צער פאַר כל ישראל, וויפיעל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדען קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגעהן, הערענדיג דאָס קרעכצען — אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַיין אַייזערן הארץ, הערט ער צו און ליעגט זיך ווייטער! דער רבי ליעגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבען, אויפ'ן בעט, דער ליטוואַק — אונטער'ן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטען אין הויז הייבען אָן סקריפען... ווי די בני-בית האָפען זיך אַרויס פון די בעטען; ווי מען מורמעלט אַ יודיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגעל, עס קלאַפען זיך אויף און צו די טהירען... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער, דורכ'ן לאָדען שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסעל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבען איינער אַליין מיט'ן רבי'ן, איז איהם בעפאַלען אַיין אֵימה. די הויט איז איהם שיער אויפגעלאָפען פאַר שרעק, די וואורצלען פון די פאות האָבען איהם געשטאָכען אין די שלעפען, ווי די נאָדלען.

אַ קלייניגקייט: מיט'ן רבי'ן, און סליחות-צייט פאַרטאָג, אַליין אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אַיינגעשפּאַרט, ציטערט ער, ווי אַ פיש אין וואַסער, און ליעגט.—

ענדליך, שטעהט דער רבי, זאָל לעבען, אויף...

פריהער טהוט ער, וואָס אַ יוד דאַרף טהון... דערנאָך געהט ער

צו צו דער קליידער-אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקעל... עס באַווייזען זיך פֿויערשע קליידער: לייַנוואַנטינע פּלודערען, גראָבע שטיוועל, אַ סיערמיגע, אַ גרויס פֿוטערנע היטעל, מיט אַ ברייטען, לאַנגען לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגען מיט מעשענע נעגעלעך

דער רבי טהוט עס אָן...

פֿון דער קעשענע, פֿון סיערמיגע, שטאַרט אַרויס איין עק פֿון אַ גראָבען שטריק... פֿון אַ פֿויערשען שטריק!

דער רבי געהט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגעהענדיג, טרעט אָב דער רבי אין קיך, בייגט זיך איין, פֿון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פֿערלעגט זי אונטערן פּאַס און געהט אַרויס פֿון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט ניט אָב.

אַ שטילער, ימים-נוראים׳דיגער פּחד וויעגט זיך איבער די טונקעלע גאַסען. אָפט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פֿון כּליהות, פֿון ערגיץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ; פֿון ערגיץ אַ פֿענסטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטען פֿון די גאַסען, אין די שאָטען פֿון די הייזער... פֿון איין הויז צום אַנדערען שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אידם...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זיין אייגען האַרץ-קלאַפּען מישט זיך צוזאַמען מיט׳ן קול פֿון רבי׳נס שווערע טריט. אָבער געהן געהט ער, און קומט צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן אויס דער שטאָדט אַרויס.

הינטער דער שטאָדט שטעהט אַ וועלדעל.

דער רבי, זאָל לעבען, נעמט זיך אין וועלדעל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיג- פֿירציג טריט און שטעלט זיך אָב ביי׳ן אַ ביימעל, און דער ליטוואַק ווערט נבהל ומשתומם, זעהענדיג, ווי דער רבי נעמט אַרויס פֿון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימעל אַריין!

ער זעהט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט, ווי דאָס ביימעל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימעל פֿאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטעל האָלץ, נעמט עס אַרום מיט׳ן שטריק פֿון קעשענע, ער וואַרפֿט דאָס בינטעל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינ׳ם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פֿון וואַלד, און געהט צוריק אין שטאָדט אַריין.

אין אַ הינטער-געסעל שטעלט ער זיך אָב ביי אַיין אָרים, האַלב־איינגעבראָכען הייזעל, און קלאַפּט־אָן אין פענסטעדל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקען פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יודענע, פון אַ קראַנקער יודענע.

— יאַ! — ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ? — פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאַלאָראָסיש לשון:

— וואַסיל!

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסט דו, וואַסיל?

— האָלץ, — זאָגט דער פערשטעלטער וואַסיל, — האָב איך צו פערקויפען! זעהר ביליג... בחצי חנם האָלץ!

און, ניט וואַרטענדיג אויף תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

דער ליטוואַק גנב'עט זיך אויך אַריין און, ביים גרויען ליכט פון פריהען מאָרגען, זעהט ער אַיין אָרימע שטוב, צובראָכען, אָרים כלי־בית... אין בעט ליעגט אַ קראַנקע יודענע, פערוויקעלט מיט שמאַטעס. און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפען? מיט וואָס זאָל איך קויפען? וואו האָב איך, אָרימע אַלמנה, געלד?

— איך וועל דיר באָרגען! — ענטפערט דער פערשטעלטער וואַסיל; — אינגאַנצען זעקס גראָשען!

— פון וואַנען וועל איך דיר בעצאָהלען? — קרעכצט די אָרימע יודענע.

— נאַריש מענש, — מוסר'ט זי דער רבי, — זעה, דו ביזט אַיין אָרימע קראַנקע יודענע, און איך געטרוי דיר דאָס ביסעל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט בעצאָהלען; און דו, דו האָסט אַזאַ שטאַרקען, גרויסען גאָט, און געטרויסט איהם נישט... און האָסט אין איהם, אויף נאַרישע זעקס גראָשען פאַר'ן ביסעל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצען? — קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כח אויפצושטעהן? מיין זוהן איז אויף דער אַרבייט געבליבען.

— איך וועל דיר איינהייצען אויך, — זאָגט דער רבי.

און, אַריינלעגענדיג דאָס האָלץ אין אויווען, האָט דער רבי, קרעכ־

צענדיג, געזאָגט פון סליחות דעם ע ר ש ט ע ן פזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדען, און דאָס האָלץ האָט פרעהליך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַביסעל לוסטיגער, פון די סליחות דעם צ ו ו י י ט ע ן פזמון...

דעם דריטען פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט, און ער האָט די בלעך פערמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזעהן, איז שוין געבליבען אַ געמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל פערצעהלט, אַז דער נע־מיראָווער, הייבט זיך אויף, סליחות־צייט יעדען פריה־מאָרגען, און פליהט אַרויף אין הימעל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק ניט לאַכען, נאָר צוגעבען שטילערהייד:

— אויב נישט נאָך העכער!

צום נייעם יאהר.

— און דו וועסט אַלץ שווייגען?

— ווילסט, איך זאָל רעדען?

— היינט וויל איך. מיך שרעקען דיינע רייד, ביטער און שמעכענדיג זענען זיי; ערגער אָבער איז דיין שווייגען. עס פערמאַטערט.

זעה, עס טראָגט זיך איבעראַל אַ טרויער אַרום...

אין דער הייך טראָגען זיך פערוואָגעלטע, פערגליווערטע שטיקעך וואָלקען; אַזוי נאָהענט צו דער זון, און זיי פריהרען!

אונטען— די פערגעלטע ביימלעך; שען זענען זיי, נאָר טרויעריג אין זייער שענקייט, ווי אַ שטילע ודוי רוישען די ביימלעך אוים...

און די וויין-לויבע פלאַמט; פלאַמענדיג שטאַרבט דער וויין...

און אַ יאָהר שטאַרבט...

רעד צו מיר!

— טרייסט דיך, ליעב קינד,— אַ נייעס ווערט געבוירען!

— נו ווינש מיר צום נייעם יאָהר!

— אויף דער טאַץ פאַר דיר ליעגען גענוג ווינש-קאַרטען...

— און דאָך— נישט גענוג...

— וואָס ווינשען דיר אַנדערע, קינד!?

— אַ טראַדיציאָנעלע, געדרוקטע קאַרטע שיקט דער טאַטע: „לשנה טובה תכתבי"...

אַזאַ קאַרטע שיקט אויך די מאַמע; זי שרייבט נאָך צו: „זיי מיר געזונד און שטאַרק, און גליקליך"...

— אַ שווער וואָרט!

— „און עלטער דיך אין פריידען"—

— און דיך שרעקט עס?

— וואָס?

— דאָס עלטערן זיך! דיין שטימע האָט געציטערט...

— מעגליך... אָט קאַרטען פון חברטאָרינס... געדרוקטע, פערשיעדענע שפראַכען...

— און — — בעקאַנטע? די בעסערע פון די?
— אַט איינער, אַ בעסערער...
מיט טרוקענע פיס, ווינשט ער מיר, זאָל איך געהן איבער די פאַליעס פון לעבען...
— איבסען!
— איין אַנדערער הייסט מיר דורכגעהן דאָס בלוטיגע לעבען אונבע־פלעקט, ווי אַ ווייסער שוואַן...
— דאָס פאָלק זאָגט: אַ ווייסע גאַנז. און דאָס לעבען איז גאָך ביי אונז מעהר שווייסיג, אַלס בלוטיג...
— ביטערער מענש! ווינש מיר דו!
— איך? איך קען דיך צו ווייניג... איך קאָן מיר דיין מאָרגען און איבערמאָרגען קוים פאָרשטעלען... דיין שמייכעל, ווען דיין ווייַן האָט גע־בליהט און דער עפעל־בוים האָט זיך אונטער זיין לאַסט געבויגען, האָט מיך צו דיר געצויגען, און דיין יעצטיגער טרויער בינדט מיך צו דיר, נאָר פרעמד ביזט דו מיר נאָך!
— דאָך, ווינש מיר!
— ווי דו ווילסט...
איך קען דיינע וועגען נישט...
נאָר הער, קינד, וואָס טהוסט דו, ווען דו געהסט פאָרביי פאַר אַ שמיע־דעריי?
— וואָס פעלט דיר איין?
— דאָך!
— ביי טאָג שטעל איך מיך נישט אָב... פאַרנאַכט האָב איך ליעב מיך אויפ'ן גראָז פאַר דער שמיעדעריי צו לעגען און קוקען אויף די פונקען, אויף די גליה־ווערם, וואָס צעשפּריצען און צעפליהען זיך אין דער הייך...
— אַ קליין פערגניגען... פון דיינע אויגען שפּריצען מעהר און שע־נערע פונקען...
איך ווינש דיר בעסער: געה אַריין צום שמיעד, דריק איהם די שווערע האַנד און פרעג איהם, וואָס ער טהוט...
און ענטפערט ער, ער קאָוועט גראָב־און אַקער־אייזען, זאָג איהם: עס איז ניצליך, דאָך איז פאַרהאַן ניצליכערע אַרבייט... עס איז צייט אויף ברעך־אייזען, אויף האַק און האַמער; פאַרהאַן אַזוי פיעל מויערן צו ברעכען!
— ער וועט מיך פאָלגען?

— קוק אויף איהם, ווען ער פאַלגען; אין דיינע אויגען ליעגט די הערשאַפט...

— דו שפּאַסט...

— ניין... און וואָס טהוסט דו, קינד, ביי'ם ברעג פון ים?...

— אַך, דעם ים האָב איך ליעב!

איך האָב ליעב צו ליעגען אויפ'ן זאַנד ביי'ם ברעג פון ים, און אויסצושטרעקען די נאַקעטע פיס, ער זאָל זיי מיר וואַשען און גלעטען...

— און איך ווינש דיר, קינד, האָב נישט ליעב דעם ים, ווען ער לאַסציעט זיך צו דיר ווי אַ קאַץ, נאָר ווען ער וועקט זיך אויף אַלס לייב! געה־מיט מיט די, וואָס באָרען זיך מיט אַט דעם לייב! קוק אויף זיי ווען זיי פיהרען די שיף, און שטראַהל־אוים אויף זיי די ליכטיגע קראַפט...

— דו האַלטסט מיך אַזוי שטאַרק!...

— און טאַנצען, קינד, קאָנסט דו?

— ווייטער דער ביטערער טאָן!

— ניין, קינד! דאָס נייע יאָהר מאַכט מיך אויך וויך, ווענינסטענס — ביי דיר... נאָר הער, אַ שען ווייב קומט גאַנץ אָפט פאָר, צווישען שווערדען צו טאַנצען...

— וואָס דו רעדסט!

— ווינש איך דיר, קינד! בלייב שטעהן, ריים אוים איינע, די שאַרפסטע, און פאַר דעם, וואָס הייסט טאַנצען צווישען שווערדען...

— דו שרעקסט מיך, מענש!

— איך האָב דאָך נאָר דיין ווילען געטהון...

און אויב דו ווילסט, האָב איך פאַר דיר אַ לייכטערן וואונש; ווייניג בלוט האָסט דו, קינד! דער העלער, הייסער טאָג איז דיר צו לעסטיג, צו רוישענדיג, ער בעטייבט דיך;

— געוויס...

— האָסט ליעב דעם שטילען אָבענד..

— דעם שטילען, טרויעריג־שטילען אָבענד; דאָס שטילע אויפשטראַהלען פון די שטערנדלעך...

— און דעם בליצענדיגען ציך־צאַך פון די, וואָס פאַלען...

— אַך, מענש!

— אוו איך ווינש דיר, אויב דער טאָג מיט זיין אַרבייט איז דיר צו לעסטיג, האָב ליעב דעם פריה־מאָרגען... דאָס אויפשטראַהלען פון נייעם טאָג...

די צייט.

טרויעריג ביסט דו, קינד. און דאָס פערגעהן פון זינקענדיגען טאָג מאַכט דיך נאָך שוואַך און באַנג... פערשלאָף דעם זיבען סם פון גוססידיגען אָבענד, און לעב צו מאָרגענס, ווען עס וועקט זיך דאָס נייע לעבען, ווען עס שפינט זיך אוים דער נייער ווילען צום לעבען... עס וועט דיך מיט־רייסען, קינד!

איז דאָס אויך איבער דיין קראַפט?

לשנה טובה תכתבו.

לשנה טובה תכתבו
אַלע, אַלע, וואו איהר זייט!
צו אַייך האָט דאָס האַרטע מזל
אויף אַ וויסטען סטעפּ פערשפּרייט!

צי איהר קיהלט די הייסע שטערען
ביי דער נאַסער מערב־וואַנד,
צי איהר שיפט אַייך איבער ימים
צו׳ן אַ ניי פערשפּראָכען לאַנד!

צי איהר טראָגט די יאָך די שווערע,
מיט אַ שמייכעל: איי, ווי גרינג!
און איהר קויפט די לופט צו׳ם לעבען
און איהר צאָהלט פאַר יעדען שלינג!

אַלע אַייך צו׳ם יאָהר צו׳ם נייעם — —
יעדער שפּראַך און יעדעס קלייד: —
לשנה טובה תכתבו
אַלע, אַלע. וואו איהר זייט!

דער חלום.

יונגערהייד (אַ ציַיט פון דריי ביז צוועלף יאהר) בין איך כמעט נישט אַרויסגעקומען פון שטוב. איך בין עטליכע מאָל געמעדהרליך קראַנק געוועזן און דער דאָקטאָר האָט מיר פערווערט דאָס לערנען. בסוד כודות פאַר'ן בייזען דאָקטאָר, וואָס פלעגט פאַר נישט פאָלגען טופען מיט די פיס און קולות מאַכען האָט מען מיך אין דערהיים קוים אויסגעלערנט דאַווענען. איך פלעג גאַנצע טעג זיצען, זומער — ביי'ם פענסטער, און ווינטער — אין בעט, און אויסהערען די ליעדעלעך, מיט וועלכע מיין קליין ברודער'לס ניאַניע פלעגט איהם אַיינשלעפען... ערשט צו'ם צוועלפטען יאָהר האָט מען מיך אויף אַ האַלבען טאָג געשיקט אין חדר אַריין, אויך האָט מען דעם רבי'ן שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָל מיך נישט מאַטערען און — גאָט בעהיט! — נישט אָנרירען. —

נאָך עטליכע וואָכען זיין אין חדר, בין איך געוואָרען אַ מין „כוי": האַלב יוד און האַלב גוי... דער ניאַניע'ס ליעדעלעך און דעם רבי'נס מעשיות האָבען זיך מיר וואונדערליך אויסגעמישט אין מוח. ווי אַזוי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט די הייליגע זאַכען, ווייס איך שוין נישט... פערפלאָנטעט זענען זיי געוועזען גענוג; נאָר געציטערט האָב איך פאַר צוויי מלאך־המות'ן. מיט איינעם — אַ זכר — האָט מיך דער רבי בעקאַנט געמאַכט. ער האָט מיר פערצעהלט, אַז „ער" האָט 1000 אויגען און אַ שווערד אין דער האַנד! זיין פנים האָט ער מיר נישט בעשריבען, און דעריבער האָב איך איהם אַליין צוגעגעבען דעם רבי'נס בייז, ביינעריג פנים, זיין שפיציגע נאָז, שפיציגע אויגען און קאָלטאָנאָוואַטע באָרד און פאות. די שווערד האָב איך דעם מלאך המות געלאָזט אין דער רעכטער האַנד, און אין דער לינקער אַריין האָב איך איהם אַריינגעשטעקט דעם קאַנטשיק מיט די בלייערלעך, וואָס דער רבי פלעגט גאַנץ אָפט אַראָפּלאָזען אויף מיינע חברים'ס אַקסעל.

דעם צווייטען, אָדער בעסער געזאָגט — די צווייטע מלאך־המות'טע, האָט מיר פאָרגעשטעלט מיין ברודער'ס ניאַניע. שטענדיג פלעגט זי זינגען

פרוכע ליעדעלעך; אַזוינע אויסגעצויגענע, וויינענ־גע, ווייכע, אַז עס פלעגט מיך אָנהויבען בײ׳ם האַרץ... גאַנץ אָפט פלעגט זי זיך ערגיץ אַרויסגנב׳ענען, צוריקקומען מיט אַרויט פנים, טרעהרען אין די אויגען און ציטערדיגע הענד; זי וואַקעלט זיך אויף די פיס און זינגט מיט אַ טרויעריג, דעמפיג קול, ווי פון אַ גרוב אַרויס, אַ ליעדעל פון מלאך המות. דאָס איז געוועזען, ווי געזאָגט, אַ נקבה; איינגעהילט אין אַ וויס ליילעך, פליהט זי אַרום אין דער לופט, און אויף וועמען זי וואַרפט ביינאַכט דאָס ליילעך, דעם נעהמט מען מאָרגען תכריכים...

גיילמאַל שאָקעלט זי מיט׳ן וויסען ליילעך איבער אַ גאַנץ דאָרף אָדער אַ שטאָדט, — דעמאָלט ווערט אַ מגפה. אָהנ׳ם ליילעך איז די „נקבה“ אפילו גאָר נישט מיאוס: בלאָהע אויגען, לאַנגע, העל־זיידענע האָר...

דאָס איינענע יאָהר האָט מיך דער טאַטע דאָס ערשטע מאָל מיטגע־נומען ראש־השנה צו׳ם דאַווענען. קומענדיג אין שוהל אַריין, און דער־זעהענדיג דעם וויסען עולם, האָב איך אָנגעהויבען ציטערן. נאָר דער טאַטע, וואָס האָט מיך געפיהרט ביי דער האַנד, האָט דאָס נישט בעמערקט און האָט מיך נאָכגעשלעפט ביז צו דער מזרח־וואַנד, ער האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבען זיך און געגעבען אַיין אויפגעמישט מחזור׳ל אין דער האַנד אַריין. איך האָב פון וויסען עולם קיין אויג נישט געקאָנט אָבריסען, און דאָס געוויין פון דער וויבערשער שוהל האָט מיך דורכגענומען... שפּעטער האָב איך בעמערקט דעם וואַלד מיט ליכט אין ארון, אין דער רעכטער האַנד ביי׳ם חזן, און, נישט וויסענדיג פאַרוואָס, האָב איך מיך נאָך מעהר געשראָקען און צוגעדריקט זיך פעסטער צו׳ם טאַטען.

— ביזט, נעביך, מיעד פון דער היץ, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — לעג דיך אַביסעל צו...

איך האָב׳ן געפאָלגט. איך האָב מיך צוגעלעגט אויף דער באַנק און אָנגעשפאַרט דעם ברענעדיגען קאָפּ אוי׳ן טאַטענ׳ס שוים. מיט פערמאַכטע אויגען בין איך אַביסעל רוהיגער געוואָרען. פון דער וואַרים בין איך באַלד איינגעשלאָפען, און עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַ וואונדערליכער חלום:

איך בין געלעגען קראַנק אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמען זע־נען געשטאַנען איבער מיר און האָבען געוויינט. די מאַמע האָט זיך פערשטעלט די אויגען מיט אַ טיכעל, נאָר דער קאָפּ מיט די פלייצעס האָבען שרעקליך

געציטערט. דעם טאַטען זענען געראָנען די טרערען איבער די אײַנגעפאַלענע באַקען, פון דאָרט זענען זיי אַראָב אויף דער ברײטער, בלאָנדער באָרד, און פון דאָרט — אויף דער ברוסט. אין אַ װינקעל זענען געשטאַנען צוויי דאָקטוירים, וואָס האָבען מיך נאָר וואָס בעטראַכט, און סוד'ען זיך אַצונד אויף לאַטייניש, קוקענדיג אויף מיר פון דער זייט. גאָט ווייסט — קלער איך מיר — וואָס פאַר אַ ביטער־געזאַלצען פלעשעלע זיי וועלען מיר אַצונד פערשרייבען. נאָר אַזוי לייכט וועל איך שוין נישט אײַננעמען. וועט זיין קאַווע־לעפעלעך, וועט מיר די מאַמע מוזען געבען איהר יום־טובדיגע ציטער־נאָדעל צו שפּיעלען, און אויב גאַנצע עס־לעפעל — וועל איך נאָך וועלען דעם טאַטענ'ס זילבערנעם גאַרטעל מיט'ן גאָלדענעם קאַפּעל פון פסח'דיגען סדר...

איך האָב געמוזט אין חלום נאָך יונגער זיין, אַז עס האָט זיך מיר אַזוינס פערגלוסט.

נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזעהן אין די פענסטער, געגען וועלכע איך בין געלעגען — צוויי געשטאַלטען.

אין פענסטער פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען די מלאך־המות'טע אין ווייסען ליילעך, און אין פענסטער פון דער לינקער זייט — דער מלאך המות מיט 1000 אויגען און אַ שווערד אין האַנד... זי וויל שוין אויסטהון דאָס ליילעך, וויל עס וואַרפען אויף מיר; ער הייבט שוין אויף די שווערד, — נאָר די האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע דערזעהן, איינס פאַר דעם אַנדערען זיך דערשראָקען און בײדע זענען פערשוואונדען געוואָרען...

פאַר שרעק האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שטיקען, דאָס בלוט איז אין מיר פערקיהלט געוואָרען, אונטער די נעגעל האָט מיך געשטאָכען, ווי מיט שפּילקעס, און די עטליכע האָר, וואָס זענען מיר געבליבען נאָכ'ן טיפוס, האָבען זיך אויפגעשטעלט און געריסען זיך פון דער הויט אַרויס, גלײך זיי ווילען ענטלויפען פאַר שרעק...

מען בעמערקט מיין לאַגע, עס ווערט אַ געשריי, די טאַטע־מאַמע מיט די דאָקטוירים לויפען צו מיר צו, פּלוצלונג.... ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגען.

צי האָט מיר עמיץ די האַנד אויף די אויגען אַרויפגעלעגט? צי האָט מען פאַר'ן מלאך המות די לאָדען פערמאַכט? צי חלש איך?

און אפשר בין איך גאָר געשטאָרבען?

קוים האָב איך מיך דאָס געפרעגט, האָט זיך דער חלום פערענדערט.

איך בין שוין טאַקי אַ געשטאָרבענער.... בײדע מלאך־המות׳ן פירען מיך ערגיץ, — וואַלד אויס, וואַלד אײַן, איבער טהאָל און איבער בערג.

איך האָב מורא צו פרעגען, וואו אַהין מען פירט מיך. זײ זעהען בײדע אַזוי שרעקליך אויס, אַז איך ציטער אַ רירר צו טהון מיט די ליפען. אויך וויים איך נישט, צי אַ טויטער מעג און קאָן רעדען...

— מן הסתם אין גן־עדן אַרײַן, — טרײסט איך מיך, — איך בין דאָך אַ גוטער געוועזען און אַזוי פיעל געליטען יונגערהייד... איך האָב קײנעם קײן גוט׳ס נישט געטהון, וואָרען וואָס פאַר אַ גוטס קאָן טהון אַ קראַנק יונגעלע? דאָך זומער־צייט, אין שענעם וועטער, אַז מען האָט מיך צוגערוקט אויף אַ פאָטעל צום פענסטער, פלעג איך אַרויסשיטען די פייגעלעך עסען... פיצלעך זעמעל, קרישקעלעך ברויט, טײלמאָל אויך פערעמלעך פלייש, אויב איך אַלײן האָב גראָד געגעסען....

און מען פירט מיך טאַקי אין דער אײגענער רגע איבער אַ גרינעם וואַלד, וואו די פייגעלעך וואָהנען. זײ שטעהען גאַנצע מהנות אויף די בײמער, און זינגען אַלע אין אײן כאָר:

— אין גן־עדן אַרײַן, אין גן־עדן־אַרײַן! דו ביזט אַ גוטער געוועזען, דו האָסט אונז, אָרימע, שוואַכע פייגעלעך, עסען געגעבען!

און טאָמער, חלילה, אין גיהנום אַרײַן? פרעגט דאָס פערקלעמטע האַרץ. אין דער רגע פערטוישט זיך די געגענד; דער וואַלד ווערט פערשוואונדען, און איך פליה צווישען שנעענע בערג.... אַרום איז קײן צייכען פון לעבען נישטאָ. עס פינקעלט אַזוי קאַלט, עס בלישציעט אַזוי שטאַר, אַזוי טויט... פלוצלונג בעווייזט זיך אַ סטאַדע שוואַרצע קראָהען מיט בייזע־דיגע אויגען.

— קראַ־קראַ־קראַ — שרייען די קראָהען — אין גיהנום אַרײַן, אין גיהנום אַרײַן! אונז האָט ער קײנמאָל נישט קײן קרישקעלע געוואָרפען.

און די קראָהען האָבען אמת געזאָגט. פאַר זײ האָב איך שטענדיג מורא געהאַט. אײנמאָל האָט זיך אַ קראָהע צוגעשלאָגען, מן הסתם — פאַר הונגער, צום פענסטער, און האָט געדראַפעט אין די שויבען... אויפ׳ן פענסטער־ברעטעל אין שטוב איז געלעגען ברויט... איך בין אפילו קראַנק געלעגען, אײנער אַלײן געוועזען אין שטוב, איך האָב דאָך געקאָנט רופען, מען זאָל די אָרימע ראַטעווען... איך האָב מיך אָבער פאַר דער קראָהע דערשראָקען

און בעהאַלטען אונטער דער קאָלדרע... נאָכ'ן ווינטער, אַז דער שנעע איז אָבגעגאַנגען, האָט מען אונטער'ן פענסטער אַ טויטע קראָה געפו-גען...

פּלוצלונג הייבען מיר זיך אָן אַראָבצולאָזען. די לאַנדשאַפט האָט זיך ווייטער געענדערט, מיר פליהען איבער אונגעהויערע פעלזען, וואָס שטעהען קאָפּ אויף קאָפּ און בעוואַכען עפּעס אַ וואַסער. צי איז דאָס דער ים הקרוש, צי דער סמבטיון, אָדער אַיין אַנדער וואַסער — ווייס איך נישט. מיר האָבען עטליכע רעדער געמאַכט איבער די פעלזען, און ענדליך זיך אַראָבגעלאָזט צו'ן אַ הייל. מיינע בעגלייטער האָבען מיך אַריינגעלאָזט, געהייסען זיך אַנידערזעצען ביי דער וואַנד, און זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט היטען ביי'ם אַריינגאַנג; די מלאך־המות'טע פון איין זייט, דער מלאך־המות פון דער צווייטער. אין דער הייל איז פינסטער, נאָר אויף דער קאַלטער, גליטשיגער ערד טאַנצען אַרום עטליכע ליכטיגע קיילעכלעך, כמעט די אייגענע, וואָס איך האָב ערב ראש־השנה ביי אונז אין קעלער געזעהן, ווען דער משרת האָט מיך מיטגענומען, אויסקלויבען אַ גוטע פלאַש ווײַן אויף קידוש...

די ליכטיגע קיילעכלעך האָבען מיך פּלוצלונג דערמאַנט אָן דערהיים... איך האָב אָנגעהויבען קלערען, וואָס דאָרטען טהוט זיך. צי דער טאַטע האָט מיך שוין פערגעסען, צי די מאַמע דערמאַנט מיך האָטש אַמאָל, צי קומען זיי האָטש אַמאָל אויף מיין קבר?... און ווער זיצט אויף מיין בענקעל ביי'ם טיש? און ווער קריגט די לעבערלעך פון די פיש?

עס האָט מיך אָנגענומען אַ ביטער געוויין, נישט אַיינצוהאַלטען, און איך וואַרף אַ בליק מיט שרעק אויף מיינע שומרים... רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס?

פון דער מלאך־המות'טע האָט זיך אַראָבגערוקט דאָס ווייסע ליילעך... וואָס פאַר אַ זיידענע האָר! וואָס פאַר אַ בלאָהע אויגען! אַרויט־פער-טרונקען פנים מיט אַ האַלב־גאָהלען קאָפּ... און דער קאָפּ וואַקעלט זיך און די נאָז (האָטש נישט קיין לאַנגע) שלאָגט זיך אַלע מאָל אָן אָן דער פלאַש, וואָס זי האַלט אין בידע ציטערדיגע הענד... איך קוק מיך בעסער צו, — דאָס איז זי! זי, מיין ברודער'ס ניאַניע!...

איך וואַרף אַיין אויג אויפ'ן צווייטען, — וואָס פאַר אַ 1000 אויגען!

וואָס פאַר אַ שווערד! עס זיצט מיין רבי, רייכערט אַ לאַנגע ליולקע־ציבעך. האַלט־צו איין אויג און וויל פערמאַכען דאָס צווייטע...

ציי הלום'ט זיך מיר?

פלוצלונג עפענט די מלאך־המות'טע איין אויג און פרעגט:

— אַ צאָ, פשיאַ יוהאַ, פאָוויע רביצין, יאַק ציע טו זעמנאָן זאָבאַצי?

דער מלמד ענטפערט נישט, אַ שמייכעל ווייזט זיך אויף זיין פנים, און ביידע שלאָפען איין...

זיי שנאָרכען, און איך בענוץ די געלעגענהייט און ענטלויף...

איך לויף איבער טהאָל און בערג, וואַלד אויס, וואַלד איין, און קום ענדליך אין אַ שטאָדט אַריין... איך קוק מיך אום — עס איז מיין שטאָדט! נאָר עס איז שטיל, גליך דאָס גאַנצע שטעדטעל וואָלט אויסגעשטאָרבען; די גאַסען — לעדיג, טהיר און טויער און לאָדען פערמאַכט, די געוועלבער פערהאַמערט... וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן? איך וויל לויפען אויף „אונ־זער" גאַס. אויפ'ן וועג טרעף איך עטליכע ווייבער, וואָס לויפען דורך אין ווייסע ספאָדניצעס, מיט העל־בלאָהע בלומען אויף די קעפ און פערוויינטע פנימ'ער... איך שמועס מיך, אַז עס איז ראש השנה, דער עולם איז אין שוהל, און די ווייבער לויפען פון קריאת התורה, אָנזייגען די קינדער אָדער מבקר חולה זיין די קראַנקע......

מיין מאַמע פלעגט אויך אַלע יאָהר אַזוי טהון, און איך לויף גלייך אין שוהל אַריין.

אין דער ווייבערשער שוהל אַריין האָב איך מורא צו געהן, די מאַמע דאַרף נישט מעדר, נאָר איהר מויטען זוהן צו דערזעהן! אַזוי הלש'ט זי אויך יעדעס מאָל, קוים צו דערמינטערן. איך געה אין שוהל אַריין צום טאַטען.

איך בין אין שוהל, און קיינער זעהט מיך נישט.... דורכגעהענדיג, רידהר איך מיך אַלע מאָל אָן אין איין אַנדערן; קיינער פיהלט מיך נישט. איך האָב דאָך קיין צייט נישט זיך אויף דעם אַלעם אומצוקוקען. איך לויף גלייך צו צו דער מזרח־וואַנד און שטעל זיך געגען איבער דעם טאַטען...

ער זעהט מיך אויך נישט! איך רוק איהם אָב דאָס טהוריל, ער קוקט זיך אום, מיט אַ פערוואונדערט און אַביסעל דערשראָקען פנים, רוקט עס צוריק און זאָגט ווייטער נאָך דעם בעל־קורא...

איך זעץ מיך נעבען איהם אַנידער, ער פיהלט נישט... ער פיהלט מיך נישט, האָטש איך שפאַר מיך אָנ'ם אָן, שטעל מיך אויף אויפ'ן

בענקעל און קוש אידם אין מויל אריין, האָטש איך נעם אידם ארום און דריק מיך צו'ן אידם צו, — ער זעהט מיך נישט, ער פיהלט מיך נישט... איך בין געשטאָרבען פאַר דער וועלט.... פאַר'ן טאַטען אפילו...

און עס האַפּט מיך אָן אַ שרעקליך געוויין, און איך ציה מיך אויס אויף דער וואַנד, און שפּאַר אָן דעם קאָפּ מיט'ן פּנים אַראָב אויפ'ן טאַטענ'ס שוים, און הייב אָן אַזוי צו שלוכצען, ביז —

דער טאַטע וועקט מיך אויף און פיהרט מיך אַ קראַנקען אַהיים. —

דער אלטער ר' שמעו.

(זיין שופר בלאָזען, און די מניעות — אייגענע און פרעמדע).

— עפּעס אַיין אוצר מוזט איהר האַלטען אונטערן אָרעם, ר' שמעון! מיט אַ ציטערדיגער האַנד דריקט איהר עס צו צום האַרץ און דער נחת קוועלט אַייך פון די אַלטע אויגען אַרויס.

— אי — שמייכעלט אַביסעל פערלעגען ר' שמעון — מיין שופר איז עס, מיין יום־טוב'דיגער שופר!

— יום־טוב'דיגער?

— הערסט דאָך, איך האָב שוין אַזאַ מנהג — אין אַ וואָכענדיגען אַלול־טאָג בלאָז איך אויף אַ פּראָסטען שופר, נאָר דער איז אַ טייערער, אַ פיין אויסגעאַרבייטער, אַ יום־טוב'דיגער!

און ער נעמט איהם אַרויס פון אונטער די אָרעם און קוקט אויף איהם מיט ליעבשאַפט. אַ קליין שופר'ל, איין אַש־גראָה'ס, אַ דינס, נאָר אַ הנ'עוודיגס... אויסגעקרומט, ווי אַלע שופרות, נאָר הנ'עוודיג פערקרומט, ווי אַ קינדערישע העויה...

און ער גלעט איהם מיט ציטעריגע פינגער, הייבט איהם העכער צו דער באָרד און גלעט איהם מיט די לאַנגע, פיינע, זילבערנע האָר. און ביידע „קדושות" מישען זיך אוים — דער הייליגער אַש־גראָהער שופר מיט דער הייליגער זילבערנער באָרד, און די אַלטע אויגען זיינע לייכטען אַזוי קינדיש נחת'דיג, אַזוי יונג...

— איהר האָט ליעב דעם שופר?

— ס'לעבען! ווייל איך האָב דאָס שופר־בלאָזען ליעב!.. מיין פאָטער עליו השלום איז אַ פּאַכטער געווען, מיר האָבען אין דאָרף געוואָהנט, און — אַ יונגעל, פלעג איך מקנא זיין דעם פאַסטוך מיט'ן פייפער'ל... ער פייפט, און, אויפ'ן קול פון זיין פייפער'ל, פערזאַמלען זיך אַרום איהם די שאָף, לעגען זיך אַרום און אַרום און קוקען איהם אין די אויגען אַריין...

אַ שופר איז אָבער העכער — ער זאַמעלט נשמות צונויף, יודישע באַרג־סיני־נשמות... און זיי הערען זיך אַיין!

איך האָב ליעב דאָס שופר־בלאָזען....

— נישט שטענדיג — פערבעסערט זיך ר׳ שמעון — יום־כפור די תקיעה־גדולה נישט... איך נעם דעם שופר צו׳ם מויל, און א האַלבער עולם ליגט שוין אונטער די בענק — איך קוק מיך אום און עס זעהט מיר אויס, ווי אַ פעלד נאָך אַ שטורם־ווינד, דריי פירטעל תבואה צו דער ערד געבויגען — און דאָ דאַרף געהן אַ תקיעה גדולה — — עס פּאַסט גאָר נישט..

גאַנץ אלול איז אויך דאָס שופר־בלאָזען קיין שופר־בלאָזען נישט.

וואָרום וואָס? אַ וואָכענדיגער עולם, אַ קליינער און אַ צושפּרייטער, דער אַרויף, דער אַראָב... דורך די אָפענע פענסטער רייסט זיך אַריין דער מאַרק... קולות פון יודינע׳ס, להבדיל, פון פויערען... אויפ׳ן שוהל־הויף בלאָזט ווייסע חברה... איך בלאָז און זיי בלאָזען... מבולבל ווערט מען!

ס׳אי׳נישט!

ראש־השנה איז עפּעס אַנדערש!

דער גאַנצער עולם שטעהט אין די טליתים מיט די בליצענדיגע עטרות — בני־מלכים שטעהן... און צושאָקעלט זענען זיי ווי די פרישע גרינע זאַנגען אויפ׳ן געבענשטען פעלד, און עס רוישט ווי אין אַ וואַלד, ווי אַ טייך — —

— עפּעס קאָנט איהר, ר׳ שמעון, אָן דאַרף נישט פערגעסען!

— גוטע צייטען געוועז... מיין „גירסא דינקותא" — וואַלד און טייך, און איין אַלטע מיהל איז געשטאַנען אויפ׳ן טייך...

און אַז עס איז אַ ווינד געוואָרען, און דער וואַלד מיט׳ן טייך האָבען אָנגעהויבען רוישען, כ׳יעג איך — אַ נאַריש יונגעל — טראַכטען, זיי זאָגען למנצח, און דער הימעל וועט שופר בלאָזען... עט... אַמאָליגע צייטען...

— און היינט, ר׳ שמעון?

— היינט, אַז עס קומט מיר אויס פאַר פסח פאָהרען אין דאָרף אַריין כשר׳ן די מיהל, און דער וואַלד רוישט, און דער טייך רוישט, דאַכט זיך מיר: זיי נייזערן זיך! זיי בייזערן זיך אויף מיר.... זיי בורציען: ווי קומסט דו אַהער, אַרויסגעטריבענער! נאָר אין מקום קדוש, אַז דער עולם צורעש׳ט און צושאָקעלט זיך, שטעהט מיר פאַר די אויגען דער אַלטער גוטער וואַלד, הער איך דעם אַלטען גוטען טייך... און ער רוישט וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ פלאַם! ווי אויף פליגעל הויבט זיך די פלאַם, אַ ים פון פייער, און רייסט זיך דורך די ווענד, און הייבט זיך און ברעכט דורך דעם סופיט, — אין דער וועלט אַריין, צו׳ן הימעל געהט זי, די פלאַם, דער ברענעדיג־קאָכעדיגער „למנצח"!...

און פלוצים האַקט זיך אַלץ אָב, — עס ווערט פערשוואונדען — שטיל — גאָר שטיל — דער עולם האַלט דעם אָטהעם איין... מען הערט, ווי די ליכט פאַר'ן עמוד און אויפ'ן שלחן ברענען און צישען אין דעה היליגער היץ...

אויף מיין תפלה ווארט עס דער עולם, אויף מיין ברכה!

דערנאָך נעם איך דעם שופר אין מויל אַריין.... דער דיין זאָגט אונטער און איך גיב אַרויס תקיעות, שברים, תרועות... קולות קלאָרע ווי אַ וואַסער, קולות קריסטאַלענע, קולות זילבערנע, ריינע — — — —

און דער קינדערישער נחת בליצט איהם ווייטער אויף אין די אויגען.

— קיין עין־הרע, ר' שמעון, אין אַייערע יאָהרען!

— אי, — ענטפערט ער מיט אַ גרימאַסע — אַזוי בין איך אַ פליג... אַ ב אָ׳,

בליה איך אַוועק...

— און ביי'ם שופר — אַ ליינ?

— ווי שייך צו זאָגען, נאָר ממש אַ לייב!

— און שטענדיג געראָטט אייך...

— שייך שטענדיג? ס'מאַכט זיך מניעות..

— למשל? דער שטן לעגט זיך אין דער בריים?

— אי... פאַרהאַן ערגערס! אויפ'ן שטן האָט מען סגולות... זיכערע, אויסגעפרובטע... אַ ניט, מהוט מען, ווי דער בערדיטשעווער... זאָל איוואַן — שופר בלאָזען...

— וואָס דען?

— אַ דאגה?! אַמאָל, מעשה שטן, האָפט מ'ד אָן אַ הוסט... אַיין אַלטער הוסט... קומען קומט ער פון תשליך, שוין אַ יאָהר פיערציג.... אַוודאי אַ יאָהר פיערציג... וואָס די פאַלט איין! ג'ט אַ פרסטאַוו אַרויס אַ גזרה, מען זאָל גישט וואַרפען קיין זשידאָווסקע קרישקעלעך אין שטאָדט־טייך אַריין!... אין ירושלים, זאָגט ער, ווערט איהר מלך מעגען...

נו, מילא, אַז ער זאָגט ניין, פערגנב'עט מען זיך... געהט יעדערער בעזונדער, נאָר אַלע קומען זיך צוזאַמען. בעמערקט מען, הייבט מען אָן צו יאָגען — ענטלויפט מען, בערשוויצט מען זיך, לויפט מען זיך אָבקיהלען אין מקוה אַריין...

בין איך אָבער אַ שוואַכער, האָפּ איך אַ לונגען אָ צינדונג! ברוך־השם, געזונד געוואָרען, נאָר אַ זכר איז מיר געבליבען: דער הוסט... האָפט ער מיך אָן, צובריכט ער מיך אברים־ווייז...

מאכט זיך, נאָך דער ברכה, ער נעמט מיך!

כהו עפעס! דער שופר ציטערט מיר אין האַנד, ווי אַ פיש אין וואַסער, און צום מויל גערט ער נישט... טרעפט ער צום מויל, שלאָגט ער זיך אָן אָן די ציינער... אַמאָל האָב איך געהאַט!...

— און מן הצד מניעות?

— אויך אַ דאגה!

פונקט געגען־איבער דעם מקום קדוש וואָהנט אַיין ערל, האַלט ער אַ כלב; פאַלט איהם איין, דעם כלב, בילט ער... מוז מען אַזאַ כלב אי־בערוואַרטען.... טיילמאָל, גלייך עס וואָלט פון אַ דיבוק אַרויסגעוואָיעט, גערוישט אַ שעה און צוויי....

ראש השנה געפאַלט פונקט נאָך די מאַנעוורעס. גערט אַמאָל דאָס חיל צוריק, מאַרשירט איבער דער גאַס מיט מוזיק, מיט מעשענע כלים, און פערהילעכט, און פערטייבט... עס ציטערט אונטער זיי די ערד. די הייזער ציטערן, שויבען קלינגען — גער און פרוב שופר־בלאָזען!

כאַר עטליכע יאָהר ווייטער האָט זיך אין דער הינטער גאַס פונקט אַ שרפה געמאַכט! איך האַלט ביי'ן אַ „תרועה", עס גערט! און דאָ רייסט זיך אַריין די פאָזשאַרנע קאָמאַנדע מיט איהרע טראָמפּייטען, מיט אַגע־ריימעריי, אַ געיאָגעריי — הו — האַ! וואָס מיינסט דו, דער עולם איז נישט אַנטלאָפען פון דאַוונען צו דער שרפה?... איך בין געבליבען איינער אַליין מיט'ן דיין, ער מיט'ן מחזור'ל, איך מיט'ן שופר...

און נאָך מיט עטליכע יאָהרען צוריק איז ערגער געווען...

איך דאַרף בלאָזען „שברים", און עס האָט זיך מיר, זאָג איך דיר, אויסגעצויגען אַ צודראָביטער שברים, ווי אַיין אמת יראת־שמים־פיבער'ל; פלוצלונג ווערט אַ געפייפעריי, אַ געשווישצעריי, אַ געקלינגעריי פון גאַס — די ווייסע חברה האָט זיך בעוויזען אין מאַרק! פערשטעהסט? ! רבונו של עולם, וואָס פאַר אַיין שרעק, וואָס פאַר אַיין אימה... דער עולם וויל לויפען, מען לויפט צו דער טהיר, מען שפּרינגט צו די פענסטער!

נאָר דעמאָלט האָט נאָך דער אַלטער רב, זכרונו לברכה, געלעבט... אַ קליינס, אַ דאַר'ס, נאָר אַ רב! ער איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער באַנק און געשריגען: „שטעהט"!" און דער עולם האָט זיך אָבגעשטעלט. — „פערמאַכט טהיר און פענסטער", און מען האָט'ן געפאָלגט! — און השד איז געוואָרען, השד... פון די עטליכע עמוד־און שלחן־ליכט האָבען זיך נאָך עדעקליכע שאָטען געוואָרפען — איין אימה איז אויף אַלע געפאַלען,

גאָר נישט אויפ'ן צדיק!

— בלאָז! — האָט ער געהייסען. — —

און איך האָב געבלאָזען! די גאַנצע נשמה איז מיר אַריין אין די תקיעות!

— דעם שטן — גיט ער צו מיט אַטרויעריגען שמייכעל — האָב איך אפשר גובר געווען, נאָר די ווייסע חברה — נישט! אַ חורבה איז געבליבען פון שטעדטעל!

ווער האָט אויף זיי שליטה? סיידען — שופר של משיח!

. . . .

דער נייער ניגון.

מען האָט געגעבען אַ בלאָז, דער עולם האָט אָנגעהויבען רוישען: „לשנה הבאה בירושלים“! ווייסע הברה האָט זיך שוין צוגעהאַפּט צו'ם וואַקס פונ'ם שלחן, ביי'ם עמוד איז שוין געשטאַנען אַ וואָכענדיגער חזן, מען האָט געדאַווענט שוין דעם וואָכענדיגען מעריב מי'ט'ן וואָכענדיגען ניגון.

פיל פון בויגען האָט זיך געדאַווענט, פיל פון בויגען אָבגעלעגט קיטעל און טלית, און אָנגעהויבען אָנטהון די שטיוועל — ווער האָט צייט?

קיינער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו בעמערקען דעם בלאַסען יונג'ן מאַן, וואָס האָט זיך געדרעהט אַרום עולם און נאָכגעשלעפּט אַ שוואַך און נאָך אַ בלאַסער קינד. דאָס דריטע מאָל געהט ער שוין אַרום די „שטעדט“; קיינער זעהט איהם נישט. דער ליעגט אונטער אַ באַנק און זוכט אַ שטיוועל, יענער איז פערנומען, מען האָט איהם אַ קאַלאָש פערטוישט, אַ היטעל פערשמירט מיט הלב, און — אַלע זענען הונגעריג....

אומזיסט קוקט ער יעדען אין פנים אַריין, ער קאָן קיינעמ'ס בליק נישט כאַפּען.

— טאַטע, קום שוין אַהיים! — בעט זיך דאָס קינד.

— נאָך איינמאָל וועלען מיר אַרומגעהן, — האָט ער געענטפערט, — איך וויל נאָר דורכגעהן פאַר'ן פענסטער...

דערווייל אָבער האָט זיך דער עולם אַריהנ געטהון. דער לעצטער קדיש, דער לעצטער „אמן“!

דער עולם יאָגט און שלעפּט־מיט דעם יונגען מאַן מיט'ן קינד.

אויפ'ן שוהל־הויף שטעלען זיך די מענער מקדש זיין די לבנה. די ווייבער ציהען זיך אין ביידע זייטען פון שוהל־גאַס, ווי צוויי וויַכע שנירען.

אַהיים געהענדיג, האָט מען צייט אויסצורעכענען, וויפיעל ווייבער עס האָבען גע'חלש'ט, וויפיעל — שיער־נישט גע'חלש'ט; צו רעדען אַביסעל פון דעם חזן, וואָס איז היינט געוועזען הייזעריג מעהר ווי אַלע יאָהר. ביי יעדען הויז געזעגענען זיך צוויי דריי און פערשווינדען.... בשעת

זען אויפ'ן שוהל־הויף שטעהט נאָך דער גרויסער עולם און טאַנצט געגען דער לבנה. צווישען עולם דרעהט זיך ווייטער אַרום דער בלאַסער יונגערמאַן מיט'ן בלאַסען קינד. דער עולם הייבט אָן ווערען קלענער, און זיין פנים — פינסטערער; אָבגעזאָגט, דעה לעצטעה פערשווינדט ערגיץ אין אַ ליק. דער יונגערמאַן שטעהט נאָך:

— קיינער... נו, מילא, מוז מען זיך בעגעהן... איך וועל נישט בעטלען אויפ'ן נייעם יאָהר; באַלד מוצאי יום־כפור... — האָבען זיינע ליפען געציטערט.

דאָס קינד האָט געמיינט, אַז ער איז מקדש די לבנה.

— גענוג שוין, טאַטע! — האָט ער איהם געשלעפט ביי דער פאָלע. קום שוין אַהיים! — זיין קול איז געוועזען אָנגעזאַפט מיט טרעהרען.

— נאַריש קינד, וואָס יאָגסט דו דיך אַהיים?

— עסען! איך בין הונגעריג.

— פשיטא! אוודאי ביזט דו הונגעריג... שוטה איינער! מאי קא משמע לן? וואָס דערצעהלסט דו מיר, אַז דו ביזט הונגעריג... אַ נישט וואָס וואָלט איך געמיינט, אַז דו פאַסט אָב אַ יום־כפור און דו ביזט נישט הונגעריג?

— קום שוין אַהיים, — האָט זיך ווייטער געבעטען דאָס קינד.

— הער, דודל, אין דערהיים איז אויך נישט דאָ וואָס צו עסען....

— האָטש אַ שטיקעל ברויט!

— קיין ברעקעל ברויט!

דאָס קינד איז געבליבען שטעהן דערשראָקען.

— דודל, — מאַכט צו איהם דער פאָטער, — דו ווייסט, וואָס היינט איז געוועזען?

דאָס קינד שווייגט און הליפעט שטיל.

— היינט, דודל, איז געווען יום־כפור... יום הקדוש. ווייסט, וואָס דאָס איז טייטש?

— יאָ, — האָט דאָס קינד קוים געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו, זאָג, דודל, וואָס האָבען מיר געטהון?

— געדאַווענט, — ווייגט דאָס קינד.

— גוט! און השם יתברך וואָס האָט געטהון?

— מוחל געוועזען, האָט קוים דאָס קינד אַרויסגעהליפעט.

— ווייסט דו וואָס, דודל, אַז גאָט, ברוך הוא, האָט מוחל געוועזען

אונזערע זינד, דאַרפען מיר ,דאַכט זיך, זיין פרעהליך! וואָס? דאָס קינד ענטפערט נישט.

— דו געדענקסט, דודיל, פאַר־יאָהר, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָבען מיר געזונגען נאָך דער וועטשערע אַ נייעם ניגון, געדענקסט דעם ניגון?

— ניין!

— איך וועל דיך דערמאַנען, נאָר העלף מיר אונטער!

און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבען זינגען מיט אַ הייזעריגע שוואַכע שטימע אַ ניגון; נישט קיין סיני, נישט קיין וואָלאַך, נאָר עפּעס אַ גריילי־בען ניגון, וואָס האָט געשניטען אין האַרץ.

דאָס קינד האָט וויינענדיג צוגעהאָלפען.

נעילה.

אַ הינקעדיגער „ערל" איז געקומען אין שוהל אַריין און אָנגעצונ־דען נייע ליכט אין די הענגלייכטער און אין די רעהרלעך אויף די שטענדער.

דער ווייסער עולם האָט אָנגעהויבען אויס׳ס־ניי צו קרעכצען; די, וואָס האָבען גערוהט, קומען צוריק פון פּאָליש; מען הייבט זיך פון די בענק. —

— יתגדל!

ציהט דער הייזעריגער חזן.

דער עולם בעדעקט זיך מיט די טליתים, די ווייבערישע שוהל לאָזט פּלוצים אַרויס אַ געוויין... עס ווערט אַ געקלאַפּעריי אויף די שטענדער, די ווייבער זאָלען שווייגען. זיי הערען דאָך נישט אויף, און אַ קאָמי־שער כעס בעווייזט זיך אויף די פערוויינטע, בלייכע פּנים׳ער פון די מענער.

— שמיה רבא! — האָט זיך אַרויסגעריסען דעם חזנ׳ס קול.

די ווייבער זענען אַביסעל שטילער געוואָרען, די מענער האָבען זיך צושאָקעלט און אונטערגעהאָלפען, מיט די זינגער צוזאַמען, מיט אַ וויינענ־דיגען: אַיי־אַיי־אַיי....

נעילה!

דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען און באַלד זיך צוריק פערשליסען; פערמאַכט וועלען ווערען די טויערן פון געבעט... און דער עולם אײלט זיך!

יעדער פיהלט, אַז אויב נישט היינט, וועט ער שוין אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר אַזאַ געלעגענהייט צוצוקומען צום הימעל נישט האָבען. הושנא־רבה איז אויך אַ טאָג, עפּעס אַ צולאָג צו ימים־נוראים, נאָר שלעכט איז שוין דעם, וועמענס משפט מען לעגט אָב... גלייכער באַלד, באַלד!

און די ווייבערשע שוהל שלעפּט־מיט די מאַנישע... די נעילה׳דיגע שמונה עשרה ווערט דערטרונקען אין הייסע, ברענענדיגע טרעהרען. עס רוישען ווינטען, טייכער ברומען, אַלטע וועלדער ברויזען.... עס רוישט און זעצט דאָס אַלץ צוזאַמען —

— ובכן תן פחדך!... וויינט איינער פריהער, איינער שפּעטער, נישט

דוקא מיט דער אמת'ער כונה... זעהסט דו שוין, עס געהט אַ סך אָן דעם ציהאַגאָווקער בעדער, אַז פּאַראָל, וואָס בינדט איהם די בעזעמלעך, האָט פּאַר עפּעס אַנדערש פּחד; זיין דאגה... און גאָר שלמה זעץ, דער שענער בעל־הבית, וואָס אפילו אין מיטען דער שמונה עשרה מוז ער זיך אַלע מאָל אַריינשטעקען די האַנד אין דער וויסער באָרד און צוטיילען די אויף צוויי —

אויך זיין עסק, באשר — אַ סך קריסטען זענען עס דאָ אין ציהאַ־גאָווקע! דער וואָיט מיט'ן שרייבער איז גלייכער, וואָס זיי זענען קריסטען, גאָט זאָל היטען פּאַר אַ יודישען טשינאָווניק, די הויט וואָלט ער אָבגע־ריסען. בלייבט דער הרובע־הייצער, דער ערוב־שומר, — ווער דען וועט הייצען אין הרובע? אויף דער פּאָרשטאָדט ־ואָהנען אפילו קריסטען אין אַ סך קליינע הייזלעך, אפילו ריינע, אויסגעפּוצטע, מיט פּאָרהענגלעך און וואַ־זאָנען אין די פּענסטער, נאָר ווער רעדט פון פויערן... זיי מעגען בלייבען ביי'ם טעות!... נאָר, רבונו של עולם... „ובכן תן פחדך" — זאָל זיך זיין שנור נישט ווילען גט'ען מיט'ן זוהן צוליעב דעם תולי נופל, זי מעג זיך צוגעוועהנען... „ואימתך" — איז ער שטאַרק ממתיק און האָט אין זין, אַז עס איז פאָרט אַ שאָד, וואָס ווייץ איז דאָס יאָהר ראַפּטים געפאַלען — רבונו של עולם, טראַכט ער, „ויעשו כלם אגדה אחת" — מען זאָל זיך מאַכען טאַקי איין האַנד און האַלטען דעם מקח.... „לעשות רצונך בלבב שלם!"...

— אוי ווי, טאַטע! — שרייט ער אויס אין מיטען... „שמחה לארצך וששון לעירך"... און איהם אין מוח ברענט: נאָך אַ יאָהר אַזוינס ביזט דו קאַפּוט!...

— אתה בחרתנו, שרייט מיט אַ קול בעגדעט דער היט... און הורט זיך איבער: אתה בחרתנו! דאָס ווייב איז איהם, נעביך, קראַנק שוין אַ פּאָר יאָהר, זי שפּייט, נעביך, מיט בלוט, און מען וואָהנט אין איין שטוב... עס וויל קיין קונה די שוועל נישט איבערטרעטען! — טאַטע זיסער, אתה בחרתנו! עס איז דאָך מיין זווג געווען... אָהבת אותנו... איך האָב זי דען שלעכט בעהאַנדעלט, ורצית בנו, האָב איך דאָס געמיינט, דאָס געוואָלט? וקרבתנו מלכנו לעבודתך.. וואָס פאַר אַ טעם האָט מיין אַרבייט? אַזוי קלאָגט ער אָב ביז „אין קץ לאשי חובותינו"... דאָ האָט ער זיך צולאָזט אויף אַ קול — חובות האָט ער מעהר ווי האָר אויפ'ן קאָפּ.

דער עולם איז שוין אויסגעגאַנגען שמונה עשרה; מען וואַרט נאָר אויף חיים בער'ן. דער שמש האָט שוין שטאַרק השק געהאַט צו געבען אַ

קלאַפּ אין שלחן, נאָר חיים בער'ס אַ קרוב, יונה וואָלף דער כאַדאָווניק, דער גבר אלים אין שוהל, האָט איהם פערהאַלטען... זאָל ער זיך אויס־וויינען, אויסהליפּען... חיים בער איז אַ יוד מיט אַכט קינדער און ממש אָהן אַ שטיקעל ברויט.

— ואין אתה הפך במיתתם — הליפּעט נאָך חיים בער... במיתתם! פאַר הונגער, טראַכט ער, פראַסט פאַר הונגער, מיינע ווערם, רחל...

— ולמה תמוהו? פאַר וועו, פאַר וואָס, וואָס האָבען זיי געזינדיגט, די אָרימע שעפּעלעך...

— יסורים והלאים רעים! דערביי זענען זיי נאָך קראַנק, — שקאַרלאַ־טינע, מאָזלען, ווערים, צייהן — רבונו של עולם!...

דער חזן האָט אָנגעהויבען, דער עולם האָט זיך צוזעצט פאַר די שטענדער און אונטערגעהאָלפען צו דער הויכער שמונה עשרה. טייל זיי־נען געבליבען שטעהן, אָנגעשפּאַרט אָן דער קיהלער וואַנד מיט די ברע־נעדיגע שלעפען און שטילערהייט געכליפּעט...

איינער פון זיי איז טאַקי חיים בער.

נעילה, באַלד ווערט פערמאַכט דער טויער, עס איז טייער יעדע מינוט, יעדע רגע... ער גיסט און גיסט מיט טרעהרען.

ווי לאַנג איז דען גאָר, אַז חיים בער איז געוואָרען אַ יונגער מאַן אַ בעל־בית'ל?...

פאַר אַ יאָהר ניין — צעהן, האָט ער נאָך ברייט געזונגען „המול על מעשיך ותשמה במעשיך" גאָר מיט אַ ברייטען, לוסטיגען קאָזאַק... ער דער־מאַנט זיך אפילו אַ הטא... עס ווערט איהם היים אין אַלע אברים... ער געדענקט, אַז ער האָט זיך דעמאָלט אומישנע הויך צוזונגען, הויך, לע־בעדיג און לוסטיג, רחל זאָל הערען אין דער ווייבערשער שוהל.

זאָגענדיג, האָט ער דעמאָלט געקוקט אויפ'ן פאָרהענגעל פון פענ־סטער, וואו זי פלעגט שטעהן, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עס ווערט קיילעכדיג־בולט צווישען די קראַטען... זי מוז אַ ודאי אַראָבקוקען...

אָ, דעמאָלט האָט ער גאָר אַנדערש אויסגעזעהן יום־כפּור.

אַ פרישער, יונגערמאַן, אַ נייער טלית, אַ שפּאָגעל נייער, ברייטער קיטל — צווי עטרות... דער גאַרטעל, די יאַרמולקע האָבען געגלאַנצט מיט

גאָלד און זילבער: שוואַרצע לאָקען, אַ שוואַרץ בערדעל, ווערעמע שקאַ־פּיטקעס...

פראַנק און פריי האָט ער זיך אַרומגעקוקט; עס איז איהם לייכט געוועזען אויפ'ן האַרץ: ערשטענס, האָט ער נישט שטאַרק געגלויבט אין הטאים. אָט, זעהסט דו שוין, ער מאַכט זיך אַ סך דאַרויס... יונה וואָלף האָט איהם אַמאָל געגעבען אַ פּאַטש אומזיסט, און דוקאַ אין בית המדרש, שבת הגדול ביי דעם רבי'ס דרשה... נו, האָט ער איהם דען נישט מוחל געווען?

מוחל געוועזען אַ פּאַטש... זאָל דער רבונו של עולם נישט מוחל זיין אַ מוקצה'לע, אַ ריין אין דער קוואָרט צו'ם וואַשען?— ווייטער, וואָס זינדיגט ער? אַהטא וּאָשוב, האָט ער נישט געזאָגט, יום כפּור איז מכפר, דער תענית איז מכפּר, די רעשט וועט אויך, מיט גאָט'ס הילף, אָבגעווישט ווערען...

און ער פלעגט גאַנץ הערצליך צו זינגען; אַז עס איז איהם הייס געוואָרען, פלעגט ער אַרויסגעהן אין פאָליש זיך אָבקיהלען. אַז דער מאַגען האָט איהם דערמאַנט אין אכילה, האָט ער איהם געזאָגט מיט גאוה: שטיל, קישקע! איך מעג האָבען אַ טאָג קרעדיט ביי דיר: איך וועל דיר בעצאָהלען מיט פּראָצענט, ווייניג כּפרות האָט רחל'ע געשאָכטען?

היינט קומט זיין פוס נישט אַרויס איבער דער שוועל פון שוהל, פון כל נדרי ביז נאָך נעילה... איבער דער גאַנצער צייט שטעהט ער. ער זינגט נישט, נאָר וויינט און בעט זיך... ער הייבט שוין אָן גלויבען אין זיינע הטאים... ער מוז דאָך האָבען הטאים, און שטאַרקע, שרעקליכע... האָטש ער ווייסט נישט פון זיי...

אַנדערש, איז נישט מעגליך, עס זאָל אַ מענש אַזוי יאָגען אין אומגליק!

„ובכן"— האָט אָנגעהויבען דער הזן צו דרעהען ווי אין ענבער. דער עולם איז נאָך רוהיגער געוואָרען, זעלטען האָט איינער שוין אויסגעהאַפּט ביים הזן אַ וואָרט פון מויל...

דער הזן זאָגט די שמונה עשרה, און היים בער שטעהט נאָך אַליין, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אָן דער וואַנד. עס דאַכט זיך, אַז ער דאַווענט, אין קאָפּ דאָך ליעגט נישט די כונה פונ'ם דאַווענען.

„כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ"— איז דער הזן מטעים. אַ ודאי ...ט אונזער היים בער געוואָלט, אַז דער וואָיט מיט'ן שרייבער זאָלען

אַביסעל בעסער ווערן... דער וואַיט— ווי דער וואַיט, מיט אַ טרונק־בראָנפען קויפט מען איהם איבער... נאָר דער שרייבער! מען הערט נישט מעהר, נאָר ניעדאָימקעס... פון וואַנען, פון וואָס?... פון אַ קורצע צייט הערט ער איהם אפילו ווי די קאַץ: שוין אַ פאָר יאָהר האָט ער קיין כלי און קיין בעט־געוואַנד נישט, דאָס הייזעל איז שוין לאַנג פערקויפט... שריי הי זקים: ניעדאָימקי,— נעם, אויב דו קאָנסט! און וואָס הייסט ניעדאָימקי? כאשר, ציהאַנאָווקע איז אַמאָל אַ שטאָדט געוועזען, מיט אַ מאַגיסטראַט, מיט פאָליציי, מיט קאָנסענסען, כ׳יט... זאָל ער היינט,— היינט, ווען ציהאַנאָווקע איז אַ גמינע, און ער שטאַרבט פאַר הונגער, אָבצאָהלען חובות!... אַ ודאי, ווען חיים בער זאָל נאָך דאַרפען אויסלייזען דאָס קישען, מורא האָבען, מען זאָל איהם נישט פערקויפען דאָס הייזעל, וואָלט ער נאָכגעזאָגט דעם חזן מיט גרוים כונה „כי תעביר״... אָבער היינט, לאַכט ער אויס׳ן וואַיט, טייטעלט מיט די פינגער אויפ׳ן שרייבער...

ער האָט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנד און הוידעט זיך, און די ליפען זאָגען נאָך „יעלה ויבוא״...

„זכרוננו ופקדוננו וזכרון אבותינו״...

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז זיין טאַטע איז געוועזען אַ כשר׳ער יוד, זיין שווער איז געוועזען אַ סופר, און ער טראַכט, אַז עס וואָלט אַ יושר געווען, זיי זאָלען זיך דאָרטען מיהען פאַר איהם...

פאַר דאָס זאָגט ער שוין גאָך אָהן כונה: „וזכרון משיח בן דוד עבדך, וזכרון ירושלים עיר קדשיך...״

מיינט נישט, חלילה, אַז חיים בער איז אַ געגנער פון ארץ־ישראל, אַז ער לייענט, הס ושלום, דעם „וואָסחאָד״ און האַלט נישט פון קאָלאָניעס. אָדער, אַז ער איז, הס ושלום, אַיין אפיקורס און גלויבט נישט, אַז משיח וועט קומען, אַז ער מוז קומען און קאָן יעדען טאָג קומען; חיים בער איז אַ קלוגער יונג, אַ בעל המצאה׳ניק, דאָך— אַ פשוטער יוד, אַ יוד, ווי אַלע יודען. ער גלויבט אין דעם אַלעם באמונה שלמה... זאָל משיח האָטש מאָרגען קומען!

אויף דער פאַפּיערענער בריק צו געהן איז ביי איהם אַ קלייניגקייט, ער וואָלט געלאָפען גאָר אָהן אַ ישוב. אין ירושלים וואָהנען— מהיכי תיתי, עס איז שוין אפילו צייט, עס איז שוין לאַנג „כלה פרוטה מן הכיס״... נאָר— איידער עס וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, איידער דער טערק וועט מנצח זיין אַלע שבעים אומות, איידער אליהו און משיח בן יוסף וועלען קומען, איידער

נאָך משיח בן יוסף וועט גע'הרג'עט ווערען, קאָן ער זיך נאָך גענוג אָנ־שטאַרבען פאַר הונגער... ער און רחל, מיט אַלע זיעבען קראַנקע און גע־זונדטע קינדער! רבונו של עולם, וואו איז דיין רחמנות?!

ער פיהלט דאָך, אַז שולדיג איז ער זיך פאָרט אַליין. פריהער ער, דערנאָך אפילו דער רבונו של עולם אויך... צי האָט ער נישט געקאָנט האַנדלען? אַ געוועלב, אַ שענק עפענען, אויפ'ן טאַרג שטעהן, אַ מעקלער ווערען, גלייך ווי אַלע יודען?! ער איז אָבער געווען אַ בעל המצאה... די המצאות האָבען איהם געקוילעט. יונגעלוייז האָט ער אויסגעצייכענט געגאָסען דרעהד־לעך, געשניצט לאַמטערן, אַם שענסטען געשוואומען, אַם געשיקסטען זיך געגליטשט. ער האָט געהאַט אַ טאַלענט צו די אַלע זאַכען. אַ ציעקאַווע יונג, ער האָט געוואָלט אַלץ וויסען, אַלץ קאָנען. ער האָט געפונען אַ המצאה צו פלעכטען אויף אַ שטעקען הוילע הבדלות, און פלעגט אין דעם זכות בעקומען ביי'ם שמש דאָם גרעבסטע ליכטעל יעדער ווינטער־נאַכט צום לערנען; היינט מאַכט מען שוין די הבדלות אין אַלע שטעדט, דעמאָלט האָט קיינער נישט געוואוכט פונ'ם סוד; עס האָט געהייסען „חיים־בערס־הבדלות"! אַ סוכה־מאַכער פלעגט ער זיין גאָר אַ וואוילער; אַ מייסטער אויפצושטעלען אַ כשר'ע סוכה פון עטליכע ברעטער, כמעט אָהן נעגעל און גאָר אָהן כלים, היינט — זיינע רייזעלעך שבועות, זיינע מייסטערישע מזרח'ס...

נאָר, ווי אויבען איז געשטאַנען, — די המצאות האָבען איהם איבער־געפיהרט.

האַנדלען נאָך דער התונה, גלייך ווי אַלע יודען, האָט ער נישט געוואָלט. עס האָט איהם געצויגען צו עפעס אַ פאַבריקעל מיט איין המצאה'־לע. — פריהער האָט ער אָבגעקויפט ביי אַ שנאָרער אַ סוד צו מאַכען זייף אויף אַרויסנעהמען פלעקען; דער שנאָרער האָט ביי איהם אויסגענאַרט אַ הונדערטער, און חיים בער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער וועלט זייף פערקויפען. דאָס ווייב האָט געוויינט, עס איז איהר אַ שאָד געווען באַלד נאָך דער התונה אַליין צו בלייבען, און בעזונדער האָט זי נישט געגלויבט אינ'ם גאַנצען משא־מתן... זייף איז ביי איהר גאָר קיין סחורה נישט געווען, — ווער דאַרף זייף? מען זאָגט האָטש גרינעם זייף, דאָס דאַרף מען צו קינדערשע קעפלעך, פראָסטע זייף דאַרף מען צו דער וועש... אָבער פלעקען אַרויסצונעהמען? ווייבערשע זאַכען וואַשען זיך, מאַנישע — מאַכט נישט אוים: איין ברית'ל, איין התונה, איין מלוה־מלכה אפילו, איז שוין נאָכ'ן

בגד... חיים-בער האָט אָבער געוואוסט, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, אַז מיט ציהאַנאָווקאַ עקט זיך נאָך נישט די וועלט, אַז נישט אומעטום איז אַ מנהג פון פלעקען.— ער האָט זיך געשוואָרען מיט כל השבועות, אַז קוים מאַכט ער די ערשטע צוויי טויזענד רובל, קומט ער אַהיים, קויפט זיך אַ נחלה, און הײדאַ! זיין פוס וועט שוין נישט איבער די שוועל אַרויס-טרעטען... ער וועט זיך מאַכען אַ שענק, אַ גרעלבעל, אָבלעבען שוין זיינע יאָהרען בשלום...

דאָס ווייבעל, נעביך, האָט געכווזט בעשטעהן, און ער איז אין אַ האַלב יאָהר אַרום געקומען אָהן אַ דרייער, דער זייף איז אַריינגעגאַנגען אין בלויזע הוצאות, האָטש געגעבען האָט ער ווייניג, און געקומען איז ער קריעה בליאָה...

רחל'ע האָט זיך, נעביך, צעוויינט מיט ב'טערע טרעהרען און געשיקט דעם מאַן צום רבי'ן...

ער איז געפאָהרען. ביים געזעגענען מאַכט ער צו'ן איהר: ווייסט דו, רחל, דו האָסט אין מיר אָנגעוואָהרען עולם הבא... איך האָב געמיינט, איך וועל קומען אַהיים, ווייס איך, אַ יודענע, וועט זי שרייען, וועט זי שעלטען, אפשר נאָך אַ ציפּ טהון ביי דער באָרד, ביי'ן אַ פּאה... און דו— גאָר נ י ש ט! אַביסעל געוויינט, און מעהר נישט. דאָס האָט מיך טאַקי גע-שניטען ביים האַרץ...

רחל האָט געשמייכעלט מיט טרעהרען אין די אויגען. זי כערהאָפט, אַז פריהער גאָט און דערנאָך דער רבי וועט איין עצה געבען...

פון מיטען וועג האָט ער איהר געשריבען אַ בריעף. ראשית— האָט ער איהר מודיע געווען, אַז ער איז בקו הבריאה, און פערלאַנגט פון איהר דאָס איינענע צו הערען; שנית— אַז ער פאָהרט נישט צום רבי'ן, ווי ער האָט געמיינט, נאָר צוריק אין דער וועלט אַריין! עס האָט איהם אַ גליק געטראָפען: ער האָט אָנגעקויפט אַ נייע המצאה, אַ מין וואַקס, וואָס מען קאָן דערמיט צונויפקלעבען טעלער און גלעזער; דאָס, שרייבט ער, איז שוין אַ דבר השוה לכל נפש; דער אָרימסטער יוד האָט צווייערליי געפעס און קינדערלעך, וואָס צוברעכען עס; אַ פּאָר גלעזער וואַלגערן זיך אויך ביי יעדען יוד אַרום... ער פערהאָפט צו גאָט א. ז. וו....

רחל האָט ווייטער אַוועקגעוויינט אַ האַלב יאָהר, און חיים-בער איז ווייטער אַהיים געקומען קריעה בליאה, נאָר מיט איין המצאה אויף אַ היימיש געשעכט פון „אַזאָצאָווע וואַסער" — אַ זאַפט פון ברוכטען.

פאַר דער המצאה האָט ער בעצאָהלט דעם לעצטען גילדען, און

עטליכע יאָהר שוין קוועהלט ער זיך מיט דעם געשעפט. דעם ערשטען זומער, ווען אויבס איז געראָטען, אַלע ביימער אין די גערטנער אַרום ציהאַנאָוקע זענען בעהאָנגען געווען מיט עפּעל, באַרען און פלוימען, אַז מען האָט זיי געמוזט אונטערשפּאַרען,— האָט חיים־בער אויפגעלעבט!— ער האָט רחלין בערעכענט, וואָס פאַר אַיין עשירות ער וועט מאַכען: דאָס מאַטעריאַל וועט גאָר כמעט נישט קאָסטען. כרוגטען— בחצי חנם... ער האָט אָבער, נעביך, געהאַט אַ גרויסען טעות. פּרוכטען איז געווען בחצי חנם, האָט טאַקי דער עולם געגעסען אויבס, און האָט נישט געדאַרפט טרינקען קיין וואַסער... און אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר... אויבס איז געראָטען, ער האָט האָט געלייזט פאַר אַביסעל וואַסער אין אַ יומא דפגרא, אין אַ יום טוב: סכות, שמחת תורה; אין דער וואָכען— נישט! דערנאָך געהט ווינטער— אויס געשעפט...

—רבונו של עולם,— שרייט חיים בער אין הארץ,— רבונו של עולם, זאָל דאָס אויבס האָטש איין מאָל נישט געראָטען, זאָל עס איין מאָל דער ווינד צעראַביאָגען פונ'ם בוים, זאָלען עס איינמאָל די ווערם אויפעסען! רבונו של עולם!

די שווערע געדאַנקען האָט איבערגעריסען דער חזן מיט: „פּתח לנו שער״...

גאָר אַנדערש האָט נעילה געדאַווענט חייב־בער'ס קרוב, דער, וואָס האָט פערהאַלטען דעם שמש, ער זאָל נישט קלאַפּען, ביז חיים בער וועט אויסגעהן שמונה עשרה,— יונה וואָלף דער סאַדאָווניק.

ער שטעהט אויך גאַנץ יום־כפור אויף די פיס, ער ברענט אויך אונטערן טלית; ער האָפּעט און קאָפּעט, ער שרייט אויך און האַקט אין דער וואַנד אַריין— נאָר, ווען חיים בער וויינט, און בעט זיך, ווי אַ קינד ביים טאַטען, האָטש אַ שטיקעל דאַר ברויט, טאַנצט מעהרסטענטייל יונה וואָלף פאַר דעם אייבערשטען, מלא שמחה, און דאַנקט איהם פאַר זיינע וואונדער. שוין זעקס יאָהר האַלט ער אַ סאָד פון פּרוכטען און יאָהר ביי יאָהר געהט עס בעסער. ער גיט אַ קרעכץ נאָר ביי „זכרנו״, „כתבנו״ צו „התמנו לחיים״— געזונד איז דער עיקר! בשעת ער דאַנקט זיין ליבען נאָמען פאַר זיך און זיין ווייב'ס געזונד, בעט ער אויף געזונד פאַר זיינע קינדער... עפּעס איינס

איז גאָר קיין לייט נישט, אַלע מאָל גיסט זיך עס עפּעס אויס דאָס קעפּעלשטענדיג איז איהם רויט אונטערען נעזעל, און מאַנכעס מאָל וואַקסען איהם „גולעס" אַרום דעם העלזעל.

כּל זמן דאָס קינד האָט געצייהנדעלט, איז מען זיכער געווען, אַז עס איז צייהן. דערנאָך האָט מען גערעכענט אויף ווערים. דאָס קינד האָט אָבּער אויסגענומען „ווערים-קרויט" ווי האָניג, און עס האָט נישט געהאָלפען, — האָט מען געשיקט אַ קוויטעל; איינמאָל איז מען מיט איהם אַליין געפאָהרען צום רבּי'ן. עס איז אפילו בּעסער געוואָרען, נאָר דערנאָך ווייטער ערגער.

דער רופא זאָגט, עס איז שקראָפעל. מען דאַרף איהם בּאָדען אין זאַלץ-וואַסער אָדער שיקען אין אַ בּאָד אַריין. אויף שיקען אין אַ בּאָד כטאַרמשעט נישט דאָס עשרות, מען זאָל אפילו דעם גאַנצען דלות פערזעצען און דעם ווייב די אויערינג אויסטהון.... היימישע זאַלץ-בּעדער איז נישט דאָ וואו צו מאַכען: אין סאָד, וואו מען וואָהנט אַ גאַנצען זומער, איז קיין וואַסער נישט דאָ צו'ם טרינקען, און צו'ם קאָכען פיהרט מען אַנדערטהאַלבּען וויאָרסט אַ קענדעל וואַסער...

דאָס יונגעלע וואַקסט מיט דעם פּאַרכעל, מיט די גולעס, מיט דעם געשוואָלענעם נעזעל, לערנט אַ גאַנצען ווינטער אין הדר און איז אַ וואָיל יונגעל.

„התמנו להיים", — וויינט דעריבּער יונה וואָלף — מיין קינד, מיין עלוי, מיין נחת, מיין טרייסט זאָל מיר לעבּען!

אַ חוץ בּיי'ם „זכרנו להיים" האָבּען יונה וואָלפ'ס געדאַנקען נישט קיין שייכות מיט דעם דאַווענען. אַ גאַנצען טאָג לייבט ער און לייבט דעם אייבּערשטען, נאָר וויל ער איז, נעבּיך, אַ גראָבּער יונג, קומט אַמאָל אויס, אַז ער הענגט זיך אָן אויף אַ וואָרט און צעווויינט זיך אָדער צעלאַכט זיך גאָר בּחנם... דער אמת איז, אַז ווען יונה וואָלף זאָל נישט זיין שטומפּיג אויף דער עבּרי, וואָלט קיין בּריאה נישט געקאָנט אַיינשטעהן און אויסהאַלטען אין שוהל; אַז עס קומט צו די בּעקאַנטע תּפלות, רייסט ער דעם הזן אַלץ פון מויל אַרויס און צולאָזט זיך אויף אַ קול, אַז ווען נישט וואָס די שוהל איז געמויערט, און פערצייטענס — וואָלטען די ווענה געציטערט און אפשר אַיינגעפאַלען. דאָס גליק איז, וואָס בּיי קרבּנות, בּיי ובא לציון, פון „ומקבּלין דין מן דין" אָן, בּיי יעדען פּיוט מיט „גרודעס" בּלייבּט ער, נעבּיך, שטיל, ער האַקט אָב...

אָט, בּיי דעם שטיל-בּלייבּען און אָבּהאַקען, הייבּט ער זיך אָן פּערקרי-

מען, אײַנציהען דעם שטערן, אַמאָל נאָך צודריקען די אויגען און אַריבער־וואַרפען דעם טלית איבערן קאָפּ, דער עולם זאָל מיינען, אַז ער האָט אַצונד כונות... און דעמאָלט האָט ער טאַקי מחשבות... מיט׳ן שרייען פערדולט ער זיך אַליין די געדאַנקען. שטילערהייט, אונטער׳ן טלית, קומען פאָר אַלע הוריות... דעמאָלט דאַנקט ער און לויבט דעם אייבערשטען שוין מיט זיינע אייגענע ווערטער... עס געהט איהם גאַנץ גוט... קיין עשירות מאַכט ער נישט, דאָך האָט ער שוין אַרויסגעטריבען דעם דלות, געקויפט דעם ווייב אַ פּאָר „צוועקעס", צום ליכט־בענשען אַ פּאָר זילבערנע לייכטערלעך, און עס איז דאָ צו „פּופּלען"... דאָס קינד, נעביך... מילא... גאָט וועט העלפען. ער אַליין האָט אויך אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, געהאַט דעם פּאַרך, עס שיינט איהם נאָך יעצט אויף די לבנה אויף דעם קאָפּ...

גו!...

ער דערמאַנט זיך, ווי די יונגען האָבען איהם געיאָגט אין הדר... איין היים־בער — נישט. ערשטענס, אַלס קרוב האָט ער איהם נאָך פער־טיידיגט, צווייטענס, איז ער טאַקי געווען אַ מזג טוב, דער היים בער! און פונדעסטוועגען האָט ער אַלע צרות געליטען דורך דעם היים־בער׳ן. היים בער האָט געקאָנט דעם שיעור — ער נישט; היים בער איז שען — ער — נמאס ומאוס און ברודיג; היים בער האָט געטויגט צו אַלעם — ער — אויף כפרות... אַלץ נאָר היים בער... דער מלמד האָט איהם געפּאַטשט: „לערן דיך אָב פון היים בער׳ן!" די מאַמע האָט געריסען פון איהם פּאַסען און געשטעלט איהם פאַר אַ שפּיגעל היים בער׳ן, דער טאַטע האָט אויך איהם געפּייניגט מיט היים בער׳ן!...

האָטש היים־בער פלעגט מיט איהם האַלטען, מציל זיין פון די חברים׳ס הענד, פונדעסטוועגען פלעגט ער דאָך אין האַרץ איהם פיינד האָבען, אמת פיינד... פאַר וואָס? פאַר ווען?

„פאַר קנאה", — שטויסט זיך יונה וואָלף — און האָט שטאַרק הרטה אויף דער קנאה. נאָר, עס איז דאָך אַלץ קינדערשע זאַכען, מעשה נערות.... היינט האָט ער שוין קיין קנאה נישט אויף איהם, ער בעט פאַר זיין לעבען...

און באמת האָט ער אַצונד היים בער׳ן שטאַרק ליעב. מיט׳ן גאַנצען האַרצען איז ער זיך אויף איהם מרחם; מיט דריי פיערטעל קרעכץ ביים דאַווענען האָט ער איהם געמיינט. —

— דער אייבערשטער זאָל איהם, נעביך, העלפען. ווי דער ווינטער וועט, נעביך, זיין, ווי ער וועט זיך דורכשטופּען, זאָל ער, נעביך. האָטש

אַ גוטען זומער האָבען, האָטש לייזען... אַבי מען לייזט באַר, איז שוין דאָ אַ באַרער גראָשען, קאָן מען זיך די הענד צופירערן...

בײַ „מרובים צרכי עמך" איז ער שטיל געבליבען, עס איז שוין געווען פאַר איהם אַ „שלעכטער וועג", אַ גרעבלע... ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען אויף דעם גרויסען מחזור און געטראַכט:

„רבונו של עולם, אויב איך, צי מיין ווייב, צי מיינע קינדער האָבען אַ חסד בײַ דיר, אָדער זכות אָבות, רבונו של עולם — זאָל מיר מיין קינד האָבען אַ רפואה שלמה... און סאָד זאָל וואַקסען עפּעל ווי האָלץ... די זאַפּטיגע, פולע פּאַפּיראָווקעס, וואָס צוגעהען אין מויל... רבונו של עולם, זאָלען זיך דיינע יודעלעך אָנטרינקען מיט מיינע עפּעל, עס זאָל זיי אָנגיסען פולע מיילער מיט זאַפט! אויך פערגעס נישט, רבונו של עולם, אין היים-בער'ן, ער זאָל לייזען פאַר אָוואָצאָווע וואַסער אויך...

אין מיטען האָט ער זיך אויפגעהאַפּט. עס געהט „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק"! ווייטער אַ שאָסעע — אַ גלייך שטיקעל וועג! גאַלאָפּ! עס טרעפט זיך אפילו אַמאָל אַ גריבעל, אַ שטיינדעל, אַ „טבועות וגנוזות", נישט קשה, עס שלינגט זיך שוין אַיין מיט'ן ניגון. פאַר דאָס „אנקת מסלדיך" געהט שוין מיט דער הויט, ער איז שוין ביז דעם סוף ווי אין דערהיים ער האָט שוין גאָר נישט אין זין, — ער שרייט, ער לאַרמט, ער זינגט, גלייך ער איז איינער אין שוהל!

אַרויסגעהענדיג פון שוהל, האָט ער זיך געטראָפען מיט היים-בער'ן —

— זאָלסט דיר האָבען פיעל גוטס אויסגעבעטען —

— גם אתם! — האָט איהם היים געענטפערט.

— וואָס דו ווילסט נאָר אַליין, זאָל ער דיר געבען —

— דיר אויך, יונה וואָלף — גאָט זאָל אונז ביידע געבען אַ גוט יאָהר...

— מיר ביידע זאָלען לייזען!...

און זיי זענען זיך צוגאַנגען...

זיי האָבען זיך גאַנץ ערנסט געבענשט, — דאָך נאָכ'ן צוגעהן, האָבען זיי נאָך אַמאָל אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל:

— אויבס זאָל זיין ווי גאָלד! — האָט געבעטען יונה וואָלף.

— פוילען זאָל עס! האָט געבעטען היים בער...

דערנאָך האָט יונה וואָלף געשיקט היים בער'ן אַ „כפּרה", אַ גרויסען, פעטען, אויסגעזאָטענעם האָהן, און היים-בער יונה-וואָלפ'ן — דריי פלאַשען אָוואָצאָווע. ביידע האָבען זיך געלעגט שלאָפען מיט בטחון —

יונה וואָלף — אַז עפּעל וועט זיין ווי גאָלד, און חיים־בער — אַז דאָס אויבס וועט פוילען, און ער וועט לייזען פאַר וואַסער...

זייערע ביידע ווייבער זענען דאָך נישט געשלאָפען. חיים־בער׳ס ווייב האָט געקלערט, וואו נעמט מען אויף סוכות? און יונה וואָלפ׳ס — וואו נעמט מען סוכות האָטש נאָך אַ האַלב טוץ זילבערנע לעפעל צו׳ם יום־טוב׳דיגען טיש.

וואָס זאָל איך וועלן?

ראש־השנה שרייבט מען, יום־כפור התמ׳עט מען און הושענא־רבה מאַכט מען דעם צוק און מען גיט די קוויטעלעך אַרויס. און נישט נאָר מענשען שטעהען לדין, נישט נאָר אונז פסק׳עט מען לעבען אָדער טויט, פרנסה אָדער קצבה, מנוחה אָדער גלות... „זכר כל המעשים לפניך בא", אַליך. וואָס מיר טהוען, אַליך, וואָס מיר מאַכען, ווערט גע׳משפט, און אונזערע „יום־טוב־בלעטלעך" וואַרטען אויך מיט אַ ציטערניש אויפ׳ן קוויטעל... די ווילען אויך וויסען, צי וועלען זיי אויסלעבען דאָס יאָהר, אָדער אויסגעהן ווי אַ ליכט אין דער פינסטערער נאַכט... קיין גרויסע צדיקים זענען זיי נישט, די זאָלען רעכענען, אַז באַלד ראש־השנה, אָדער אפילו יום־כפור וועט זייער גזר־דין אַרויס... נישט איין מלאך הבלה וועט קריצען מיט די צייהן, נישט איין פאַמפלעטיסט — אַ קטיגור וועט זיך אויסרייסען דעם האַלז, און — הלואי עס זאָל זיך ענדיגען הושענא־רבה פאַרנאַכט!

און ביז הושענא־רבה פאַרנאַכט איז אויך נאָך דאָ עפּעס צו טהון! נאָך ביינאַכט אויף הושענא־רבה שפּאַלט זיך דער הימעל אויף אַ סעקונדע, און דעמאָלט איז אַ שעת הכושר, איין עת־רצון פאַר׳ן זינדיגען מענש; וואָס ער האַפּט זיך דעמאָלט אַרויס, דאָס ווערט מקוים.

וואַך זיין אַ גאַנצע נאַכט, אָבפּאַסען דעם שפּאַלט אין הימעל און אַ געשריי טהון — איז אַ קלייניגקייט... נאָר וואָס שרייט מען? וואָס זאָל איך וועלן? וואָס זאָל איך פערלאַנגען פון הימעל? אפשר געלד? ווען איך האָב געלד, וואָלט איך אפשר נישט נאָר שירים שרייבען, נאָר זינגען אפילו געקאָנט; איך וואָלט געמעגט גרימפּלען, און עס וואָלט די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר תענוג... ווען איך האָב געלד, וואָלטען זיך די יום־טוב־בלעטלעך געעלטערט אין פריעדען.... וועגרם לאָמיר זיך נישט נאַרען: אמת איז טאַקי אַ שענע, געראָטענע כלה, נאָר ערשטענס, קאָן זי נישט טאַנצען, ווי דער ציגיינער שפּיעלט, זי קאָן פאַר׳ן עולם קיין הנ׳דלעך נישט מאַכען, און — אפילו אַ שענע, געראָטענע כלה, וואָס קאָן טאַנצען צו׳ם ציגיינער׳ס מוזיק און שניידט הנ׳דלעך אויפ׳ן שאָך, דאַרף אויך האָבען אַביסעל נדן, מען

זאָל זי וועלען נעמען... אַ בוך מיט'ן גאָלדענעם שניט האָט גאָר אַיין אַנדער פּנים... נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז איך בין שטאַרק מסופק, צי פון הימעל קאָן מען האָבען געלד. אפשר זענען אַמאָל בעסערע צייטען געוועזען, און עס האָט פון הימעל מיט רענדלעך גערעגענט... היינט — לא עליכם... אָט, תורה איז אַ הימעל־זאַך. פּאַרצייטענס פלעגען זיין אָרימע ישיבה־בחורים און רייכע אַרענדאַרען — „ישוב'ניקעס", ווי מען רופט זיי אין דער ליטא, און קוים האָט אַ „ישוב'ניק" געקריגען אַ האַלב דערוואַקסענע טאָכטער, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד־און־בידקע, און איז געפאָהרען צום ראש־ישיבה אין שטאָדט אַריין, און געקויפט זיך פאַר 100, 200, טיילמאָל פאַר 1000 רענדלעך תורה... צו דער תורה האָט ער צוגעקריגען אַ צולאָג אַ בחור'ל ווי אַ הערינג, נאָר דעם הערינג האָט מען נישט אַריינגעשאַצט אין מקח... און יעדער ישיבה־בחור האָט געוואוסט, אַז אויב ער וויל האָבען רענדלעך, מיט מלבושים, מיט קעסט און אַ צולאָג אַ כלה — מוז ער זיצען און לערנען...

היינט — אוים ישוב'ניקעס; אויף זייער אָרט האָבען מיר באַנקיערס און פּראָצענטניקעס, און זיי ווייסען, אַז תורה איז קיין סחורה נישט. אַ דאָקטאָר, אַ יוריסט, אַ צייהן־רייסער, אפילו אַזעלכער פון דער האַנדעלס־שוהלע, אפילו אַ רב — אַ קאַזיאָנער.... נאָר נישט קיין תורה.

ווער עס זיצט היינט און לערנט, קריגט — אַ גאָרב, אַ מלמד'ישען פּאַטענט אויף אַ לונגען־פעהלער, נאָר נישט אַ דרייער געלד.

מען זאָגט: צדקה תציל ממות.... עס קאָן זיין, אַז צדקה ראַטעוועט פון טויט — דעם אָרימאַן, וואָס נעמט זי און קויפט זיך אַ ברויט, ער זאָל נישט שטאַרבען פאַר הונגער; דעם עושר — בשעת מגפה, די זאַראַזע זאָל זיך נישט פערשלעפּען פון קעלער צום בעל־עטאַזש.... נאָר קיין געלד האָט מען נישט דערפון! אַז מען גיט, האָט מען ווייניגער, און דער אָרימאַן האָט פּאָרט קוים אויף היי־שעה...

פון דאַווענען האָט מען אויך קיין געלד נישט... אַ והא ראיה — אונזערע גבירים, וואָס שטעקען דאָס לעבען און גאַנץ אָפּט מיט'ן רחמנות, מיט'ן יושר און מיט דער מענשליכקייט צוזאַמען, אַבי רייכער צו ווערען, דאַווענען אַליין גאָר נישט, און זענען נאָך צופריעדען דערפון, וואָס אָרימע לייט לאָזען דאָס סדור'ל נישט אַרויס פון דער האַנד...

עס זאָל אין סדור'ל שטעקען אַכה פאַר אַ ד ר י י ע ר, וואָלט מען די אָרימע לייט געטיילט יום־טוב־בלעטלעך און אַלע פּראָצענטניקעס און באַנקיערען וואָלטען געהאַלטען סדורים און געדאַווענט...

דאַװענען איז אַ סגולה אויף דרך ארץ, אויף שטילקײט; דאַװענען שטילט אַמאָל דעם הונגער בײם קבצן, װי דער אָרימער מאַמעס פינגער בײם אױסגעדאַרטען קינד אין מויל. דאַװענען איז אַ סגולה צו אַ סך זאַכען, נאָר קײן געלד דערפון האָט מען נישט. און אפילו אַז מען איז אַ נאַר, און מען האָט אַ גאָרגעל, און מען לאָזט צו צום עמוד... האָט מען אױך קוים װאַסער אױף קאַשע, נאָר קײן געלד נישט!

איך טרײב איבער דורכ'ן זכרון אַלע תרי"ג מצות, און זעה קײן אײנציגע נישט, פון װעלכער מען זאָל קאָנען האָבען (דירעקט אָדער אומדירעקט) אַ דרײער! פאַר די תרי"ג מצות האָט משה רבינו צוגעזאָגט: געזונד, לאַנג-לעבען, אַ זול, רעגען פון הימעל, דעם כח פון דער ערד — נאָר אַלץ נישט קײן געלד! אַז דו װעסט מקיים זײן אַלע תרי"ג מצות, װעט דיר די ערד געבען איהר קראַפט, דער הימעל — טהוי און רעגען, און דאָך — װעסט דו שטאַרבען פאַר הונגער, אויב דו װעסט נישט אַרבײטען, אַקערן, זײען און שנײדען! און פון די אַלע דרײ צוזאַמען — פון הימעל'ס רעגען, דעה ערד'ס כח און שװײס פון דײן שטערן װעסט דו קוים האָבען ברויט, ברויט צו עסען, אָבער אַלץ נישט קײן געלד! דו מעגסט מקיים זײן אַלע תרי"ג מצות, מיט אַלע דקדוקים, װעסט דו אַלץ נישט קאָנען אַרומגעהן אין אַ הונגער יאָהר מיט די הענד אין די קעשענעס און פײפען אַ ליעדעל פון אַ קאַטאַרינקע...

געלד קאָן מען האָבען פון װאָס איהר װילט, פון דער קלענסטער עברה, אפילו פון קאָרטען שפּיעלען, נאָר נישט פון הימעל-זאַכען. אויב דער רבונו של עולם זאָגט: „כי לי הכסף ולי הזהב", מײנט ער: דאָס זילבער פון דער לבנה מיט איהרע שטראַהלען און דאָס גאָלד פון דער זון אין תמוז... אָבער געלד האָט דער הימעל נ י ש ט —

נײן! איך װעל זיכער שרײען אומזיסט!

איך האָב אַמאָל געװאָלט זײן אַ פילאַנטראָפּ — אַ בעל-טובה פאַר'ן כלל! איך האָב אַ גוט האַרץ בטבע, און אַז איך געה אַרום זאָט נאָך אַ סעודת-מצוה פאַר אַ פילאַנטראָפּ'ס כבוד װעגען, און דערזעה — נאָך פיש, פלײש און קאָמפּאָט מיט אַביסעל קאָניאַק — דעם אױסגעשטערענטען הימעל, האָב איך ליעב אַ קרעכץ צו טהון: רבונו של עולם, מאַך מיך אױך פאַר אַ פילאַנטראָפּ...

די אָרימע ליט זענען דאָך דײנע פײגעלעך, װאָס האָבען קײן פעלד

און כייז שאַף און ריגד, און קיין דאַך איבער'ן קאָפּ... גיב מיר אַזוי פּיעל, איך זאָל זיי קאָנען קרישקעלעך וואַרפען...

און אַזוי אויך, טיילמאָל ביינאַכט, אַז איך לעג מיך צו פּריה און האָפּ מיך אויף פאַר טאָג, און האָב קיין ליכט נישט אין שטוב, אָדער דאָס ברעכען אין די ביינער לאָזט מיך נישט אויפשטעהן און זעצען זיך צום שרייב־טיש, גלאָץ איך אויס די אויגען אין דער פינסטערניש אריין, עס ווערט מיר ווייך אויפ'ן האַרץ, טרעהרען פערדרעהען זיך מיר אין די ברעמען, און איך קלער מיט אַ וועהטאָג: וואָס פאַר אַ טובה קאָן איך טהון מיין פאָלק? מיט וואָס קאָן איך העלפען דער כנסת־ישראל? אַנדערע קאָנען בויען, אויפשטעלען פּיתום ורעמסס אין דער לופט, אויפ'ן אייז, אפילו אויפ'ן עולם הדמיון, און איך קאָן נאָר צעוואַרפען; אַנדערע וועקען האָטש די אַלטע שפּראַך פון קבר, און איך שרייב דאָס רוב דוקא פּראָסט יודיש...

וואָס טהוט מען?

דאָ האָב איך קיין דעה נישט... קאָנקורירען מיט ראָטשילד'ען אין ארץ־ישראל, אָדער מיט'ן באַראָן הירש אין אַרגענטינא — קאָן איך נישט באַכשרייען, רעדען צו דער וואַנד, העלפען בלויז קרעכצען — וויל איך נישט...

וואָס טהוט מען פאַרט? איך וועל אַמאָל שטאַרבען, און עס וועט פון מיר קיין גוטער זכר נישט בלייבען... די שמאָלע ווענלעך, וואָס איך האָב אויסגעטרעטען מיט פערבלוטיגטע פיס צווישען די דערנער, וועלען פערוואַקסען ווערען, די פעליעטאָנען וועלען אויסגעגעסען ווערען פון מייז, מיין אָרימע מצבה וועט צופאַלען, צושטויבט ווערען... ווער וועט מיך געדענקען?

ווען איך זאָל קאָנען זיין אַ פילאַנטראָפּ, וואָלט מען מיך ביי'ם לעבען מיט בלומען און ווינשקאַרטען בעוואָרפען, נאָכ'ן טויט — אַ ריעזיגע מצבה געשטעלט, און אויף מיין יאָהרצייט וואָלטען אין אַלע קהלות „פּאַניהידען" געוועזען...

און איך האָב מיר נישט איינמאָל געטראַכט געדולדיג צו וואַרטען ביז אַ שבועות, אַ יום־כפור, אַ תשעה־באָב, אַ הושענא־רבה, אָפּפאַסען, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען, און אַ געשריי טהון: פילאַנטראָפּ!...

ליידער בין איך דאָס יאָהר געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז קיין געשעפט נישט... קוים וועל איך וועלען עפּעס שענקען לטובת הכלל, וועלען אונזערע שרייבער אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט מיר עצות געבען, וואָס צו טהון לטובת הכלל... אַז זיי וועלען מיך ברענגען אין דול־הויז אַריין...

איך האָב שוין אפילו געקלערט אַ געשריי צו טהון: שלום!...

וואָרען מיינט נישט, חס ושלום, אַז איך בין בטבע אַ מזיק.... אַז איך האָב אַ ווילדע הנאה דערפון, וואָס איך זעץ מיך אַלע מאָל אַרויף אויפ'ן לעדערנעם פערד, שפאַן דעם הילצערנעם פאַלענבויגען און שים אויס אַ פּאָר טוץ פּאַפּירענע פייגעל, וואָס דאָס שלעכטע ווינטעל פון דער ניט-גוטער צייט טראָגט אַרום אין די לופטען...

מיינט נישט, אַז איך האָב נחת דערפון, וואָס איך מוז אַלע מאָל אַרויסשטעלען די פּאַליע אין מיט'ן גאַס אַריין און וואַשען אונזער ברודיגע וועש בפני קהל ועדה... קיין גוטס קומט מיר אַוודאי דערפון נישט אַרויס; ווער ער עס רייסט אויס דערנער — מוז זיך פערוואונדען די הענד, ווער עס האַלט מלחמה מיט לעבעדיגע ברואים, מוז זיך אַמאָל לאָזען אַ ביס טהון... עס איז אפשר אַ כבוד צו וואָהנען אויפ'ן פּאַרנאַס, אויפ'ן הויכען ליטעראַרישען באַרג, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקען, אויב נישט דעם הימעל אַליין, און מהזקות מאַכען מיט די מוזען.... נאָר צו זיין דאָרט אַ סטרוזש, און האַלטען שטענדיג דעם בעזעם אין דער האַנד, אָבצוקעהרען די פּוילע בלעטער... אַרומצוגעהן און שאָקלען די יונגע ביימלעך, די קיעפער זאָלען אַראָבפאַלען און נישט אויפפרעסען די יונגע גרינע בלעטלעך, — איז גאָר קיין נחת און קיין כבוד נישט, און — על אחת כמה וכמה — קיין תענוג נישט!

גלויבט מיר, אַז עס איז אַ ביטערער הוב, וואָס איך מוז אָבצאָהלען, איין אָבקומעניש אויף דער וועלט; מיין פינסטער מזל, פון וועלכען איך קאָן מיך נישט אָבּרייסען, ווי אַ גנב — פון דער תליה...

נאָר פאַר שלום האָב איך מורא! פאַר שטילקייט ציטער איך אימת מות!

שלום איז צווישען גנבים, ווען זיי גרייטען זיך אָן צו דער פינגער-מלאכה... זיי מאַכען שלום מיט דער פינסטערער נאַכט און צינדען קיין שטרייכהעלץ נישט אָן...

שלום מאַכען זיי מיט יעדען וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבנה...

שלום מאַכען זיי אפילו מיט'ן בריטאַן אויפ'ן הויף און וואַרפען איהם אַ שטיק „לא יחרץ"-פלייש, צו פערשטאָפּען דאָס מויל...

נאָר פריב און וויל שטילערהייד און בשלום פעריאָגען די אונ-געבעטענע געסט? מוזט דו ליכט אָנצינדען, הויך-לייט וועקען, קולות מאַכען....

שלום און שטיל איז אויפ'ן בית־הקברות... אָהן גערויש פרעסען זיך די ווערם אַריין אין די מתים'ס לייבער, שטיל האַלט אַרום דער מאָך די אַלטע מצבה און ציהט זי אין דער ערד אַריין... שטיל ה־ישט דאָס אָרימע ביימעל, וואָס ציהט אַריין אין זיך דעם קברים־זאַפט... נאָר פריב גיב תחית המתים!... מוזט דו פריהער בלאָזען אויפ'ן שופר של משיח!

שטיל איז נאַכט און טויט...

שלום איז טיילמאָל אַ שטאַרקער יצר הרע... דאָס איז אַ וואַרעמע שטוב, אַ ווייכער פאָטעל, גרוימע פאַנטאָפעל און אַ זיידענע שלאָפמיץ... נאָה דאָס אַליץ צו בעקומען טאָר מען נישט געהן מיט'ן גלייכען וועג.. און עס דאַכט זיך — גאָר נישט.. צי בין איך דען מחויב צו זאָגען דעם אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט אַ שקר'ל מפני דרכי השלום? און אויב אַ גרעסער'ס? נאָר אַזאַ געלאַסענעם, אַ הנ'עוודיג'ס? מענשען האָבען עס אַזוי ליעב, די אָרימע אונגליקליכע מענשען... און אַזוי פאַלט מען אַליץ נידעריגער און נידעריגער, ביז מען דריקט די פערבלוטיגסטע האַנד, מען קושט דאָס גרעסטע לעסטער־מויל און מען מאַכט שותפות מיט'ן ערגסטען באַנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שרעקליכע זאַך... שלום איז דער שקר אַליין.

ניין, איך וויל אויך שלום נישט בעטען!

איך האָב אַמאָל אַ געליעבטע געהאַט.

איך האָב זי ליעב געהאַט, האָטש זי איז אָרים און אָדם־נאַקעט געוועזען... איך האָב זי ליעב געהאַט, ווייל איך בין, ווי איך האָב נישט איין מאָל געזאָגט, אַ פערפאַלענער ראָמאַנטיקער און אַ אידעאַליסט אין דער „רעאַליסטישער צייט"! און זי האָט מיר אויסגעזעהן אַזוי שען, אַזוי אידעאַל־שען, אַזוי ערהאַבען, אַזוי ערעלמיטהיג, אַזוי גוט... אַ געוויסע צייט איז זי מיין מוזע געוועזען, און דעמאָלט האָבען זיך פון מיין האַרפעס סטרונעס אָבגעריסען סאַמע ווייכע, סאַמע זיסע, סאַמע ערהאַבענע טענער—ווייל איך האָב פון פולען, ווייכען האַרץ איהר לויב געזונגען!

איך האָב דעמאָלט גוטע נעכט און זיסע חלומות געהאַט, ווייל זי איז מיר גאַנט אויף נאַכט ביי'ם בעט געשטאַנען, צערטליך מיר די האָר געשטרייכעלט, מיט די סאַמעטענע, וואַרימע הענדלעך דאָס פנים געגלעט... איך האָב אין שלאָף איהר ראָזיגען אָטהעם געפיהלט, און בין גאַנץ אָפט אויפגעשטאַנען מיט ברענעדיגע ליפען פון איהר'ס אַ האָניג־קוש.

מיט דער צייט האָט זיך מיין געליעבטע פערדאָרבען: זי איז

אַ צנועה געוואָרען און אויסגעווײנט זיך די הימעל-בלאָהע אויגען בײ די גאַרישע תּחינות; זי איז אַ גבאי'טע געוואָרען, אָנגעהויבען רבנישען טאַבאַק צו שמעקען, און דער אַמאָליגער רויזענבעכער זעהט היינט אויס ווי אַ דאָפּעלטער, איבערגעקעהרטער קוימען... זי איז אַ טוקרן געוואָרען, און אויפ'ן אָרט פון מאַנדלען פיהלט מען מײלען-ווייט פון איהר שימעל און מקוה-וואַסער... און זי הברט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה-בחורים, און געהט אַרום מיט אַ צדקה-פּושקע אין די הייזער... אויף הכנסת כלה.—

איך וואָלט איהר דאָס אַלץ מוחל געוועזען, עס זאָל זיין אמת...

עס איז אָבער איינגאַנצען פאַלש... זי האַפּט זיך טײלמאָל אַרויס פון דער חברה און קאָקאָנירט אין מיטען גאַס ביי'ן אַ שאַרמאַנקע, אָדער ברעכט זיך אויס די גליעדער אין די הייף צווישען אָבגעריסענע שוואַרצע-קינסטלער... אויך אויף הכנסת כלה.

מיט דער צייט איז זי פערצאָנרייניגט, פערנאַכלעסיגט און פערוואָרלעסיגט געוואָרען...

איך וויל איהר נאָמען בסוד נישט האַלטען... „הבת-ציון" הייסט די דאַמע...

און אַז איך זעה זי, שטאַרבט אין מיר דאָס האַרץ פאַר רחמנות, און עס גיסט איבער די גאַל פאַר כעס... און העלפען קאָן איך נישט...

איך האָב קיין האָפנונג נישט אפילו אויפ'ן שפּאַלט אין הימעל; מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאָל זי אויסרייניגען, צוריק פריש, געזונד און יונג מאַכען, אויסרייסען זי פון דער שוואַרצער חברה'ס הענה און איהר צוריק געבען דעם עהרליכען, פרייען, געזונדען כשוף — די בקשה קאָן נישט איינגעפּאַסט ווערען אין איין וואָרט, און דער הימעל שפּאַלט זיך נאָר אויף איין סעקונדע...

איך האָב נאָך אַנדערע, אפשר בעסערע און וויכטיגערע בקשות, און זיי וואָלטען זיך דוקא געלאָזט איינפּאַסען אין איין וואָרט, אין איין איינציג וואָרט,— שאַרף ווי דער בליץ, שטאַרק ווי דער דונער... נאָר צום הימעל איז ווייט, מען מוז שרייען הויך און— שטיוועל האָבען אויערן, אָקסען— לאַנגע צונגען, און איך— איך האָב שטאַרק, שטאַרק מורא...

VI.

חנוכה.

אינהאלט.

	זײַטע
הנרות הללו (בילד)	109
דאס חנוכה־ליכטעל (געדיכט)	112
לכבוד חנוכה (שטימונגס־בילד)	113
נס חנוכה (ערצעהלונג)	120
א יונגען שרייבער'ס חנוכה (הומאָרעסקע)	128

נרות הלל

— זשידאָווסקי פּראָזדניק! — מאַכט דער קוטשער און גיט אַ פּייף און די פערד, וואָס האָבן גערעכנט זיך אָבצושטעלן ביי דער יודישער קרעטשמע, פליהען וויטער, ווי פיל פון בויגען גליטשט זיך דער שליטן איבערן פריש-געפאַלענעם שניי...

דער גענעראַל, אַיין אַטסטאַוונאַי, מיט די עפּאַלעטען אין דער לענג פון די קאַנטאָניסטען, האָט אויך בעמערקט. דאָס איינאיינציגע פלעמעל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דער פערפרוירענער שויב דורך דאָס לענגעכיג-קיילעכדיגע לעכעל, וואָס עס האָט זיך אַליין אויפגעטהויעט.

„וואָס פאַר אַ יום-טוב איז עס?" — טראַכט ער.

ער וויל זיך דערמאַנען נעמען פון יודישע ימים-טובים.

„פּורים" — דערמאַנט ער זיך גראַד.

וואָס איז אַזוינס פּורים? ער דערמאַנט זיך זאַפערן... אַ ריח פון זאַפערן... ביים טיש זיצט אַ פרעמדער יוד מיט אַ ברודיג-רויטע פאַטשיילע אין האַנד, אין דער פאַטשיילע איז דאָ קופערן און זילבערן געלד... ער וויל נאָך... ער דערצעהלט עפּעס אַ מעשה... קראַנקע קינדער... קימפעטאָרין... צי אַיין עגונה...

מעהר געדענקט ער נישט...

ער האָט געהערט פון פּורים-שפּיעלער, נאָר געזעהן האָט ער זיי נישט. ער פלעגט איינשלאָפען, איידער די פּורים-שפּיעלער זענען געקומען צו זיי... אין עק שטאָדט האָבען זיי געוואָהנט... אפשר האָט ער אַמאָל געזעהן און פערגעסען... צו מאָרגענס פלעגט מען אַרויסגעהן אויף שטאָל-צען אין גאַס; ער האָט מורא געהאַט צו קוקען... מען קאָן אַראָבפאַלען. עס פלעגט איהם קאַלט ווערען אַרום האַרץ און דעם קאָפּ פערדרעהען...

דעם יוד מיט דער פאַטשיילע געדענקט ער... אַ שוואַרצער יוד... אַ פּאַנפּאַטער, ער פלעגט רעדען און שפּריצען מיט טאַביק פון דער נאָז...

— פּי!

און דערנאָך וואָס געדענקט?

דאכט זיך איהם פסח...

וואס איז פסח?... עט... אין דער „הייליגער געשיכטע" שטעהט... מצרים... ירדן... ווייסט ער?!

ער געדענקט די מוטער, ווי זי פוצט און רייבט די קלאמקע פון טהיר... דיקע טראפען שוויס רינען איהר פון פנים...

דערנאך: מצות.

עס ווערט איהם ווארם ארום אלטען הארץ:

„צי בענוצען זיי דערצו בלוט, צי ניין?"

ער האט קיינמאל אין דערהיים פון בלוט נישט געהערט... דארט זאגט מען אבער אויף זיכער... אין אנהויב האט ער זיך געשפארט... אצונד ווייסט ער שוין אליין נישט... א קשיא אויף אזוינע לייט!

נאר שען גלאז איז געווזען ביים טיש... איין בעכער אין עק טיש, א גרויסער, מיט רויטע בילדער...

עפעס אויף א גאסט האט מען געווארט.

צי איז ער געקומען? — ער געדענקט שוין נישט.

דערנאך געדהט א „גרינער" יום-טוב... „זיעליאני פראזדניקי"... ווי אזוי זיי רופען עס, ווייסט ער נישט... עפעס פוטער-געבעקס, קאחע... די ראזינקעס, וואס ער פלעגט ארויסנאשען, געדענקט ער...

עפעס א קורצער יום-טוב...

ער געדענקט נאר, אז דעם יום-טוב פלעגט דער פאטער שלאפען שפעט אין טאג אריין... פאר וואס? ווייסט ער שוין נישט...

דערנאך געהען „קוטשקי"—

דאס אלטע מויל פערקרימט זיך איהם מיט א הוזק-שמייכעל. „א יודישע דאטשע אויפ'ן הויף... ביי די... ביי די... פוי!"

ער געדענקט נאך, עפעס א פרוכט פלעגט מען האלטען, א ציטרין, צי איין עפעל... א בעזעמעל אין דער האנד... און דערנאך האט מען די שטענדער געשמיסען...

רייגע געצענדיענער...

אהא! דערנאך פעהנער...

ער פאלט אריין אין אנדערע געדאנקען... זיין ערשטער טריט ארויף אויף דער לייטער, איז געווען א פאהן... סעוואסטאפאל! ער גיט נישט די פאהן.. א פוס ברידהט— ער האלט! א האנד הויבט אן ברענען, ער האפט די פאהן

אין דער לינקער האַנט אַרײַן... ער פאַלט אויף דער פאָהן... דריקט זי צו
מיט׳ן בויך, מען קאָן זי נישט פערנעהמען, ער בעקומט אַ שטאָך... פאַלט
צוגעען אין שאול תחתיה... און — האַפט זיך אויף אין שפיטאַל...

דעם ערשטען קרייץ בעקומען!

— ושידי פראָקלאַטיע!— וועקט איהם דעם קוטשער׳ס רופען...

מען פאָהרט שוין לאַנגזאַם דורך אַ לאַנגע גאַס אין אַ שטעדטעל...

אין ביידע זייטען פענסטער קוקען אַרויס פּלעצלעך... זיי ציטערען ווי
פאַר שרעק און קוקען אַרויס...

פון אַ הייזעל גייט עמיץ אַרויס און זינגט זיך איבער:

— הנרות הללו...

— שטאָ אָן סקאַזאַל, איוואַן?— פרעגט דער גענעראַל.

— אַ טשאָרט יעוואָ, ושידאַ פּאַרהאַטאָווא, זנאַיעט, וואַשע פּרעוואָס-
האָדיטעלסטוואָ!

דעם גענעראַל׳ס אויער דינט דאָך געהאַפּט:

„הנרות הללו“...

יאָ, אַזוי מוז ער הייסען דער יום-טוב — „הנרות הללו“...

דער וועג ווערט צוריק גלאַט... די פערד רייסען זיך ווי טײוולאָנים, דעם
גענעראַל פערטראַכט זיך גאָר אָהן געדאַנקען.

דאס חנוכה־ליכטעל.

עס פאַלט־צו די נאַכט, די פינסטערע נאַכט!
אונ שאָטען בעדעקען די וואנד...
נאָר אומעטיג ווילד, פערציטערט אונ זאַכט
אַ ליכטעל אין פענסטערל ברענט!

אונ עס פערצעהלט מיר דאָס טרויריגע מעהר:
אַמאָל איז געוועזען אַ שווערד...
אַ שווערד, און אַ שאַרפע... היינט גלאַנצט זי נישט מעהר...
היינט ליעגט זי צובראָכען אויף דער'ערד!

פערראָסט איז די שווערד, אונ טויט איז די האַנד,
וואָס פלעגט אַמאָל מיט איהר צו פעכטען!
עס בלייבען די העלדישע ביינער אין זאַנד...
ס'איז, דאַכט זיך, געוועזען ערשט נעכטען?

אונ דאָך וויפיעל הונדערטער, טויזענדער יאָהר
פעהלען די האַנד אונ די שווערד...
מ'יל דריקען די אַקסעל אונ פרעגען: איז וואָהר
דער נס, וואָס מיר האָבען געהערט'

לכבוד חנוכה.

און איך האָב ווייטער געבלאָנדזעט— אין חלום...

וואַכענדיג, אַז אַ מענש בלאָנדזעט, איז נישט קיין געפאַהר! מלאָכים בלאָנדזען; מיר זעהען בחוש, ווי שטערן אין הימעל האַפּען זיך אַראָב פון וועג און ווערען פערפאַלען... און לאַנג בלאָנדזען קאָן מען נישט... מען לעגט צו אַ פויסט צו די אויגען, דערזעהט מען אַ היימישען שטערן, אַ שפּיץ־דאַך פון אַ פּאַלאַץ, פון אַ קלויסטער, פון וואָס עס איז —ווייסט מען, וואו מען געפינט זיך! אַ־ניט, וואַרפט מען זיך אויף דער ערד, מען לעגט צו דאָס אויער צו דער ערד, הערט מען פון ערגיץ־וואַנעפעס אַ קול, געדט מען נאָך אַ קול צי אַ בת־קול. אין ערגסטען פאַל בילט אַ הונד ערגיץ פון אַ דאָרף, געהט מען נאָך דעם הונד... און אַז דאָס אַליץ העלפט נישט, איז אויך נאָך וויט צו סכנת נפשות: די וועלט איז נישט הפקר; פאַרהאַן אַיין אויג, וואָס זעהט, אַיין אויער, וואָס הערט, און די שאָף זענען געצעהלטע שאָף! און עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנד, האַפּט אָן ביי דעם „פּאָדקאָלנער״ און פיהרט צוריק אין סאַמע־ראָדנע־מיט סטאַדע אַריין, און עס ווערט צוריק זיכער, וואַרעם און היימליך, און עס געדט צוריק דער אַלטער קדמונים־גאַנג— קאָפּ־צו־ווידעל, קאָפּ־צו־ווידעל!...

אָבער אַז מען בלאָנדזעט אין חלום? קיין אויג, קיין אויער און קיין האַנד... קיין שפּאַן הימעל איבערן קאָפּ, קיין שאָל ערד אונטער די פיס... און אין איין סעקונדע קאָן מען אין גראָהעם „גאָרנישט מיט גאָרנישט״ אָב־בלאָנדזען אַ וועלט, איין „אייביג״!

און, וואָס ערגער איז, נאָך אַזאַ חלום, האַפּט מען זיך אַמאָל נישט אינגאַנצען אויף... מען האָט אָפענע אויגען, מען געדט אין סאַמעראָדנע מיט סטאַדע, און די נשמה איז נאָך נישט צו זיך געקומען, און זי חלומט, און בלאָנדזעט ווייטער. און מען האַפּט אָן אַיין עק פון אַיין אומריינעם שעפּס, און מען מיינט, גאָט ווייסט וואָס עס איז, און מען לעגט צו צום מויל... משוגע צו ווערען!

און איך האָב געבלאָנדזעט אין חלום! אַ מערכה נאָר, וואָס נישט אַליין... אַ גראָהער חלום, אַ ווימטער חלום, גאָר נישט אײַנגאַנצען. איך האָב בליצען, לייכטער, שטורקאַצען און אילומינאַציעס געזעהען...

איך וועל אײַך דערצעהלען כסדר:

— — — — — — —

אַזוי ווי איך בין אַרײַנגעפאַלען אין גראָהעם „גאָרנישט מיט גאָר־נישט", בין איך בייז געוואָרען, און טאַקי אויף מיר אַליין! און אויף מיר אַליין אַז איך ווער בייז, זידעל איך מיך הויך, טאַקי בקול רם, ווײַל פאַר מיר אַליין האָב איך קיין מורא נישט!

— שלים־שלימזל!— זידעל איך מיך— ווי בלאָנדזעט עס אַ מענש?

— אַ מענש— זאָג איך ווייטער — האָט צוויי זיכערע פּונקטען: אַ מענש ווייסט, פון וואַנען ער קומט און — וואו אַהין ער מוז קומען... און אַז מען האָט צוויי פּונקטען, דאַרף לייכט זיין צו געפינען דעם אמת'ן דרך הישר — דעם קירצסטען וועג צווישען ביידע פּונקטען! אַ הונד, וואָס לויפט צו אַ ביין, טרעפט אויך דעם גלייכען וועג!

און ווי איך זידעל מיך אַזוי, דערפיהל איך פּלוצלינג אַ ריח פון אַלטע ציבעלעס, און עמיצענס אַ האַנד לעגט זיך מיר אויף די אַקסעל, און אַ פריש־קלינגענדיגע שטימע פרעגט מיך:

— וואָס שרייסט דו?—

עס בעוויזען זיך מיר צוויי גלאַנצענדיגע אויגען אין דעם גראָהעם „גאָר־נישט־מיט־גאָר־נישט", איך דערשרעק מיך אַביסעל און ענטפער מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה:

— ווער ביסט דו?

— הערינג טראָג איך!— ענטפערט מיר די שטימע.

— און בלאָנדזעסט?

— ניין... איך געה נאָך די הערינג...

— וואָס גראָד הערינג?

— גראָד... הייגט הערינג, מאָרגען אייער, האָזענע פעדכלעך... וואָס עס מאַכט זיך.

— און וואָהגען וואָהנסט דו?

— אין ערגיץ!— ענטפערט ער— נאָר גאָר אײַנגאַנצען פרעמד בין איך אין ערגיץ נישט...

— און אַצונד געהסט דו?

— וואו עס הערט זיך לאָזען...

פלוצלינג שלאָגט מיר אין די אויגען אריין א שימער פון א ווייסער באָרד.

— וואָס זענט איהר? — פרעג איך דערשראָקען — אַלט, צי יונג?

— עלטער פאַר אַלע און יונגער פאַר אַלע, — ענטפערט ער. — איך ווער אַלע מאָל ווי ביי־געבוירען...

שטאַרק געוואונדערט אין חלום האָב איך מיך נישט. נאָר פלוצלינג בעקום איך א ווילדען חשק צו געהען צוזאַמען מיט דעם, וואָס ווערט אַלע מאָל ביי־געבוירען.

— געהמט מיך מיט! — בעט איך.

— מהיכא תיתא, — זאָגט ער.

און מיר געהען... מיך פיהרט דער גלאַנץ פון זיינע אויגען, דער שימער פון דער ווייסער באָרד... א ניט, הער איך זיין קלינגענדיגע שטימע; א־ניט, פיהרט מיך דער ריח פון די אַלטע הערינג... אַבי נישט געבלאָנדזעט אַליין!

— די פיס ברעכען געהענדיג, — קלאָג איך מיך נאָך א ווילע.

— שטעהען בלייבען טאָר מען נישט, — ענטפערט ער אַביסעל שטרענג, — מען ווערט פערשטאַרט און געפרוירען...

— עס איז אַזוי גראָה, אָהן הימעל, אָהן שטערן, אָהן א שטראַהל ליכט...

— ליכט — ענטפערט ער, איראָניש דאַכט זיך, — ליכט וועט זיין... נישט פון דער הייך... פון דער זייט וועט זיין ליכט... און וואָס פינסטערער עס איז א נאַכט אָהן הימעל, גלאַנצענדיגער און העלער לייכט דאָס אַלץ, וואָס מען צינדט־אונטער אין דער נידער — —

— וואָס איז דאָס פאַר א בריה? — טראַכט איך — א מענש טראָגט הערינג, רעדט הכמות, גאַנצע שטיקער פילאָזאָפיע!

נאָר צייט צו פרעגען האָב איך נישט.

פלוצלינג הייבט מיר אָן עפעס רויטליך צו שווינדלען פאַר די אויגען.

— עפעס דריטעלט זיך, — זאָג איך.

— איין אָבגלאַנץ פון עפעס! — ענטפערט ער.

און א רויטליכער נעפעל וויעגט זיך און טראָגט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און א ריח טראָגט זיך מיט׳ן נעפעל.

— וואָס שמעקט אַזוי? — פרעג איך.

— פרישע רויזען,— ענטפערט ער— איך האנדעל אמאל מיט רויזען, אויך... מיר דאכט,— זאגט ער— ווייסע רויזען!

און א ווייסער רויזענקראנץ בעווייזט זיך אין רויטליכען נעפעל... און א פרויען-געשטאלט— אונטערן קראנץ... און א לייב פון איין אלאבאסטער-האלז מיט פאליעס רויט פלאמענדיגע-האר בעדעקט, פון זיי שלאגט זיך עס אב דער רויטליכער נעפעל... און צווי אויגען— צווי ברענענדיגע שטערן— לייכטען אין נעפעל, פערקוקט פאר זיך.. ווייט אין דער וועלט אריין! און פעסט און קעניגליך שטאלץ איז איהר גאנג אין גראהעם „גארנישט מיט גאר-נישט", דאס קליין-קרעטענע מויל איז קוים-קוים שמייכעלדיג אפען, און א בעכער שוימענדיגער וויין איז די אויסגעשטרעקטע האנד פון עלפענביין!

די געהט פארביי, און ביי מיר צאפעלט דאס הארץ און רייסט זיך, ווי א פערוואונדעטער פויגעל פון איין ענגער שטייג ארויס, און ערשט, אז די איז פערשוואונדען, פרעג איך אהן גוטהעם:

— ווער איז די?

— ווער ווייסט? חוה פון גן עדן, ושתי פון דער מגלה... גריכענלאנדס שענע העלענא... און אפשר א„דיווא" פון א קאפע-שאנטאן——

— דאס האסטו אויך געזעהען?

ער מאכט זיך נישט הערענדיג—

— נאר איהר וועג— זאגט ער— ווייכט זי!...

און א געריויש קומט מיר אין אויער אריין...

א פערדס-גאלאפ שלאגט זיך דומפיג אב פון דער הארטער ערד, אויבוואהל מיר האבען זי נ י ש ט אונטער די פיס.

צווישען בליצען בעווייזט זיך א רייטער,— מיט'ן פערד צוזאמען אין שטאהל און אייזען געשמיעדט! עס בלאנקט דאס אייזען, עס שימערן ביידע מיילער מיט פערל-וואסער-שוים בעדעקט... און אויף דער נאקיט אויסגעצויגענער שווערד טאנצט דער בליץ... דעם בליץ געהט ער עס נאך!

און אויפ'ן הויכען שטערן איז צוגעקלעבט א טראפען בלוט... איבער'ן רויטען פלעק א גאלדענע קרוין; דעם פלעק פערדעקט זי נישט... איבער דער קרוין הייבט זיך און קרייזעלט זיך א שווארץ גלאנצענדיגע קראה,— איהרע אויגען ברענען, און די לופט קרעכצט אונטער איהרע גלאנצענדיגע פליגעל...

די פליהט נאך דעם רייטער, ער — דעם שפיץ פון זיין שווערד!...

 די צייט.

— ווער איז עס? פרעג איך.

— איך ווייס? קין, נבוכדנצר — — ווער דו ווילסט, נאר ווי אזוינס גלאנצט און לייכט אין דער פינסטערער נאכט...

און צוריק „גאר נישט מיט גאר נישט"! און מיר בלאנדזען טעג און וואכען, אפשר חדשים, און פאלען פלוצלינג אריין אין א ים פון ליכט!

מיר זענען אין א טהאל צווישען בערג, פון טהאל וואקסט ארויס א שטאדט...

און אלץ לייכט און ברענט!

ארום, אויף די רוקענס פון די בערג, זענען קליינע ליכטלעך פערזייעט... די קליינע פלעמלעך לעקען ציטעריג די קארגע גרעזלעך אויף דער ערד, און קליינע רויכלעך ציטערן ארום די קליינע ליכטלעך, און עס הייבט זיך אלץ העכער און העכער... גלייך נשמה'לעך קריכען און שאטען קריכען זיי נאך...

אונטען ביים זוים ברענען פעסער כמאלע...

— קדוש החודש? — פרעג איך.

— אילומינאציע! — ענטפערט ער. זעה! — און דרעהט מיך איבער צו דער שטאדט.

הייזער און פאלאצען! און אלץ „באדט זיך אין ליכט"... קליינע פלעמלעך בלאנדזען, קריכענדיג אויף די גלייכע ווענד, קליינע רויכלעך יאגען זיי נאך... אויף באלקאנען פלאמען ליכט און אויגען צוזאמען... פון מיטען שטאדט פליהען ארויף פייערדיגע שלאנגען, און פלאצען אין דער הייך מיט גערויש, און צושפריצען זיך אויף טויזענדער שטערן, און זייע שלאנגען פליהען...

און די שטערן אין הימעל ווערען בלאס פון שרעק, די לבנה — גרין און געל פאר קנאה...

— וואס פאר א'יין אילומינאציע?

— אמאל איז געווען א פאסטוך, האט ער געפאשעט גענז... די גענז האבען געראטעוועט רוים... היינט איז זיין יאהרצייט...

אזוי האט ער מיר פערטייטשט.

און צוריק ארוים אין גראהעם „נישט" אריין, און ווייטער געבלאנדזעט א צייט, ביז מיר זענען ווייטער אריינגעפאלען אין ליכט...

עס שימערט א בלאנקער, פלאכער שפיגעל, עס ציהט זיך א לאנגער טייך...

אַ דיקע גע֞פעלדייל שטעהט אין מיטען טייך, און הייבט זיך ביז'ן הימעל אַריין, און האַלט איהם אונטער...

פון גע֞פעל קוקען ליכטלעך, ווי גליה-ווערם, אַרויס...

— דאָס זענען אַרויס שיפלעך, — פערטייטשט מיר מיין הערינג-מאַן. — די וואָלטען ווייט ווייט אַוועק, נאָר דער גע֞פעל האָט זיי פערשלאָסען אין זיך!

נאָר אַרום גע֞פעל פליהען פרייע שיפלעך („שפּאַציר-שיפלעך" — זאָגט ער) מיט פאַרביגע לאַמטערן אין בלומען-קרענץ פערציערט... מענער און ווייבער פאָהרען שפּאַצירען.. און געזאַנג הערט זיך, אַביסעל אויסגעלאַסען טרויעריג, אַביסעל הייזעריג און פערשכור'ט... ביים ברעג צו דער שטאָדט צו, צו דער שטאָדט אויפ'ן באַרג, — שטעהט אויסגעשטעלט אַ לאַנגע רייהע לאַמטערן; זיי שלאָגען זיך אָב אין שוואַרצליכען וואַסער ביים ברעג, ווי ליכטיגע, פלינקע זיילען, אויף וועלכע דער ברעג, דאַכט זיך, שטעהט...

און אויפ'ן רוקען פון באַרג יאָגען זיך ליכטלעך און לעמפּלעך, ווי נשמה'לעך, איינגעהילטע אין רויכיגע שאָטען. זיי הייבען זיך און יאָגען זיך אין שטאָדט אַריין, און ווערען פערלוירען אין לוסטיג-לייכטענדיגע גאַסען מיט ברענענדיגע פענסטער, גאָלדענע, פלאַמענדיגע שפּיצען פון דעכער—

— אַ פלאַמענדיגער ברוך הבא! — זאָגט ער.

— וועמען?

— איין אייניקעל...

— וועמ'ס?

— דעם זיידענ'ס! דעם זיידענ'ס, וואָס איז אַמאָל אַהער געקומען אַלס ביינד, און פון שטאָדט אַ חורבן געמאַכט...

דעמאָלט איז אַיין אילומינאַציע געווען! הייזער האָבען ווי לאַמטערן געברענט... טייכען וואַרים-בלוט האָבען זיך געוויכערט אין די גאַסען, און פלאַקערדיגע שטראָמען פון בוימעל און וויין זענען איבער די טייכען געשוואומען...

היינט קומט ער מיט זיין גנאָד... און דאָס איז זיין „ברוך הבא!"—

אַלע ליכט, אַלע פלאַמען, אַלע אילומינאַציעס און ברוך הבא'ס, וואָס איך האָב אין חלום געזעהען, און וואָס מיין הערינג-הענדלער האָט מיר פערטייטשט, בין איך אייך נישט אימשטאַנד איבערצוגעבען...

עס האָט מיר אָנגעהויבען אין די אויגען צו ברענען, אין דער נשמה!

די צייט.

און צום סוף גאָר, גאָר צום סוף ערשט האָט זיך מיר געוויזען, ווי יאָסיל קרעמער בענשט הנוכה־ליכט...

דורך אַ קליין שייבעל ציטערט אַ קליין וואַקסען ליכטעל...

— פּאַמעליך — זאָגט ער — פּאַמעליך... היינט איינס, מאָרגען צוויי, איבערמאָרגען דריי... און אַזוי ווייטער... ביז גאַנצע אַכט! —

די השמונאים'ס אילומינאַציע!

ער איז מיר פערשוואונדען געוואָרען, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

נס חנוכה.

.1

איך האָב שוין געהאַלטען דעם פּאַלטאָ אין דער האַנד, און האָב מין דאָך אָבגעשטעלט:

— געהן — אָדער נישט געהן אויף דער לעקציע?

אַה, עס איז אַזוי אונאַנגענעהם! אַזאַ שלעכט, אַזאַ פויל וועטער... אַ האַלבע מייל וועגס... און וואָס? נאָך אַמאָל „פּקד, פּקדתי", נאָך אַמאָל דער „אַלטער בעל הבית", וואָס האָט אָהן דקדוק אָבגעלעבט עטליכע זעכציג יאָהר, צעהן מאָל געוועזען אין „לאַפּסק", אַ פּאָר מאָל אין „דאַנציג", שיער נישט אָנגעשלאָגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און קאָן אַלץ נישט פערשטעהן, אויף וואָס מען גיט דאָ אוים געלד... אַ טייערע מציאה — דקדוק!

ווייטער, דער „יונגער בעל הבית", וואָס ווייסט, אַז פּראַקטישער וואָלט געוועזען צו טראָגען פּאות מיט אַ שטריימעל, אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, צו פּאָהרען צו'ן אַ גוטען יוד, און נישט צו וויסען פון דקדוק. ער איז, נעבּיך, אַ כשר קרבן... אַלס סוחר מוז ער, נעבּיך, קומען צווישען מענשען, טראָגען אַ הוט מיט אַ געפּרעסט העמד, ערלויבען, דאָס ווייב זאָל געהן אין טעאַטער, די טאָכטער זאָל לעזען ביכער, און מוז האַלטען נאָך צום יונגעל אַ לעהרער אויף „דקדוק"...

— איז דען דער טאַטע נישט גערעכט? — מאַכט ער — גאר די וועלט וויל אַזוי!

און דער וועלט קאָן ער קיינמאָל גאָר נישט אָבזאָגען!

— טהוט מיר האָטש צוליעב, — בעט ער זיך ביי מיר, — און מאַכט מיר איהם נישט קאַליע.

— איך צאָהל אייך — זאָגט ער — אַזוי פיעל געלד פאַר אַ הויל ביסעל

דקדוק; זאָל ער נישט וויסען, אַז די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון!

און איך האָב צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פון מיר נישט וויסען, ווייל... ווייל איך האָב אינגאַנצען אַיין לעקציע געהאַט, און... אַ קראַנקע מאַמע אין שטוב!...

— געהן — אָדער נישט געהן?

ביי דער לעקציע היט מיך דאָס גאַנצע הויז-געזינד.

צי זי אויך?

זי זיצט פון דער ווייטענס, שטענדיג פערלעזען, פערטיעפט... טייל-מאָל הייבט זי אויף די לאַנגע, זיידענע ברעמען, דעמאָלט ווערט אַביסעל ליכטיג אין שטוב...

דאָס געשעהט דאָך אַזוי זעלטען, אַזוי זעלטען...

און וואָס וועט זיין דערפון? גאָר נישט, אויסער האַרצוועהטאָג!—

— הערסט?— וועקט מיך אויף דער מאַמע'ס שוואַכע שטימע פון בעט— דער פעלשער זאָגט, אַז ווען איך זאָל האָבען אַ פּאָר וואַרימע, וואָלענע זאָקען, וואָלט איך געמעגט אַראָבקריכען פון בעט.

— מוז מען געהן אויף דער לעקציע!

.2

אויסער דער בעל הבית'טע, וואָס האָט זיך, ווי איהר שטייגער איז, אַרויסגעהאַפּט, דער שווער זאָל נישט וויסען, אין טעאַטער אַריין, האָב איך געטראָפען דאָס גאַנצע הויז-געזינד אַרום זידענדיגען טאָמבאַקענעם סאַמאָוואַר.

אויף מיין „גוט'ן-אָבענד" האָט דער יונגערער בעל הבית געענטפערט מיט אַ שוואַכען „גוט-יאָהר", און נישט אויפגעהערט צו דרעהען אין דער האַנד די טאַליע קאָרטען, וואָס ער האָט געהאַלטען, געווים — וואַרטענדיג אויף געסט.

אונטער אַ שפּיציגער יאַרמולקע, אַיינגעהילט אין אַ ברייטען טערקישען שלאָפראָק, לוינט נישט דעם אַלטען בעל הבית אַרויסצונעמען די לאַנגע אַנטיפּקע, מיט'ן בורשטינענעם שפּיץ, פון מויל, אָדער אויפצוהייבען די אויגען פון אַלטען ליסער סדור. ער שאָקעלט מיר קוים צו מיט'ן קאָפּ און

פערטיפעט זיך ווייטער אינ'ם פירוש צו'ם זמר להנוכה.

זי איז אויך פערטיעפט, נאָר, ווי געוועהנליך — אין איהר ראָמאַן.

אויף מיין תלמיד האָט דאָך מיין אַריינקומען איין אונאַנגענעהמען איינדרוק געמאַכט.

— וואָס? שפרינגט ער אָב פון טיש און וואַרפט טראָציג אַרונטער דאָס שוואַרצגעלאָקטע קעפעל — היינט אויך לערנען?

— פאַר וואָס נישט?— שמייכעלט דער פאָטער.

— עס איז דאָך חנוכה!— טופעט דער קליינער מיט'ן פוס, און ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן ערשטען ליכטעל מיט'ן שמש, וואָס האָבען געברענט אונטער דער פאָרהאַנג אויפ'ן פענסטער, צוגעקלעבט צו'ן אַ שייטעל האָלץ.

— גאַנץ גערעכט! — בורטשעט אַריין דער אַלטער.

— נו, נו, מוחל! — מאַכט גלייכגילטיג דער יונגער בעל-הבית.

עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז בלאַסער געוואָרען, אַז זי האָט טיעפער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו'ם בוך.

איך זאָג „אַ גוטע נאַכט", נאָר דער יונגער בעל-הבית לאָזט מיך נישט אַוועקגעהן:

— איהר מוזט שוין בלייבען אויף טהיי!

— און אויף „שקצים'לעך מיט מאָהן" — האָט פרעהליך אויסגע-שריגען מיין תלמיד. ער וואָלט מיט מיר גוט געלעבט, ווען נישט דער „פקד, פקדתי".

איך וויל אָבזאָגען, נ... דער לאָבוז האַפּט מיך אָן ביי דער האַנד, רוקט מיר צו, מיט אַ שעלמישען שמייכעל אויפ'ן ריהרעוודיגען פנים, אַ שטוהל, געגענאיבער דער שוועסטער.

האָט ער עפּעס בעמערקט?

נאַטירליך האָט ער געקאָנט עפּעס בעמערקען נאָר פון מיין זייט... זי איז שטענדיג פערטיעפט און פערל'עזען... זי האַלט מיך געוויס פאַר אַ בטלן... אפשר נאָך פאַר עפּעס ערגערס... זי ווייסט דאָך נישט, אַז איך האָב אַ קראַנקע מאַמע אין דערהיים!

— עס מוז שוין זיין אָנגעצונדען! — רופט זיך אָן אונגעדולדיג דער יונגער בעל הבית. —

3.

-באַלד, באַלד, טאַטעשי: — ענטפערט זי האַסטיג, און איהר בלאַס פּנים רייטעלט זיך.

דער יונגער בעל־הבית פערטראַכט זיך ווייטער; מיין תלמיד לאָזט איבער'ן טיש אַ דריידעל, דער אַלטער לעגט אַוועק דעם סדור און גרייט זיך צו צו'ם טהיי.

אונגערנווילינג האָב איך מיך פערקוקט אויף די חנוכה־ליכט, וואָס ברענען מיר געגענאיבער אויפ'ן פענסטער. זיי ברענען אַזוי טרויעריג, אַזוי נידערגעשלאָגען און פערשעמט פאַר'ן פערזילבערטען בלייך־לאָמפּ, וואָס הענגט איבער'ן עס־טיש און בעלייכט אַזוי דעל דעם פיינגעדעקטען טיש... עס ווערט מיר נאָך אומעטיגער, און איך בעמערק נישט, אז זי דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טהיי.

— מיט ציטרין? — וועקט מיך איהר טרויעריגע שטימע.

—אפשר מיט מילך? — פרעגט דער פאָטער.

—ניין, ניין, די מילך איז אָנגעברענט! — וואָרענט מיך דער תלמיד.

—אונערטרעגליך! — רייסט זיך איהר פון מויל ארויס.

4.

עס איז ווייטער שטיל. מען הערט נאָר דעם זייגער אויף דער וואַנד, דאָס זופּען פון די גלעזער און דאָס קלינגען מיט די לעפעלעך.

פלוצלינג פאַלט איין מיין תלמיד צו פרעגען:

—לעהרער, וואָס איז אַזוינס חנוכה?

— ווערסט פרעגען מאָרגען דעם רבי'ן אין חדר, — מאַכט אונגעדולדיג דער אַלטער.

— עה! — מאַכט מיין שילער טראָציג, — דער לעהרער ווייסט וואויל בעסער פאַר'ן רבי'ן.

דער אַלטער וואַרפט אַ בייזען בליק אויפ'ן זוהן; דאָס האָט געהייסען: „זעהסט?!"

— איך וויל אויך וויסען, וואָס חנוכה איז! האָט זי זיך אנגערופען שטיל.

— נו, אדרבה! — מאַכט דער יונגער בעל־הבית, — לאָמיך זעהן, וואָס בײַ אײַך איז חנוכה!

5.

— עס איז געווען אין דער צײַט — האָב איך אָנגעהויבען — ווען די גריעכען האָבען אונז אונטערגעדריקט אין ארץ ישראל.

די גריעכען... נאָר דער אַלטער האָט מיר איבער מיט אַ זויערע מינע:

— אין שמונה עשרה שטעהט „מלכות יון... הרשעה!"

— עס איז אַלץ איינס, מן הסתם — בעמערקט דער יונגער בעל־הבית — וואָס בײַ אונז איז יון — איז בײַ זיי אַוודאי גריכען!

— די גריעכען — האָב איך נאָך אַמאָל אָנגעהויבען — האָבען אונז שרעקליך אונטערדריקט! עס איז געווען די ערגסטע צײַט פאַר יודען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט שוין אונטערגעהן און פערלוירען ווערען... נאָך עטליכע אונגליקליכע מרידות איז אונזער גאַנצע קראַפט צעשלאָגען געוואָרען.... דער לעצטער פונק פון האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָשען... מען האָט אונז אין אונזער אייגענעם לאַנד ווי ווערם מיט די פיס געטרעטען...

דער יונגער בעל הבית האָט שוין לאַנג נישט געהערט; ער האָט איבערגעבויגען דאָס אויער צו דער טהיר, צי וועט נישט עמיץ קלינגען פון זיינע געסט... נאָר דער אַלטער לאָזט פון מיר קיין אויג נישט אַראָב. און אַז איך האָב נאָך אַמאָל בענוצט דאָס וואָרט „אונטערדריקט", האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטען און געזאָגט:

— אַ מענש רעדט ריינע דבורים... אונטערדריקט — שמיקט... וואָס טויג מיר דאָרט.... מען האָט אונז פשוט נישט געלאָזט קיין שבת האַלטען, קיין יום־טוב מאַכען, קיין תורה לערנען און אפילו מילה פערוועהרט!

— שפּיעלט איהר נישט פּראָפעראַנס? — האָט מיך ראַפּטום געפרעגט דער יונגער בעל־הבית, — אפשר גאָר אין אָקע?

עס איז ווייטער שטיל געוואָרען, און איך האָב ווייטער פערצעהלט:
— די לאַגע איז מיט דעם נאָך ערגער געוואָרען, וואָס אונזער אַדעל און די רייכע לייט האָבען זיך אָנגעהויבען מיט זייער אייגען פאָלק צו שעמען און אָנגעהויבען זיך פיהרען גריעכיש.... מען האָט אָנגעהויבען צו בעזוכען גימנאַזיום'ס...

די און דער זיידע קוקען מיך ביידע אָן פערחידושט:

— אין יענע גימנאַזיום'ס, האָב איך ווייטער געצויגען, האָט מען נישט געלערנט ווי אין די היינטיגע.... מען האָט נאָר גימנאַסטיק געמאַכט, און דוקא נאַקיט, און זכרים מיט נקבות צוזאַמען...

ביידע פּאָר אויגען האָבען זיך צוריק אַראָבגעלאָזט, נאָר פאַר דאָס האָבען זיך דעם יונגען בעל־הבית'ס אויגען צופלאַמט:

— וואָס רעדט איהר?!

איך ענטפער איהם נישט און פערצעהל ווייטער פון די טעאַטערן, וואו מענשען האָבען זיך געשלאָגען מיט ווילדע חיות און אָקסען, און פון אַנדערע גריעכישע מנהגים, וואָס האָבען געמוזט דעם יודישען לעבען זיין צו־ווידער.

— דאָס איז אַלץ פאַר די גריעכען נאָך ווייניג געווען; זיי האָבען געוואָלט, עס זאָל פון יודישען לעבען קיין צייכען נישט בלייבען, און זיי האָבען אויפגעשטעלט אַ מזבח מיט איין עבודה זרה אין מיט'ן גאַס, און בעהייסען צו'ן איהר מקריב זיין קרבנות.

— צאָ מאָ זנאַטשי? — האָט זי איבערגעפרעגט.

איך האָב איהר פערטייטשט, און דער אַלטער האָט זיך צוהיצט און געענדיגט:

— און אַ חזיר! דוקא אַ חזיל זאָל מען מקריב זיין!

— און עס האָט זיך געטראָפען אַ יוד — האָב איך ווייטער אָנגעהויבען — וואָס איז צוגעגאַנגען צום מזבח און האָט געוואָלט ברענגען אַ קרבן...

אין דער אייגענער רגע איז פון די בערג אַראָב דער אַלטער מאַקאַבעער מיט זיינע פינף זיהן... איידער די גריעכישע סאָלדאַטען זיינען צו זיך געקומען, האָט זיך דער נידערטרעכטיגער שוין געבאָדען אין זיין אייגען בלוט, דער מזבח איז געווען צושטויסען. אין איין סעקונדע האָט די מרידה אויפגעפלאַמט...

... און די מאַקאַבעער מיט אַ קליין ביסעל גבורים האָבען געזיגט די הונדערט מאָל שטאַרקערע גריעכען...

... ווי האָבען די גריעכען פערטריבען פון לאַנד, בעפרייט דאָס פאָלק.

— צום אַנדענקען פון דעם זיעג — האָב איך געענדיגט מיין ערצעהלונג — צינדען מיר עד היום אונזערע אָרימע אילומינאַציע, אונזערע חנוכה-ליכט.

— וואָס? — איז אויפגעשפרונגען דער אַלטער און האָט געציטערט פאַר צאָרן — דאָס איז דאָס נס?

— אַהער, שמערקע! — האָט ער אַ געשריי געטהון צום אייניקעל, וואָס האָט זיך פאַר שרעק נאָך ווייטער אָפּגערוקט.

דער אַלטער קלאַפּט אין טיש אַריין, אַז עס קלינגען די טעלער:

— דאָס נס איז געוועזען... אַז מ'האָט אַרויסגעטריבען די טמא'ע יונים, איז נישט מעהר געבליבען ווי איין קריגעל כשר'ער בוימעל...

נאָר ער האָט זיך צוהוסט און נישט געקאָנט דעם אָטהעם האַפּען. דער יונגער בעל הבית איז צוגעלאָפען און האָט איהם אַרויסגעפיהרט אין דער צווייטער שטוב אַריין.

.8

איך וויל אַרויס פון שטוב, נאָר זי פערהאַלט מיך:

— זי זענען געגען אַסימילאַציע? — האָט זי מיך געפרעגט.

— אַסימילירען — האָב איך איהר געענטפערט — הייסט פערצעהרען, אויפעסען און פערדייען. מיר אַסימילירען רינדפלייש, ברויט, און אונז ווילען אַנדערע אַסימילירען... אויפעסען ווי רינד-פלייש און ברויט...

זי שווייגט אַ פּאָר סעקונדען און פרעגט דערנאָך דערשראָקען:

— וועלען דען אייביג, אייביג זיין קריעג און שטרייט צווישען פעלקער?
— אָה, ניין — האָב איך איהר געענטפערט. אין אַ געוויסען פונקט מוזען זיך אַלע פעלקער פעראייניגען!
— און דער איז?
— די מענשהייט!... זאָל יעדערער ביי זיך טהון, וואָס מען דאַרף, וועלען זיך שוין אַלע צוזאַמענטרעפען.

די האָט זיך פערטראַכט. איך וויל ווייטער רעדען, נאָר מיר האַקט איבער אַ קלאַפּ אין דער טהיר...

— די מאַמע געהט!— האָט זי שנעל אויסגעשריגען און ענטלויפט. צוועקגעהענדיג דערלאַנגט זי מיר דאָס ערשטע מאָל די האַנד.

.9

דעם צווייטען טאָג אין דערפריה, נאָך ליעגענדיג אין בעט, האָב איך דערהאַלטען אַ בריעף דורך אַ פּאָסלאַניעץ.

דער קאָנווערט האָט איהר פאָטער'ס פירמאַ „Jakób Berenholc".

דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי'ן גולן... אינטערעסאַנט איז מעהר נישט געלעגען נאָר 10 רובל פאַר'ן חודש, וואָס האָט זיך נאָך נישט געענדיגט.

אויס לעקציע!

א יונגען שרייבערס חנוכה.

גענומען אין דער רעדאַקציע האַנד־געלד און צוגעזאָגט נ"ג זאַך אויף חנוכה; צום זיבענטען ליכטעל. דער „דוהאָוונע" רעדאַקטאָר האָט ביי מיר גענומען תקיעת כף. דעם צווייטען, דעם ליטעראַרישען, האָב איך מיין עהרען־וואָרט, דעם „הן־צדק" פון אַ שרייבער געגעבען. עס זאָל ערנסט אויסזעהן, האָב איך דערביי מיט די אויגען געפינטעלט, און דער קאַסירער האָט זיך באַלד גענומען צום אויסצעהלען. בעקומען האָב איך אַ סך; טאַמע קופערן קליין־געלד.

און שרייבען מוז איך, האָטש אַ דייטשער פיסק, עליו השלום, האָט נעזאָגט, אַז „קיין מענש מוס מיסען". עס איז פאַרהאַן אַ רעסטאָראַטאָר, וואָס איז קיין ארך אפים נישט און גיט קרעדיט העכסטענס אויף אַ חודש. מאַכט זיך אַ פתיחה ביי די שטיוועל אָדער ביי די הויזען, מוז מען צאָהלען באַר געלד. און עס איז פאַרהאַן אַ בעל־הבית'טע, אַ דיקע, בייזע יודענע, וואָס, אַז מען צאָהלט איהר נישט צו דער צייט, הערט זי פריהער אויף צו געבען טהיי, דערנאָך, אויב עס העלפט נישט, נעמט זי דעם שליסעל פון צימער צו,— האָטש נעכטיג אויפ'ן נאַסליכען שנעע אין גאַס. מאַריע, אמת, דאָס צושויבערטע דיענסט־מיידעל, מיט די ברודיגע הענד ביז אין אָרים און טיעף־פערשאַלומ'טע אויגען ביז'ן שאול תחתיה אַריין, דערלאַנגט מיר טהיי בגנבה פון דער בעל־הבית'טע. זי האָט פאַר מיר גרויס ליעבשאַפט מיט דרך ארץ. זי זאָגט, אַז איך מוז זיין אַ שרייבער פון איהר צד, וואָרום די שרייבער פון דער בעל־הבית'טעס צד געהען היינט אין גאָלד. איינמאָל פאַרטאָג האָט זי זיך אַריינגעגנב'עט צו מיר, און מיט טרעהרען אין די אויגען פאַרגעשלאָגען אַ קליינע הלואה אויף דירה־געלד... נאָה אַזוי טיעף געפאַלען ביי איך נישט. גערידהרט, האָב איך זי געקושט. זי האָט געציטערט אין מיינע אָרעם, נאָר דאָס געלד— איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר

אַ נסיון עס איז געווען! — האָב איך נישט גענומען. זי האָט עס מיר אונטערן קישען געלעגט, איך האָב עס געפונען און צוריקגעגעבען. איך בין נישט אַזאַ שמאַטע, ווי מען זאָגט... נאָר ווי לאַנג קאָן אַ מענש אויסהאַלטען אַ נסיון?

מען מוז דעריבער וואָרט האַלטען. מיט דער דיקער בעל־הבית׳טע איז נישט צו שפּאַסען. נעכטען האָט זי מיר ווייטער צוגענומען דעם שליסעל. „מוחל, זאָגט זי, דאָס שכירות, נאָר היידאַ!״ איך האָב איהר געזאָגט, אַז על פּי דין איז זי גערעכט, נאָר אַז היינט דאַרף זי טהון לפנים משורת הדין. זי דאַרף מיך לאָזען בשלום חנוכה־ליכט בענשען! זי איז בעשטאַנען. די האַרטקייט איז אַראָב פון פּנים, אין די אויגען האָט זיך איהר בעוויזען אַ צערטליכקייט —

— גאָט, נאָר דאָס לעצטע מאָל! „אַ יודישע קישקע קאָן מען פאָרט נישט אָבשאַצען״ — האָט זי צוגעגעבען און האָט מיר אפילו ערלויבט צו נעמען פון קיך אַ שייטעל האָלץ, די ליכטלעך צוצוקלעבען! זי האָפט אויף אַ חלק פון שכר פאַר די מצוה. דערפאַר האָט מאַריע אויף מיר אַ שלעכט אויג געוואָרפען: זי קלערט, אַז איך בין פאָרט פון דער בעל־הבית׳טעס צד; אַ ניט, וואָלט איך אַנדערע ימים טובים געהאַט.

II.

ווי עס איז, איך בין אין שטוב.
שרייבען מוז מען, נאָר צי קאָן מען?

טינט פאַרהאַן, פּאַפּיער האָב איך אין רעדאַקציע בעקומען, די פּע־דער אין האַנד האַלט איך, — נאָר פון בייז זאָל איך אַזוי וויסען, אויב איך ווייס, וואָס מען שרייבט.

פערגאַנגענעם פּורים האָט מען געהאַט אַ רויטליכ׳ס אין רעדאַקציע, געטראָגען צו חברה, אין חברה׳שען קאַסטען אַריין, און מען האָט גע־שריבען „עם כל הנערים״.... היינט איז זיך דער גאַנצער עולם צולאָפען. דער זומער האָט זיי געבראַכט, דער פראָסט האָט זיי צוזאָגט.....

קיין איינציגער חנוכה־געדאַנק! בכלל ריהרט זיך נישט אין מח! דאָס האַרץ איז טרוקען און פערוויאַלעט, ווי אַיין אָבגעוואָרפענע צווייג,

וואָס האַלגערט זיך יאָהרען-לאַנג אַרום אין וואַלד, און דער קאָפּ איז לעער, ווי ווינטער-צייט אַ שוואַלבען-נעסט.

און יענע האָט מיך פערלאָזט.... אויף אייביג. זי האָט בעמערקט, ווי איך נעם ביי איהר מעהר, וויפיעל איך גיב איהר.... און עס איז אמת געווען! איך וועל נאָך אַמאָל אַרומגעהן, זוכען געדאַנקען, ווי אַ פּאַריזער בעטלער שטיקלעך פּאַפּיראָסען און ציגאַרען אין גאַס.

צי האָב איך אַמאָל אייגענע געדאַנקען, איין אייגענע נשמה געהאַט? אפילו אַמאָל אין דער יוגענד, גאָר אין די טיעפע קינדער-יאָהרען...

די זענען שוין אָבער לאַנג אַוועק. און די זכרונות זייערע שווימען וואָס אַמאָל פון מיר ווייטער און ווייטער. זיי ציהען זיך, ווי די לייכטע, פערגאָלדטע אָבענד-נעפּעל קיין מזרח, בשעת ווען די מיעדע זון לאָזט זיך אַראָב קיין מערב. האָטש איך בין קיין זון קיינמאָל נישט געווען..... איך בין געווען אַלבנה, נאָר אויך נישט ביי דער זון, — ביי גראָשענדיגע הלב'נע ליכטלעך האָב איך ליכט גענומען און פערצוקערט אויפ'ן ליטעראַרישען מאַרק... און דאָך אַרויסרופען חנוכה-בילדער, חנוכה-שטימונגען מוז איך. איך מוז מיך דערמאַנען, מיט געוואַלד צוריק אַרויסרופען די קינדער-יאָהרען, די צייט, ווען אַלץ איז געווען האַרציג-ווייך... דופטיג, הויך... פון דער צייט פון שטערען, בלומען און — גאָט ווייסט וואָס! איך מיין: פון בעהאַלטענער, קוים געשפּירטער, קוים געפיהלטער ליעבע....

— מאַריע!

די קומט אַריין האַלב-דערשראָקען.

— האָסט נישט קיין וועקסענע-ליכט?

— וואָס?

— מיט וואָס געהסט דו אין קעלער אַריין?

— מיט אַ „סטאָטשעק”.

— דאָס מיין איך, באָרג מיר דיין סטאָטשעק.

די ברענגט'ן. איך שנייד אָב אַ שטיק, טייל עס אויף חנוכה-ליכט, צינד אָן, מאַך אַ ברכה לבטלה, זי שטעהט און קוקט מיט גרויס געעפענטע אויגען.

גערה זאָג איהר, אַז איך דאַרף אַרויסרופען אַ חנוכה-שטימונג...

.III

עפעס שווימט אַרויס.
אַלטע, אַלטע צייטען.

אומשטיינס געזאָגט, ווי אַלט איך בין אין גאַנצען, און דאָך ליגט דאָס גוטע פון מיר אַזוי ווייט, אַזוי ווייט! — מאַריע איז אַרוים פון שטוב.

די ליכטלעך, צו'ם שייטעל האַלב צוגעקלעבט, ברענען אָרים און שעמעוודיג, און לייכטען, ווי יתומים־אייגעלעך ביי'ם שטיפטאַטענ'ס טיש. דאָך טרעפען די דינע שטראַהלען צו מיר אין האַרץ אַריין. עס הייבט זיך דאָרט אויף אַ דינער, גאָלדענער שטויב. גאָלדען, לייכטען די זכרונות.... אַ בילד:

איך דרעה מיך אַרום איינער אַליין אין צימער. די חנוכה־ליכט האָבען נאָר וואָס אויסגעצאַנקט, פון דער צווייטער שטוב פערטרייבט מען מיך: דאָרט שפּילט דער טאַטע מיט געסט אין אָקע; די גרויסע שעמען זיך פאַר מיר, אַליין דערפון נישט וויסענדיג, און הייסען מיר בעסער געהן און אַריינקוקען אין אַ ספר. אין דער ערשטער שטוב זיצט די מאַמע מיט איהרע ווייבערשע געסט, און מען בערעדט דאָס גאַנצע שטעדטעל. מען שינדט די הויט פון שכנים און שכנות קונציג: מיט רחמנות, מיט אַ גע־זיפצעריי... דערצו פאַס איך זיכער נישט. און אין אַלקער שפּילט די שוועסטער מיט איהרע חבר'טאָרינס אין לאָטערייקע. אַהין ציהט מיך אַפילו, נאָר — איך וואָלט מעהר נישט געדאַרפט.... און איך דרעה מיך אַרום איינער אַליין, טרויעריג, בייזליך, און פול שרעק צו'ב ספר, צו וועלכען אַלע אַרום שיקען מיך אָב...

געהענדיג אויף און אָב, פערהאַלט איך מיך יעדעס מאָל ביי דער אָפענער טהיר פון אַלקער. און פונקט דעמאָלט הייבט זיך אויף אַ גאָלדען קעפעל און וואַרפט מיר צו אַ שעלמישען בליק, — מיינס אַ שוועסטער־קינד. און אויגען האָט זי! — קוילען ברענענדיגע, גרויסע, און דאָס פּנימ'ל איז דערביי אַזוי בלאַס, אַז עס ערוועקט לייט־זעליגקייט, פּשוט אַ רחמנות, בשעת ווען די ברענענדיגע אויגען ציהען צו און שרעקען אָב צוזאַמען.... זי קומט גאַנץ אָפט צו דער שוועסטער. איך טרעף זי גאַנץ אָפט אויף די טונקעלע טרעפּ, מיר קומען זיך אַקעגען און בלייבען ביידע שטעהן אַ ווײַלע, זי קומט צו זיך די ערשטע און ענטלויפט מיט אַ געלעכטער. און מאָדנע קלינגט דאָס לאַכען איהרס. לאַנג שטעה איך

און זאָג איין דאָס געלעכטער, וואָס הערט זיך ווייט, ווייט פון דער הייך צו פון דער נידער... און אין האַרץ ווערט מיר אַזוי אומרוהיג, אַזוי וואונדערליך קאַלט, וואַרים און זיס... איך האַלט עס נאָך דעמאָלט פאַר אַ זינד, און וויל מיך פון דער זינד בעפרייען... איך דרעה מיך אָב פון אַלקער־טהיר און בעמיה מיך צו טראַכטען וועגען לערנען, וועגען נס פון חנוכה, וועגען כשר׳ן בוימעל, חשמונאים, בית־המקדש און אַנדערע גוטע זאַכען. איך פערטראַכט זיך און קום צוריק צו דער אַלקער־טהיר.

מיט אַמאָל, שטעהענדיג פאַר דער אַלקער־טהיר, בעמערק איך, אַז די שוועסטער מיינע, וואָס האָט דאָס זעקעל גומערן אין דער האַנד, רופט זיי אוים נישט מיט אַ ריינער שטימע. זי איז, דאַכט זיך מיר, הייזעריג. די שוועסטער, נאַטירליך, האָב איך ליעב, ווי דאָס לעבען, ווע־ניגסטענס אין יענער מינוט, און מיט איין שפרונג בין איך אין אַלקער, נעם איך איהר פון האַנד אַרוים, נישט אַזוי זאַנפט אפילו, דאָס זעקעל, און ווער אַ זאָגער ביי די מיידלעך.

דאָס גאָלדענע קעפעל וויל מיר צושמייכלען, און קאָן זיך נאָך פערקרימען: זי האָט פאַר זיך די לעצטע קאָפּיקע און ווייניג אויף די טאָוועלעך.

עס פאַלט מיר איין, אַז איך מוז איהר העלפען, זעהן, וואָס עס פעהלט איהר און אויסרופען. נאָר איידער איך קום דערצו, דעקט זי 39 ביי נומער 40, גיט אַ געשריי: קווינטערנאַ, גראַטשעט מיט דער רעכטער האַנד אוים דאָס געלד פון טעלערעל, קעהרט אום מיט דער לינקער די טאָוועלעך און רופט נאָך אַמאָל: געוואונען!

די מיידלעך אַרום שווייגען פערוואונדערט, דערשראָקען, און קומען דאָך באַלד צו זיך און שרייען:

— פאַלש, פאַלש!

און זי ווענדט זיך צו מיר בלאַס און דערשראָקען מיט אַ פלאַמענדיגער בקשה אין אויג: העלף מיר! זיי מציל מיין כבוד, מיין ערהליכקייט, איך האָב מיך אַליין פערפיהרט...

— נאָ, עס איז נישט איהר לעצטער פאַלש געוועזען! — —

IV.

אַזוי ווי ווינטער שלאָפענדיגע פייגעל — ליעגט ערגיץ טיעף אַ שנוה פון זכרונות, און איין גליעד שלעפּט אַרוים דאָס צווייטע.

צו 14 יאָהר בין איך פון דערהיים ענטלאָפען. לערנען האָב איך געוואָלט, און וואָלט געלערנט, ווען נישט, וואָס מען האָט ענטדעקט אין מיר אַ „טאַלענט"... אַ טאַלענט בּעגעהט זיך אָהן אַלעם. אַ טאַלענט געהט אַרום נאַקעט און בּלוים; די נשמה מיין איך. עס איז היינט אַ מאָדע אויף נאַקעטע נשמות, אָהן אַ גאַרטעל פון גראַמאַטיק אפילו... ערגער איז אָבער מיט אַ נאַקעטען גוף, און דער ערשטער ווינטער האָט מיך אַהיים געיאָגט צו דער מאַמען.

דער טאַטע האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבּט. עס איז גראָד געווען חנוכּה. איך האָב דער אָרימער מאַמען חנוכּה־ליכטלעך געבּענטשט. זי איז בּאַלד נאָך דער בּרכה געלאָפען אין געוועלבּעל אַריין. זי האָט נאָך כּמעט גאָר נישט געלייזט און איך בּין געבּליבּען איינער אַליין מיט'ן צווייפעל: צי איך, וואָס גלויבּ שוין אין גאָר נישט, האָבּ געמעגט אַ בּרכה מאַכען דער מאַמען צוליעבּ?.... דער נאַציאָנאַלער שטאַנד־פּונקט, וואָס קאָן די חנוכּה־ליכטלעך פערענטפערן, האָט נאָך נישט עקזיסטירט... די חשמונאים זענען נאָך געשטאַנען אין הינטער־גרונד פון חנוכּה־בּילד פערנעפּעלט, און אַרויסגעשוואומען איז נאָר דער נס מיט'ן בּוימעל. און דער מאַמען צוליעבּ האָבּ איך ליכטלעך געצונדען און בּרכה געמאַכט. איך האָבּ נישט געוואוסט, וואָס זאָל איך טהון, קנייפּען זיך אין קנעפּעל פאַר די ליעבּשאַפט צו דער מאַמען, אָדער שפּייען זיך אין פּנים פאַר'ן שקר. אָהן איין ענטפער אויף דער פראַגע, האָבּ איך מיך בּיים פענסטער געשטעלט און אַרויסגעקוקט אויף די אַלטע איליומינאַציע. און — דעם אמת זאָגענדיג — זי איז מיר געפעלען, די אַלטע, צנועה׳דיג בּעהאַלטענע איליומינאַציע. אויפ׳ן שנעע, וואָס בּעדעקט דעם קליינעם, פּיער־עקיגען מאַרק, בּלאָנדזשען אַרום קוים־קוים זעהעוודיגע אָרים־ליכטיגע שטראַהלען, און די פענסטערלעך מיט די גאָלדענע פּינטעלעך, מיט די זיסע, פרומע, שטילע פּינטעלעך... די לייכטען שטיל און זיס, ווי שטילע, זיסע, האַרציגע סודות, וואָס מען רוימט זיך איין אין דער שטילסטער גליקליכער שעה... און עס ווערט נישט דערצעהלט, נאָר געוואונקען, שטיל און אידעל גע־

וואונקען, און די הערצער, וואָס פערשטעהען די שפראַך, וואַקסען, ווייל די ווערען פול מיט שטילער, האַרציגער פרייד... און אַז דאָס האַרץ ווערט איבערגעפולט, הייבען די ליפּען אָן צו זומען, צו זומען אַ שטילען, הייליגען דאַנק... דאָס זומט דער זמר להנוכה, דאָס ברענען הנוכה-ליכט, אין דעם זומ: און לייכט אַ נשמה.... דעם אַלטען פּאַלקים נשמה... און פּלוצלונג — —

פּלוצלונג איז דאָס אַליץ פערזונקען און פערטרונקען געוואָרען! דער שטיל הייליגער כשוף איז מיט אַמאָל פערשוואונדען, צו נישט געוואָרען!

הו־האַ! אַ ווילד אויסגעלאַסען געזאַנג. ווילדע אויסגעלאַסענע פלאַ־מען... שטורקאַצען, מוזיק, געזאַנג און געפּילדער!

שליטען לויפען דורך דעם מאַרק אין דער ברייט. עס פליהען די פערד, און פון אונטער זייערע פיס הויבט זיך ווי אַ נעפּעל דער שנעענער שטויב... דער ערשטער שליטען איז דורך מיט מוזיק, די אַנדערע לויפען אונטער מיט געזאַנג — אַ שוימענדיגער, פייערשפּריצענדיגער געזאַנג אין די מיילער, פלאַם־פייערדיגע שטורקאַצען און לאַמטערן אין די הענד... און עס פליהט דורך ווי אַ ברענענדיג גיהנום מיט זיינע שדים, און די לבנה אין הימעל איז שטעהן געבליבען פערציטערט, פערגעלט און מענ־שען זענען אַרוים פון די הייזער—

— דעם גראַף בראַניצקי׳ס קוליג!...

אין ים פון ליכט און געזאַנג זענען פערטרונקען געוואָרען די הנוכה־ליכטלעך מיט די הנוכה־זמירות.....

אַז דער קוליג איז אַריבער, איז דער שנעע געלעגען פערצומריינינגט און טויט, די פענסטערלעך זענען שטעהן געבליבען פינסטער און שטום — —

V.

און ליב׳ל שוחט איז דעם צווייטען טאָג צו מיר געקומען און האָט פאַר מיר אַ גאַנצע רעדע געהאַלטען.

אַ מערקווירדיגע בריאה ליב׳ל שוחט. בפרט זיט ער איז מיט זיין קראַנקען רבי׳ן אין די בעדער געפאָהרען און אַ שטיק אויסלאַנד געזעהן. קבלה מיט אויסלאַנד. חסידות מיט קאַרלסבאַד...

— יודישקייט! וואָס איז יודישקייט? פרעגט ער און שטעקט אַריין די הענד אין גאַרטעל.

און אַז איך שווייג, ענטפערט ער זיך אַליין מיט חנוכה־ליכטלעך אין די שוואַרצע אויגען.—

—יודישקייט איז אַזוינס, איז אַזוינס....

ער פערגלייסט די אויגען, און קומט צו דער דעה, אַז יודישקייט איז — —

„כמעט ווי עפּעס אַ מין גומילאַסטיק. וויל מען, ציהט זיך עס אויס, דאַרף מען, ציהט עס זיך איין".

„יודישקייט איז אַזוינס, וואָס קאָן אויפפלאַקערן, אויסטויען (ער האָט נאָר איין אַנדער לשון גענוצט) און אויפלעבען, און גרויס, און גרעסער, און נאָך גרעסער ווערען. און עס קאָן זיך פערשפּרייטען, און צוּוואַקסען זיך, און פערנעמען אַלץ, אַלץ! עס קאָן ממלא זיין דעם גאַנצען חלל פון דער וועלט: פון צפון ביז דרום, פון מזרח ביז מערב און פון הימעל ביז צו דער ערד! עס קאָן אַלץ אַרומנעמען, אַלץ אויספילען, אַלץ פערדעקען און דורכנעמען, און ווערען דער שיין און דער גלאַנץ פון אַלעם, און דער תוך פון אַלעם און דער רוח פון אַלעם, און די נשמה פון אַלעם,

און אַלץ וועט דעמאָלט לעבען און שיינען, אָנגעזאַפּט מיט יודישקייט, ווי אַ גן־עדן־עפּעלע מיט זאַפט"....

„און ווידער — זאָגט ער — פערקעהרט: דאַרף מען, ציהט זיך דאָס יודישקייט איין. מוז מען, ווערט עס איינגעשרומפּען. זעהט עס אויס אַלט און קליין, פערוועלקט און מיעד, און שוואַך, ווי דער לעצטער אָטהעם פון אַ גוסס".

אָבער עס דאַכט זיך נאָר אַזוי!

„פאַרוואָס זאָגט מען: „דאָס פּינטעלע יוד"? ווייל אין שלעכטע צייטען ווערט פון יודישקייט אַ פּינטעלע, אַ קוים ליכטיג, ברענענדיג פּינטעלע — ביי אַ יודען אין האַרץ; אין דרויסען איז צו קאַלט, צו ווינדיג, נאָר אין אַ יודיש האַרץ האַלט זיך עס, דער „נר־תּמיד"! און אַז דער באוואָקסענער יוד פערקנעפּעלט זיך און שלעפּט נאָך פון אויבען וואָס אויף זיך אַרויף — מיינט מען: פערלאָשען געוואָרען!"

„און דאָס איז דער גאַנצער חלוק פון יודישקייט ביז נישט־יודישקייט. דאָרט: אָדער גאָר, אָדער גאָר־נישט. ביי אונז: וואָס עס איז, אַ שפּילקע קעפּעל, אַ סימן פון אַ שפּילקע קעפּעל, אַ זכר דערפון — און לעבען מוז עס, און לייכטען מוז עס!"

„ביי זיי מוז יעדע זאַך זיין אַ גוף. אַ גרויסער, ברייטער און שווערעם

גוף — אַ באַרג; אַלץ מוז זיין הויך און דיק, און דערצו שרייענדיג; ביי אונז מוז מען אַמאָל יוצא זיין מיט אַ פּינטעלע! אויף דעם איז מען אין גלות; אויף דעם זענען מיר אין גלות, און די שכינה — אין גלות"...

„נעמט, למשל, זייערס אַ דאַטשע! זייערס אַ דירת עראי, זייער'ס אַ סוכּה, מיין איך; ווי זעהט אויס זייערס אַ סוכּה? אַ געביי, אַ הויז, מיט שפּיצען אַרויף, הויך און העזה'דיג; און אַ פערנעם, אַ גאַנצער „עולם-ועד" אויף דער ערד; מען שטעלט עס נאָך, פּאַר שענקייט וועגען, אויף אַ באַרג, און אַ באַרג קלויבט מען אויס ביי אַ וואַסער, ביי אַ קלאָר וואַסער; און דאָס גדלות שפּיגעלט זיך נאָך אָב; אויבען אַ דאַטשע אין הימעל אַריין, אונטען — טיעף, טיעף אַראָב, אין שאול-תחתיה אַריין"...

„און ביי אונז אַ כשר'ע סוכּה וואָס איז?"

„אויפ'ן הויף, אין אַ ווינקעלע, צווי ווענד פון פּלאָט, אַ דריטע צוגע־מאַכט, אַ לייכטע זאַך, צום אַוועקבלאָזען... די פערטע — אַ „צורת־הפּתח" און יוצא; איינגעוועניג, פערשטעהט זיך, ד' על ד'; אַז ראשו ורובו איז געגוג". אַ פּינטעלע!

און אין דעם פּינטעלע שטעקט שמחת יום־טוב אַ ים; אין דעם פּינטעלע קומען אַריין אושפּיזין עילאין צו גאַסט; אברהם אָבינו קומט, יצחק ויעקב קומען... און משה ואהרן, דוד ושלמה — ווער נישט?

און אַז זיי (יענע, מיינט ער) ווילען פרעהליך און לוסטיג ווערען, וואָס פּאַר מיה און מאַטערניש עס איז דערביי! אַכילה ושתיה איז דער עיקר! פלייש, ווייגען, בערגער פלייש, טייכער ווייגען; דערצו מוזען זיין נאָך נשים; הוץ דעם מוז מען צוברעכען גלעזער, אויסהאַקען שויבען, זעצען אין שפּיג־לען אַריין און, סוף כּל סוף, איידער מעט ווערט פרעהליך, ליגט מען אונטערן טיש, און ביי אונז, אַ סעודת ראש־חודש: איין עק פון אַ הערינג פּאַה אַ מזומן, אַ לעק פון ביטערען טראָפּען, עטליכע ווערטער תורה און־עס פלאַמט מיט נחת.

הוא הדין — זאָגט ליב'ל שוחט — חנוכּה.

ביי זיי, ביי אַ זכר פון אַזאַ גבורה פון אַזאַ נצחון... אַ שפּאַס? אַ בּי־סעלע, אַ הויפענדיל קעגען מתנות כּחול הים, שוואַכע און קראַנקע קעגען גבורים, — אַ שפּאַס אַיין אילומינאַציע עס וואָלט געווען; די גאַניקעס אויסגע־לעגט מיט דיוואַנעס, אין די פענסטער סטעאַרין־ליכט, אין די רינשטאָקען שמן־זית־לעמפּעלעך... און מען וואָלט געגאַנגען מחנות־ווייז אין די גאַסען, מיט שטורקאַצען און מיט מוזיק, און מיט געזאַנג, און ראַקעטען וואָלטען

געפלויגען אין הימעל אריין, און זונען וואָלטען אין דער לופט געפּלאַצט, און שטערן מיליאָסען וואָלטען זיך צופלויגען...

ביי אונז: חנוכה־ליכטלעך, פינטעלעך... און עס ווערט אַזוי ליכטיג אין האַרץ, אַזוי זיס, אַזוי וואַרים"...

פון ליבּל שוחט האָב איך דעמאָלט געלאַכט; אַצונד בין איך איהם מקנא!

.VI

נאָך איינס און עס וועט זיין באַלד גענוג —

דער בריעף, וואָס איך האָב פון איהר בעקומען.

נישט פון גאָלדענעם קאָפּ, וואָס טראָגט שוין לאַנג אַ גאָלדען שייטעל, גאָלדענע אייריננלעך און אין די צעהן גאָלדענע פּלאָמבּען... און נישט פון יענער, וואָס האָט בעמערקט, אַז אונזער צוזאַמענלעבען איז מיט איהר היזק און האָט מיך פערלאָזט...

נאָר פון גאָר איין אַנדערן סאָרט...

און עס איז געוועזען דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך געהאַט אַ שטיקעל נשמה. אייגענטליך, נאָר אַ האַלבע נשמה און איך האָב געוואוסט דערפון, געטרויערט דעריבּער און אַליין אינאיינעם אַרומגעלאָפען זוכען די צווייטע העלפט, איך האָב געקרעכצט, געמיוקעט ווי אַ ליעבעס־הונגעריגע קאַץ... און דעמאָלט האָב איך מיך צו איהר אויך געווענדט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזעהן פון הינטען און אין דער רגע איז מיר איינגעפאַלען, אַז זי פערמאָגט מיין צווייטע העלפט נשמה, אַז פון מיר מיט איהר צוזאַמען קענען אַרויס אידעען—משיח'ען, וואָס וואָלטען פערניכטעט 90 פּראָצענט וועלט און דעם רעשט בעפרייט און געריינינגט צום באַרג סיני, אויף נייע עשרת הדברות, געפיהרט... דערנאָך האָב איך זי געזעהן פון פאָרענט: צוויי שטערן, וואָס וואָל־טען געלייכט אין דער פינסטערער נאַכט און אַ פּנים, וואָס ליידט פאַר אַ וועלט...

איך האָב איהר מיינע מחשבות ענטפּלעקט און געפרעגט, וואָס זי קלערט וועגען מיר, און זי האָט מיר געענטפערט, און איהר'ס אַ חלום דערצעהלט. עס איז חנוכה־צייט געוועזען, און זי האָט אין חלום איין אַלט קליין העברעאיש שטעדטיל געזעהן. אַ סך, אַ סך אָרימע הייזלעך, נאָר זיי האָבען זיך געבאָדען

אין ליכט... אַ שטילער מאַרק, איבער וועלכען עס זענען מענשען געגאַנגען, אין טליתים מיט ספרי־תורות אין די הענד און האָבען צווישען זיך גערעדט, וואָס אַמאָל אָבגעשטעלט און געשפּאַרט זיך, און גאַנץ אָפט אויפגעראָלט אַ תורה'לע און געוויזען מיט'ן פינגער אויף שטעלען, וואָס האָבען געזאָלט בעווייזען עמיצענס איין אמת. פון וויטען אויף אַ בערגעל איז געשטאַנען אַ סינאַגאָגע, צו וועלכער די אַלע זענען געגאַנגען. אַנדערע זענען געזעסען אויף די פלאַכע דעכער, אַנגעשפּאַרט אָן די געלענדער און גערוהט אָדער אויך געלערנט. פאַר מאַנכע הייזער זענען געשטאַנען אָדער געזעסען פערשיעדענע בעלי־מלאכות מיט פערשיעדען װערקצייג, ביי פערשיעדענע וואַרשטאַטען. ווייבער האָבען זיך װעניג געוויזען, דערפאַר האָט דאָס זינגענדיגע גערעדעריי פון קליינע קינדער פערפולט דעם מאַרק. גאַנץ אָפט האָט זיך איין עלטערער מענש אָבגעשטעלט פאַר אַ קינד און געפרעגט: וואָס האָסט דו היינט געלערנט? און די קינדער האָבען ליעבליך און פריי געענטפערט. פלוצלונג האָבען זיך דערהערט קולות פון אַ טראָמפּייט און באַלד דערנאָך — שווערע טריט פון סאָלדאַטען. איבערגעשראָקען און ערציטערט איז געוואָרען דער מאַרק. מען איז אַראָבגעלאָפען פון די דעכער. די געהענדע האָבען זיך צוגעאיילט צו דער סינאַגאָגע. מאַנכע פענסטער זענען פערהאַנגען און פערשטעלט געוואָרען. מוטערס זענען אַרויס פון די הייזער און בלאַס פאַר שרעק און מיט ציטערדיגע ליפען אויפגעזוכט און אַהיים געפיהרט זייערע קינדער.

פרעמדע זענען געקומען. מיט שפּיזען און פיילען־בויגען. מאַנכע אויף פערד. די קאַסקען האָבען געברענט אויף דער זון; די ווילדע אויגען — מעהר. פייל פון בויגען האָט מען אין מיטען מאַרק אויפגעשטעלט אַ מזבח; די טראָמפּייט האָט נאָכאַמאָל דורכגעשניטען די לופט און אַ העראָלד איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ פאַהן אין דער רעכטער האַנד און מיט אַ חזיר אויף אַ שטריק אין דער לינקער האַנד און האָט אויסגערופען, אַז יודען זאָלען דאָס חזיר מקריב זיין צו גאָט, אַ ניט, וועט מען הרוב מאַכען די שטאָדט...

אַ געוויין האָט זיך געלאָזט הערען, אַ געוויין פון אַלטע, ווייבער און קינדער... און דאָך האָט זיך איינער געפונען, וואָס איז צוגעגאַנגען, וואָס האָט אַ ברכה געמאַכט און צום קרבן זיך גענומען! —

ער וויל זיך מקריב זיין, ער וויל די און יענע וועלט פערלירען און אָבראַטעווען די שטאָדט פון דער שטאַרקער האַנד, די שטאָדט מיט אירע אַלטע און יונגע, מיט אירע ווייבער און קינדער — —

זאָט האָט ער די ברכה געמאַכט און די האַנד מיט׳ן שפּיז אויסגע־שטרעקט— — — —

און דעמאָלט איז פון באַרג, אויף וועלכען די סינאַגאָגע איז געשטאַ־נען, אַראָבגעגאַנגען מתתיהו דער מאַקאַבעער, ער איז צוגעקומען צום מזבח און דעם יוד, צוזאַמען מיט׳ן הייפלינגע פון די שונאים — געשטאָכען... און מיט אַ העלדען געשריי גערופען: אָט דאָס שווערד פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער לאַנד!

— — — — — — —

אָט דאָס האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט, און געזעהן אין חלום האָט זי אַלץ בחוש...

און געזעהן האָט זי, אַז דער מאַקאַבעער האָט גאָר קיין שום עהנליכקייט צו מיר נישט געהאַט, אַפילו נישט צו מייגע חברים. דערפאַר דער, וואָס האָט געוואָלט ברענגען דעם קרבן.—

— — — — — — —

וואָס אַ מיידעל קען חלומ׳ען, און וואָס זי קען פון אַ חלום מאַכען! אַז מתתיהו איז געווען איין אַלטער יוד און האָט צו אונז נישט געקאַנט עהנליך זיין, דאָס פאַלט איהר נישט איין..

VII.

מען קלאַפּט אין טהיר; אַ מיידעל־האַנד.
וועלכע פון זיי וועט קומען?
— העריין!

מאַריע ברענגט טהיי, נאָר זי קוקט אַוועק אָן אַ זייט. ווער ווייסט; וואָס פאַר אַ חלומות זי האָט, און צו וועמען איך בין אין זיי עהנליך.

VII.

פורים.

אינהאלט.

	זייטע
פורים (אויפזאץ)	143
פורים־שפיעלער (הומאָרעסקע)	144
נישט גוט (הומאָרעסקע)	153
אלטווארג (אַ מעשה פֿון אַ פורים־רב)	164
דער שפיעלער (אַ מעשה׳לע)	181

פורים.

„פורים איז קיין יום־טוב: פיעבער — קיין קרענק".

ישט צו בעניידען איז דאך דער, וואס טרעסעלט זיך אין פיעבער; און נאך ווענינער — דאס פאלק, וואס פורים איז זיין וואהל־טאג.

און נישט דעריבער, וואס די הילף איז פון קיין מענער־האנד געקומען; נסים זענען נישט מחויב— שעלקים צו טראגען. מיר האבען זיך מיט דבורה, יעל און יהודית נישט צו שעמען.

אסתר'ן אבער האבען מיר צו פערדאנקען דעם ערשטען זיעג וואס מיר האבען, נישט קעגען, נישט איבער, נאר אונטער פרעמדע קעניגע געהאט.

פורים איז דער געבורטס־טאג פון ערשטען שוץ־יוד, פון ערשטען קרוב למלכות... פון ערשטען אויסזאגען און פון ערשטען פערזאגען א קעניגליך— בעט...

א פרייד איז פורים פאר בעטלער, קלעזמער, פערשטעלטע... און— פאר אזא פאלק!

טאנץ אויף פרעמדע בעטען, פערוואדרלעסיגטע נשמה, אויפ'ן קבר פון דיין אמאליגען שטאלץ,— טרינק, און פערגעס, אויב דו קאנסט...

פורים־שפּיעלער

איך וואָהן אין אַ שטיל הויז, ווייט פון רוישענדיגען גרויבאָוו, פון די זידענדיגע נאַלעווקעס. ווען נישט, וואָס טיילמאָל פערבלאָנדזעט אַריין אַ „האַנדעל— האַנדעל!", וואָס טיילמאָל צופּט אַ וואַנדראָוונע סטאָליאַר ביים ציינגעל פון דער זעג, אַ שלייפער קלינגט מיט'ן העמער'ל אָן אַיין אייזען, אָדער אַ צושויבערטע דיענסט־מויד, קלאַפּט אויס אַ דיוואַן, אָדער בעט־געוואַנד,— וואָלט ביי מיר אין שטוב „שטיל געוועזען ווי אין רייוועך". די מוזע וואָלט מיך אויף אַ רגע נישט פערלאָזט, איך וואָלט די וועלט פערגאָסען מיט געזאַנג.

הערט זיך אָבער דאָס קלענסטע גערודער פון הויף, ווערט די מוזע פערשוואונדען!

די פעדער פאַלט אַרויס פון צווישען די פינגער, און איך בלייב זיצען ליער, אָהן געדאַנקען, אָהן געפיהל, ווי „אַ שטייג אָהן עופות".

דעמאָלט בלייבט מיר נישט מעהר, נאָר אויסבייגען דעם קאָפּ מיט די אויגען און צו קוקען אין די פענסטער אַריין צו מיינע שכנים אַריבער.

קעגענאיבער, אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואָהנט אַ יונג, רייך פּאָר פאָלק. ביים אַריינציהען זיך, האָט מען געבּרענגט אַ פּאָרטעפּיאַן, טערקיש, יאַפּאַניש און היימיש מעבעל, טויזענד קליינע מאָדע־זאַכען, און אַלץ— ניי פון דער גאָדעל.

דערנאָך זענען זיי אַליין געקומען.

ער— אין אַ צילינדער; זי — אין גאַזען מיט בלומען; אַלץ— שפּוגעל־ניי, אויסער זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזעהן אַלט; געאַרמט זענען זיי געקומען.

אויף די טרעפּ (אויך מיט אַ פענסטער ווי־זאַ־ווי מיר) האָט מען זיך אָבגעשטעלט, געלאַכט אַביסעל. געקושט זיך...

עס טהוט זיך אין דער נעסט, ווייס איך נישט,— טאָפּעלטע, זייד... ...ירדינען...

איינמאָל האָט אַ קאַטאַרינאַרזש אַ פויערישען טאַנץ געשפּיעלט, און די קאַטאַרינקע איז אַוואונדערליכע געוועזען, — זי האָט אַרויסגעגעבען טענער פון אַהאַרפּע, ציטערדיגע, העלע נאָר טרויעריגע.

די גאַרדינען האָבען זיך צושפּרייט, אין פענסטער האָט זיך בעוויזען אַיונג בלאָנד קעפּעל און האָט זיך איינגעהערט צו דער מוזיק.

דערנאָך האָט זיך צו'ן איהר פון הינטען צוגעדרוקט אַגאָלער קאָפּ, וואָס איז צוגעפּאַלען מיט די ליפּען צום אויסגעבויגענעם פרישען נאַקען.

דער גאָלער קאָפּ מיט די ליפּען זענען זיינע, נאָר דאָס בלאָנדע קעפּעל האָט געהערט צו דער דיענסט, צום שענעם דאָרפס-מיידעל, וואָס האָט דערהערט אין מוזיק אַגרוס פון דאָרף, וואָס האָט דערפּיהלט אין איהר דעם ריח פון די לאָנקעס און פעלדער...

פאַר דאָס, אויפ'ן ערשטען שטאָק, זענען קיין גאַרדינען נישט דאָ; איך זעה אַלץ, וואָס עס טהוט זיך דאָרט.

אַגאַנצע וואָך איז שטיל און לער; זי איז אין געוועלב, ער — אין גאַס. דאָס אַלט-פראַנקישע, געבעטע מעבעל איז איבערגעצויגען מיט ווייסע ציכלעך.

טיילמאָל לויפט אַריין די דיענסט פון קיך, מיט אַקיישעל אין דער האַנד און אַשאַל אויפ'ן קאָפּ, ווארפט איין אויג אין אַלט-מאָדישען שפּיעגעל אַריין, און האַלט זיך מיט איהם איין עצה, צי קאָן מען אַזוי אַוועקלויפען אין גאַס אַריין, אָדער מען מוז זיך אָבוואַשען דאָס פּנים?

און דאָס פּנים געפעלט איהר; אַצופריעדענער שמייכעל צוגיסט זיך איבער די זומער-פלעקען; מיט די נישט-פערקעמטע האָר האָט זי דאָך צו טהון; זיי ווילען זיך נישט האַלטען אונטער דער שאַל.

זי לויפט צוריק אין קיך אַריין, און קומט נאָך אַמאָל צוריק מיט גלאַנצענדיגע הענד און האָר, פון פּוטער אָדער שמאַלץ; די אויסגעשמירטע האָר לעגען זיך גלייך אונטער דער שאַל, און דאָס, וואָס מען זעהט אַרויס, גלאַנצט אַזוי הנ'עוודיג!

ענדליך, איז די דיענסט אַוועק. אַמייזעל בעווייזט זיך פון אונטער דער גרויסער, שווערער קליידער-שאַנק. עס קוקט זיך אום מיט גלאַנצענדיגע, אונרוהיגע אויגען אין אַלע זייטען...

די קאַנאַפּע, די שטוהלען שווייגען, דער טיש איז לער. די זילבערנע טאַץ מיט די גלעזער, וואָס קוקען אַרויס פון שויבען־שאַנק, ריהרען זיך נישט פון אָרט. דאָס בשמים־שקעטעלע מיט'ן חנוכּה־לעמפּעל אין צווייטען פאַך זענען אויך נישט שרעקליך; מען הערט קיין גערויש, קיין שאָרך.

דאָס מייזעל שפּרינגט אַריבער און ווערט פערשוואונדעז אין קיך־טהיר.

עס ווערט ווייטער שטיל... ביז פאַרנאַכט.

דעמאָלט קומט דאָס פּאָר־פאָלק אַהיים, עסט אָב און ווערט פערשוואונדען אין טהיר פון שלאָף־צימער...

אויף דער וואַנד הענגט אַ מזרח מיט שרעקליכע לייבען. רעכטס — אַ לוח; אויף דער גרויסער קליידער־שאַנק ליגען עטליכע ספרים. קיין בעזונדערע ספרים־שאַנק איז נישט דאָ. —

די ספרים דערקען איך.

אין אַ וויים ביינערנער בונד ליעגט איהר דרשה־געשאַנק — אַ סדור מיט עברי־טייטש. דיקער און ברייטער איז דער „צאינה וראינה“ מיט די צושויבערטע שפּיצען... אין דער צווייטער זייט דערקען איך זיין דיקען „אורח־חיים“, דערנעבען ליעגען עטליכע דינע ספרים: אַ תקון שבועות'ל, אַ הגדה'לע, אַ מגילה... אין דער מיט, מיט די זילבערנע רוקען אויפ'ן פראָנט, שטעהען המשה חומשי תורה, צוויי מחזורים... אויסער דעם, וואַלגערן זיך אַרום עטליכע שמות, קענטיג — איהרע תחינות, און שוין!

דאָס איז די גאַנצע ביבליאָטעק פון „פּראָסטען יוד“...

און אַ גאַנצע וואָך איז שטיל און ציכטיג, אויסער פרייטאָג.

איך ווער נערוועז פון פיש־און קלאָפּס־האַקען.

פאַר פסח בין איך שיער נישט אוים דער הויט געשפּרונגען פון שאַרען, רייבען און קראַצען.

די בעל־הבית'טע מיט דער דיענסט צוזאַמען האָבען זיך עטליכע טעג געוואַלגערט אויף די פּאָדלאָגעס און מעשים געטהון!

שבועות האָב איך מיך איבערציינט, אַז „היהא מילתא“, איך האָב געהאַט אַ פולע שטוב מיט פריש געבאַקענעם קעז, ראָזינקעס און נישט פרישער פוטער...

סוכּות האָט ער אַזוי לאַנג אויסגעלעגט דעם סכך, עס זאָל נישט זיין נישט צופיעל זון און נישט צופיעל שאָטען, ביז ער איז אַראָבגעפאַלען

פון לייטער, און ווען נישט, וואָס „שלוחי מצוה אינן ניזוקין״, וואָלט עס זיכער געהאַט אַ לאַך אין קאָפּ.

דערנאָך ערשט האָט ער, דינגענדיג אַ מאַרש אונטער דער נאָז, אַרויף געטראָגען אַ לולב מיט אַיין אתרוג...

שבת און יום־טוב שלאָפט מען, אָדער מען נעמט אויף געסט מיט איינגעמאַכטס און פרוכטען...

דעמאָלט זעה איך דאָס מעבעל אָהן אַיין איינהיטעל: געלע פייגעל און גרינע בלעטער —

און דעם פּראָסטען יוד מיינעם בין איך אַ גאַנץ יאָהר מקנא!

„מעשה־בראשית״, „מעשה־מרכבה״, ווי להבדיל — פּאָליטיק און אַנדערע „קוועסטשען״ זענען נישט זיין דאגה...

פרנסה גיט גאָט, ער אַליין מוז זיך צוהיהרען, אויך די האַנה טוהן אין קאַלט וואַסער אַריין, נישט מעהר!...

קיין קינדער נישט דאָ, אָדער שוין פערזאָרגט... לעבט זיך רוהיג, וואַרטענדיג אויף משיח'ן!

ער האָט נישט קיין וויטע האָריזאָנטען, פאַר דאָס אָבער — אַ זיכערן, גלייכען וועג פון וויעג ביז אין קבר אַריין....

קיין מסופּק'ער יתוש מיט'ן קופּערן פּיסקעל דרעהט איהם נישט אין מח... ער האָט קיינמאָל קיין שאלה נישט אָהן אַ גרייטען תירוץ פאַראויס.

די פריהעריגע דורות, האָבען איהם אויף אַלעס פערזאָרגט, מיט בפירוש אויפגעשריבענע תשובות.

מען האָט איהם איבערגעלאָזט אַ צואה, ווי אַזוי ער זאָל זיך פיהרען; ווען ער זאָל שלאָפען, ווען וואַכען, ווען לאָזען וואַשען די פּאָדלאָגע, ווען און וואָס צו קאָכען... ווען איינגעמאַכטס צו פּרעגלען, ווען אַביסעל וויין צו טרינקען, ווען בריוט און ווען שמאָל צו זיצען...

און מען האָט איהם פערשריבען: וואָס ביי גאָט צו בעטען, וואָס ליט צו ווינשען; אויפ'ן גאַנצען לעבען אַ גרייטע רעצעפּט...

אויף יעדען פּעטטערן קלאַפּ פון האַרץ — אַ גרייטע אשה, ביז הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר.

מאַכט זיך איהם עפּעס אַ שאלה, קוקט ער אַריין אין לוח, אין סידור „אורח־חיים״! לויפט אַריבער די דיענכט צו'ם דיין, וואָס וואוינט אין דער צווייטער גאַס, פרעגט ער אַ שכן....

דיין ערה רוקט זיך איהם קיינמאָל נישט אַפּעה פון אונטער די פּיס;

זיין הימעל וויל נישט איינפאַלען, זיין וועלט שטעהט שטאָהל און אייזען, און זי וועט אַזוי שטעהן — ביז'ן אלף הששי...

וואָס נאָכ'ן אלף הששי וועט זיין — זאָל גאָט זאָרגען!

דערביי וועט איהר איהם קיינמאָל ביי קיין ליגען נישט האַפּען, ווייל ער זאָגט אייך קיינמאָל נישט צו אויף זיכער, — „אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען", וועט ער „בלי נדר ומסקנא"... אפשר ריהרען זיך פון אָרט...

אַזאַ מענש, כל זמן ער איז געזונד און האָט, ווי עס איז, פרנסה און אַ נישט איבעריג שלעכט ווייב, איז געווים גליקליך!

ערשטענס האָט ער זיך נישט מיט וואָס צו שעמען.

דאָס פענסטער איז זומער אָפען, ווינטער און זומער נ'יט גאָר נישט פערהאַנגען... הימעל און ערד מעגען אַריינקוקען. איך בין זיכער, אַז ער האָט קיין גלאָק און קיין קלאַפּ־שלאָס נישט ביי דער טהיר.... ער פערמאַכט זיך נישט, הייסט צו זיך פריהער נישט קלינגען, ער זאָל צייט האָבען עפּעס צו בעהאַלטען.... פון עפּעס אָבצושפּרינגען....

איך קוק טאַקי פראַנק און פריי אין דער איינפאַכער, אַלטמאָדישער נעסט אַריין, וואו דאָס שטילע גליק האָדעוועט זיך — אויף געלע פייגעל און גרינע בלעטער...

היינט אָבער איז דאָרט לוסטיג. פורים איז היינט...

וואָס מאַכט איהם אַזוי פרעהליך, אַזוי לאַכענדיג? וואָס בייגט איהם אַזוי איבער די ליפּען, אַז עס ווייזען זיך איהם אַרויס אין איין זייט די שפּיציגע צייהן? וואָס איבערגעהען איהם די אויגען? זיין לעבען איז אַזוי איינפאַך, אַזוי פראָסט, אַז קיים קומט עמיץ און פערשטעלט זיך ווי עס איז, קנאַקט ער שוין פאַר לאַכען!

אַ פורים־שפּיעל!

דעם פורים־שפּיעל געדענקט איך פון דערהיים, פון די קינדער־יאָהרען.

עס קומט אַריינצושפּרינגען אַ יונגער קונדאַס מיט צוגעזעצטע באָרד און פּאות און אַ גאַליציאַנער קאַפּעליוש אויפ'ן קאָפּ.

ער שפּיעלט אַיין אַרענדאַר, רעדט סאַמע לשון־קודש ווערטער און נישט צו דער זאַך...

עס שפּרינגט אַריין אַ הסיד'ל (נאַטירליך — אַ פערשטעלטער) מיט משוגע'נע תנועות: פּאַטשט אין טיש, אין די ווענד אַריין, שפּרינגט ווי אַ

ציעג, שלינגט איין די פאות און שפייט זיי אויס, פערגלייסט א פּאָר קעלבערנע אויגען צום באַלקאָן, און טאַנצט מיט התלהבות, אז די האָר ברענען.

און אלע פורים־שפּיעלער זאָגען אָדער מיינען דאָס זעלבע:

היינט איז פורים,
מאָרגען איז אויס;
גיט מיר א קרעפּעל
און וואַרפט מיך אַרויס!

איך דרעה אויס דעם קאָפּ און קוק צום שכן פון צווייטען שטאָק...

פון פענסטער רייסט זיך אויך אַרויס מוזיק, נאָר דאָס זענען נישט קיין פורים־שפּיעלער, קיין פורים כלי־זמר...

עס איז א באַל אויף אָרימע לייט!

איך האָב אויך א בילעט בעקומען.

עס רימפּעלט א פּאָרטעפּיאַן, און אַרום דער קונציגער מעלאָדיע ציעפּען און וויקלען זיך, ווי „נאָכוועהען", די דעמפּיגע בויך־טענער פון דער פּיאַנע. עס דערבאַנט מיך אָן שבת'דיג צושויבערטע האָר אַרום נעכטיגען קונציג געפלאָכטענעם קרענצעל...

די טאַנצענדיגע פיס וואָלטען קיינמאָל אין דעם חירוואַר פון רוישען און טענער, די מעלאָדיע נישט געהאַפּט, ווען נישט דער סמיציעק, וואָס האַקט זיי פון א הייזעריגער פּיעדעל די טאַקטען, ווי איינציגע פּאַרפּעל...

די פּיעדעל קאָן איך אויך....

איך קאָן די מאָגערע פערהלש'טע האַנד, וואָס דריקט זי צו צו דער פּייענדיגער ברוסט — איך האָב נאָר איהרע אויגען נישט געזעהן, ווייל גאָט האָט זיי איהר פערגעסען צו עפענען.

פערשלאָפען קומט זי אַריין און לאָזט זיך צופיהרען צו דער פּיאַנע. פערשלאָפען שפּיעלט זי, פערשלאָפען פיהרט מען זי שפּעטער ערגיץ צו'ן א פינסטער ווינקעלע צו, און מען גיט איהר עסען; איהר איז דאָך אַלץ איינס, און ביי די גרויסע, וויס־געדעקטע טישען אין ליכטיגען סאַלאָן, איז ענג....

דערנאָך טרעפט זי אַליין צוריק צום פּאָרטעפּיאַן... פּאַרטאַג וואַקעלט

ד זיך, צוריקגעהענדיג, איבער דער גאַס, און טרעפט אַרויף צו'ן איהם שטיבל אויפ'ן פיערטען שטאָק...

און וואָס פעהלט אונזערע ארימע לייט?

אויפ'ן ערשטען שטאָק טיילט מען קליין-געלד; טיילמאָל קריגט מען נאָך אַ טרונק בראָנפען מיט אַ שטיק פורים-קוכען...

אויפ'ן צווייטען שטאָק טאַנצט מען אויף זייער השבון...

דאָס אונרוהיגע בעל-הבית'שע געוויסען טהוט וואָס עס קאָן!

פרומע און נישט פרומע ווילען פערשיטען מיט מצות און מעשים טובים דעם אָבגרונד, וואָס דער שווינדעל האָט אויסגעגראָבען צווישען אָרעם און רייך...

די אַלטע צדקה איז, וועניגסטענס, עקאָנאָמישער...

מיין פראָסטער שכן עסט אַ מאָלצייט פאַר אַ רובל און צוטיילט 5—6 ק' אָבער דאָ קאָסט אַ קלייד אויפ'ן באַל 25 רובל, און דערפון פאַלט אויפ'ן אָרעמאַן 25 קאָפ'...

נאָר דאָס איז שוין „לוקסוס", און דעם לוקסוס וואַרפען מיר אויך אין אָבגרונד אַריין! ביים קלייד אַרבייטען דאָך ארעמע נייטאָרען! און נאָך צוויי-דריי בעלער, קויפען עס דאָך אָב ארעמע כלות...

אויסער דעם, ווערען אויף אַזאַ באַל יונגע לייט בעקאַנט מיט יונגע מעדכען און אַזויערנאָך קאָן מען זיך בעגעהן אָהן שדכנים; אויך איין איינבערענגעכטס!

נאָר ווער עס וויל, זאָל זיך ענטציקען דערמיט — איך נישט.

אין גריכענלאַנד האָט מען אויך מיט מענשען געהאַנדעלט!

דער סוחר האָט אַרויסגעפיהרט אויפ'ן מאַרק אַ שאָק נקבות, אין לייכטע הילען, אין גן-עדן-קליידער.

איז געקומען אַ קונה, האָט מיין איהם די סחורה געוויזען און געלויבט; מען האָט זי פאַר איהם געדרעהט אויף אַלע זייטען, געוויזען אַלע מעלות און קונציג פערשטעלט אַלע חסרונות...

די פערקויפטע נשמה האָט געשוויגען.

אונטער דער ערשטער בייטש ערשט, האָט זי געררעדט.

אונטער דער צווייטער — געזונגען.

אונטער דער דריטער — געטאַנצט.

דער קונה מוז דאָך וויסן, אַז אויסער קליינע פּיסלעך און האַרטע בריסטען, וועט ער נאָך האָבן אַ היבשע פּאַרציע רוחניות!...

היינט טהוט עס די שקלאַפין אַליין....

זי אַליין רוקט אַרויס קונציג איהרע פּיסלעך פון אונטער'ן קלייד; זי אַליין בלאָזט זיך איוף, וויפיעל מען דאַרף, מען זאָל זעהן וועניג, נאָך שטויסען זיך — מעהר, ווי עס איז —.... זי אַליין רעדט ווי איין אָנגעבונדענע, זינגט ווי אַ פרייער פויגעל, טאַנצט ווי אויף אַ טאָקעניש, און טהוט אַלץ, אַלץ, אַבי זיך צו פערקויפען...

אין גריכישען לעבען איז, ווייניגסטענס, קיין וואַטע נישט געוועזען...

דער שדכן איז גאָר אַ ליגנער, און, ווייל ער נאַרט ביידע צדדים, האָט ער סוף כל סוף קיינעם נישט אויף דעם געוויסען, — נאָר עפּעס אויף דעם געוויסען דאַרף האָבען די מאַמע, וואָס פיהרט אַרויס די טאָכטער „אין דער וועלט אַריין", זי פּטור צו ווערען, און די טאָכטער, וואָס לאָזט זיך פערקויפען...

וועגען „חופּה-קליידער" פערצעהלט מען אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט אַ „בעל אויף אָרימע לייט" התונה געמאַכט איין אַלט נייטאָרין-מיידעל, וואָס איז שיער נישט בלינד געוואָרען ביי דער נאָדעל.

די אַלע הייזער, וואו מען האָט זי בלינד געמאַכט, האָבען זיך צו־זאַמענגעלעגט, אויסגעזוכט און אויסגעטאַנצט איהר איין אַלטען אַלמן פאַר אַ רובל 45.

אַ התונה-קלייד האָט מען איהר געקויפט.

דורך דער גאַנצער צייט האָט די נייטאָרין זיך נישט אַריינגעמישט, גלייך מען מיינט נישט זי.

די גאַנצע צייט, ביז צו דער חופה, איז זי געלעגען אויפ'ן בעט און צוגעלעגט זיך ניקס-וואַסער.

זי האָט דעם התן נישט געדאַרפט, נישט געוואָלט און אפשר נישט געקאָנט זעהן...

„אַ שטיק האָלץ, רחמנא ליצלן, אַ שטיין", — האָבען איהרע חברי־טאָרינס געזאָגט.

„דאָס פערשטעהסט דען צו דאַנקען?“, — האָבען די בעלי־טובות געזיפצט, און געשיקט די מצוה אויסצוטוישען אויף לויתן אין הימעל אַריין, אָדער אויף כבוד צום „קוריער וואַרשאַווסקי“...

נאָר ערשט, אַז מען האָט אַריינגעבּרענגט דאָס אָבגעקויפטע חופּה־קלייד, האָט ז׳יאויף דער פערגעלטער וויס־אַטלעסענער שמאַטע געוואָרפען איין אויג, און — שדים זענען אין איהר אַריין — זי רייסט זיך ביי דער ברוסט, זי רייסט זיך אויס די האָר, און ברעכט אויס אין אַ קראַמפּפהאַפט־געוויין....

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט זי בערוהיגט, איידער מען האָט פון איהר צוריק געמאַכט אַ שטיק האָלץ אָדער אַ שטיין, און געפיהרט צו דער חופּה—

נאָר דאָס קלייד האָט זי דערקענט... זי האָט עס אַליין גענייט, זי געדענקט פאַר וועמען.... זי איז דערנאָך אין סינאַגאָגע אַריינגעגאַנגען זעהן, ווי דער בלאָנדער מלאך וועט אויסזעהן אין נעפּעל פון העלבלאָהע גאַזען און ווייסע שפּיצען...

און — זי האָט אין איין וועגס דעם חתן דערקענט —

נאָר די וועלט פיהרט זיך שוין אַזוי! רייכע כלות בענייען די חופּה־קליידער פאַר אָרעמע נייטאָרען, און אָרעמע נייטאָרען בענייען די התנים פאַר רייכע כלות...

נישט גוט.

אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה.
פריהער אָבער, מוז איך אייך זאָגען, ווער איך בין.
אַ שניידער בין איך.

אייגענטליך בין איך קיין שניידער נ י ש ט; מיינע אבות אבותי זענען קיין שניידער נישט געווען. נאָר, אַז עס האָט זיך געמאַכט, און איך האָב פערגעסען דאָס לערנען פון תלמוד=תורה און פערלאָרען די עטליכע גילדען, וואָס מען האָט מיר געגעבען נדן, — האָב איך מיך געמוזט נעמען צו דעם נאָדעל.

פאַר וואָס גראָד צו דער נאָדעל? ווייל גראָד האָב איך געהאַט אַ שכן, וואָס האָט געלעבט פון דער נאָדעל. אין איין שטוב האָב'מיר געוואָהנט.—

אין דריטען ווינקעל האָט אפילו געוואָהנט אַ שוסטער אויך; איז עס אָבער אַ שווערע מלאכה. און אַ פעררים־טע, אַ פערסמאָליטע...

מיין שכן פון ערשטען ווינקעל איז געווען אַ דאַמען=שניידער; בין איך אויך געוואָרען אַ דאַמען=שניידער.

צו דער אַרבייט האָב איך מיך מיט אַמאָל נישט גענומען; איך האָב געוואַרט: אפשר וועט מיר אַ נס געשעהען. איך, אָדער מיין ווייב, קענען אַ כשרה מציאה געפינען; נאָר דערווייל, אַבי נישט ליידיג צו געהן, האָב איך מיך צוגעזעצט צום ש־נ׳ס טיש, געפריוועט אָנגייען קנעפליך, „צוסטרי= געווען", און דערנאָך — עפעס נ״ען אויך: פאַמעליך אַריינגעגאַרט!

צום אויפנייען אַ גאַנץ קלייד בין איך נ י ש ט געקומען, און האַלט נאָך נישט דערביי ביזן היינטיגען טאָג; נאָר פערלאַטען, פערפרעסען, אויסוואַשען און אַרויסנעמען אַ פלעק, אפילו אַ מאָס נעמען, — דאָס האָב איך מיך אויסגעלערנט, מיט דעם האָב איך געלעבט און עס לעבט זיך נאָך... זאָל אַיין אַנדערער צושניידען; אַ געשעפט דאָס איז.

איך קען נישט זאָגען, עס איז נ י ש ט פון די ערגסטע מלאכות. ערשטענס — פרעהליך: אַ שניידער זינגט אַ לידעל, לאָזט זיך גאַנץ אָפט אַרויס אין די דערפער, צווישען פריצים, מען זעהט אַ וועלט, און מען לעבט

אַ וועלט. גישט פערפינכטערט, ווי אַ פערסמאָליטער שוסטער...

גוט. איז מיר אָבער דערוויילע נישט פאַר אייך, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, דאָס ווייב אוועקגעקומען... צרות...

נישט דאָס אָבער וויל איך אייך פערצעהלען.

וואָרען וואָס? בין איך אַיין אלמן; וואָהין איך מיר אַליין אין אַ קליין שטיבעל ערגיץ העט, העט, כמעט אונטער דער שטאָדט; איבער'ן מויל גיעסט זיך נישט, נאָר גאָר נישט; מען טרעפט אַ גוטען ברידער, מען נעמט אַ קאָפּ, מען באָרגט אַ „זהב טהור", און מען לעבט ווייטער.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה. אַזוי ווי מען זאָגט: אַ גאַנץ יאָהר שכור פּורים ניכטערן! אָבער נישט אַ דרייער אין שטוב! וואָס טראַכט איך? איך וועל מיך איינבעטען צו'ן אַ גוטען ברודער! עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך נישט אַרומגעהן פּורים מיט אַ טרוקענעם האַלז! פאָרט אַזאַ נס געשעהן! אסתר המלכה, האָטש אַ גרינע, איז אַלץ נאָך ווערט, מען זאָל איהר צוליעב נישט געהן בדרך הישר ווי ניכטערנערהייט!...

געה איך מיר אַרוים פון שטוב, און האַלט אין איין קלערען: צו וועלכען שניידער געהט מען?

גאָר פרעהליך איז ביי אהרן דבשה'ס. בראָנפען גיסט זיך דאָרט, ווי וואַסער. ער טרינקט, זי טרינקט. די טאָכטער, זאָגט מען, האָט אויך דעם ביטערן טראָפען נישט פיינד! אָבער טאַקי צוליעב דער טאָכטער, האָב איך קיין חשק נישט אַהין צו געהן! אַ בתולה פון אַ יאָהר 30, אפשר מיט אַ שמייך, און שדכ'ענט זיך צו מיר. אַז זי דערזעהט מיך, נעמט זי „מים אויף די עינים", קוקט זי אויף מיר ווי אַ שאָף אויף זאַלץ, און פערגלייסט נאָך די אויגען, אַז מען זעהט די שוואַרצאַפּעל נישט אַרוים, סאַמע ווייסעל, צוויי שיסעליך סמעטענע...

ניין. צו אהרן דבשה'ס געה איך נישט... צו אַנדערע רייכע שניידער אודאי נישט! זיי קוקען אויף מיר פון דער הויך, ווי אַ סאָווע אין די בעדערן אויף אַ נאַקעט הינדעל... איז טאַקי שלעכט: געה טרעף, וועלכער קבצן איז נישט קיין פּורים־שפּילער און האָט אין דערהיים אַ קאָפּ?

און אַזוי קלערענדיג האָב איך אַ טעות, און אויפ'ן אָרט פון געהן אין שטאָדט אַריין, געה איך גאָר אַרוים פון שטאָדט... העט אַוועק.

אַז איך דערמאַן מיך, בין איך שוין אַ היבש שטיק וועגס ווייט פון שטאָדט. שטעהט אַ וועלדיל, געה איך אַריין. נאָך וואָס? ד'וויים נישט; איך געה... פרעגט מיך בחרם, וואו אַהין?

טרעף איך אַ האָלץ-העקער; פרעג איך אים: ווייט צו אַ קרעטשמע? טראַכטען טראַכט איך מיר, אונטער דער שטאָדט קריגט מען אויך אַ טרינק בראָנפען! אַי וואָס? עס איז נישט דאָ קיין געלד, קען מען טרעפען ביי'ם קרעטשמער אַרבייט, און טרינקען דערווייל על השבון המלאכה... אין ערל געטרויט!

זאָגט ער, דער האָלץ-העקער: נישט ווייט.

געה איך ווייטער; צוויי וועגען. איינער— רעכטס, איינער—לינקס. נעם איך מיך רעכטס. איך בין דאָך אַ שניידער, האַלט די נאדעל איז דער רעכטע האַנד, איז די רעכטע האַנד בילכער!

אויסגעוויזען האָט זיך, אַז בעסער וואָלט געווען ווען איך נעם מיך לינקס. און אפשר פערקעהרט? איך זאָל מיך געווען נעמען לינקס, וואָלט קיין מעשה נישט געווען...

הכלל, איך געה רעכטס. און געה, און געה.

דורשטיג בין איך שוין לאַנג; ווער איך נאָך הונגעריג.

קאַלט אַביסעל איז מיר אויך געוואָרען... אַזוי, עס בלאָזט אַביסעל צווישען די ביינער.— און אין מיטען— סטאָפּ! אַ צוים.

אַיין אַייזערנע צוים. שוואַרצע אייזערנע שטאַנגען מיט פערגילדטע שפּיצען,— אַ מורא!

אַ פורטקע איז דאָ. ביי דער פורטקע— אַ גלאָק. בין איך נישט פויל, נעם איך און קלינג אָן.

הערט זיך הינד בילען. ווערט מיר קאַלט אין די קנעכיל און וויל מאַכען פּליטה. הער איך אָבער, מען רופט: „שטיל!" — בלייב איך שטעהען; איך בין דאָך נישט קיין מלמד, איך זאָל מיך שרעקען פאַר הינד!

בעוויזט זיך איין אַלטער ערל, אָנגעטהון ווי אַ יעגער, מיט גרינע לאַצען, שטעקט אַריין דעם גראָהען קאָפּ, מיט צוויי צורינענע אויגען, צווישען די שטאַנגען, און פרעגט, ווער איך בין.

זאָג איך: אַ שניידער.

וואָס דאַרפסט דו?

— אַ טרינק בראָנפען!

לאַכט ער, ווייזט ער מיר צוויי שורות אַלטע, אויסגעקרומטע ציין, אָבער אַ פלעמיל אין די אויגען!

ביסט דו מיין מענש, טראַכט איך! דיר איז אויך טרוקען אין האַלז! דאַרף מען אַריינגעהן מיט איהם אין אַ נענטערן שמועס.

איך שטעה אין דער זייט, ער אין יענער זייט און מיר רעדען.

איך פרעג און ער ענטפערט.

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

— אַ פּאַלאַץ.

— און דו ווער ביסט?

— דער היטער פון פּאַלאַץ.

— און ווער וואָהנט אין פּאַלאַץ?

— אַ פּריצה!

— וואָס פאַר אַ פּריצה?

— אַ שעהנע פּריצה.

— אַ שעהנע?

— און אַ משוגענע...

— וואָס פאַר אַ משוגע?

— זי וויל נישט חתונה האָבען! עס געפעלט איהר קיינער נישט.

לאַך איך:

— אפשר וועט זי מיך וועלען!

— פריוו,— מאַכט ער,— אפשר איז זי דיר בעשערט!

און אַזוי רעדענדיג, שליסט ער אויף; לאָזט מיך אַריין. שטעהען מיר שוין ביידע אויף יענער זייט.

אַ חברה הינד דרעהען זיך אַרום מיט לאַנג־אַרויסגעשטעקטע צונגען,— הער איך זיי?— אַז ער האַלט מיט מיר!

— איך בין אַיין אלמן, זאָג איך איהם.

— פריוו... עס האָבען אַ סך שוין געפּריוועט... דייטשען, אַרמענער, ציגיינער... פּריוו דו אויך... אפשר וועט דיר בעסער געלינגען...

קוק איך איהם אָן! איך ווערטעל מיך שניידעריש, פאַר איהם איז עס „חי וקים".

געה איך צוריק צו מיין זאַך און פרעג מכּה אַביסעל בראָנפען.

— פערהאַן— זאָגט ער— אין פּאַלאַץ בראָנפען, מעט אויך, וויין... און התנים נעמט מען שען אויף, מען גיט צו עסען, צו טרינקען... כּיד המלך, זאָגט ער.

ווערט מיר שוין אַביסעל נישט היימליך.

איז ער נישט, דער אַלטער, אַביסעל פערדרעהט? ניין, ניכטערן. אַ קלאָרען בליק האָט ער.

זאָג איך:

— גענוג, אַלטער, שפּאַס אָן דער זייט! מיר איז, ווירקליך, טרוקען אין האַלז! אַזוי טרוקען, אַז דאָס קול קומט אַרויס, ווי פון אַ בלעך... און הונגעריג בין איך, אַז ווינטען בלאָזען מיר אין מאָגען!

— נו, קום, שמייכעלט ער, קום, עסען און טרינקען וועט נישט פעהלען.

מיין איך, אַז ער פיהרט מיך צו זיך; פיהרט ער מיך צום פּאַלאַץ!

און אַ פּאַלאַץ,— עס איז דען צום בעשרייבען? דער מחבר פון אַקדמות, וואָלט געבליבען מיט איין אָפען מויל! זיילען און זיילען, מיט גאָלדענע שלאַנגען, אָדלער, כליע מיני פלעדער-מייז אויף די זיילען...

און דאָס אַליץ מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ... און ער פיהרט מיך צו צוי'ן אַ גאַניק, אויסגעלעגט מיט אַ טערקישען דיוואַן. און גיט מיך איבער צו אַ לאָקיי.

— אַ חתן! זאָגט ער.

דער לאָקיי שמייכעלט און פיהרט מיך ווייטער.

די פריצה, פערשטעהט זיך, ליעגט מיר נישט אין דער לינקער פּאָה. אָבער אַ שנײדער בין איך, וויל איך זעהן...

און וואָס? מען וועט מיך דאָך נישט הענגען! לאָז איך מיך פיהרען.

פיהרט מען מיך. פון איין סאַלאָן אַרויס, אין צווייטען אַריין; פון אַ גרינעם סאַלאָן צו אַ געלען; פון אַ געלען— צו אַ רויטען, פון אַ רויטען— צו אַ בלאָהעם... די קאָליערען שווינדלען מיר אין די אויגען.

און עס געהט אַ גאַנג. אַ געיעג. נאָר מען לויפט. און די פאַרבען הייבען זיך מיר אָן צו מישען, איך האָב שוין קיין צייט נישט אפילו דאָס מעבעל אין די סאַלאָנען צו בעטראַכטען, די פּאָרטרעטען אויף די ווענד. קאָליערטע פלעקען לויפען מיר, אויג אַרויס, אויג אַריין; און איין לאָקיי גיעט מיך איבער דעם צווייטען, איינער דעם צווייטען...

אַג'ץ האָט דאָך אָבער אַ סוף, שטעלט מען מיך אין אַ סאַלאָן, נאָר אין אַ ווייסען סאַלאָן...

רעכטס, זאָגט מען מיר, געהט אַ טהיר צו דער פריצה אַליין, און לינקס— אַ טהיר, אַרויסצוּוואַרפען פון פּאַלאַץ, אויב דער חתן געפעלט נישט!

קוק איך, מן הסתם, אויף דער טהיר צו דער פריצה; דערזעה איך א קליין לעכעל אין טהיר.

— וואס איז דאס, פרעג איך?

פערטייטשט מען מיר, אז דורך דעם לעכעל, קוקט די פריצה אויף די התנים!...

— און ווי אזוי זעהען די התנים די פריצה?

— אט!— מאכט דער לאקיי, פון וועלכען עס בליצט און קאפעט מיט גאלד, און ווייזט מיר א פארטרעט אויף דער וואנד.

א שטאלצע נקבה, א ריעז... א בליק פון איין אמת׳ער שררה׳לע, האטש זי שטעהט עפעס אויף דער קניע! און האט עפעס ארום די ליפען, וואס רייצט און ציהט ממש, ווי מיט צוואנגען.

איך בין דאך א שניידער, האב גענוג קליידער געמאסטען, שענע נקבות און פריצות געזעהען, אבער— וואס זאל איך אייך זאגען— אזוינס האט זיך מיר אפילו נישט געהלומט!

דער יצר הרע אליין!

און דאס הארץ קלאפט שוין, ווי ביין א גזלן!

און איך פערגעס שוין ווער איך בין, וואס איך בין; ווער און וואס זי איז; מיין באבעס דאגה!

איך ציה מיך אויס ווי א סטרונע און ווארט אויף איהר ווי א יוד אויף משיח׳ן, ווי א פרומע נשמה אויף עולם הבא!

מ׳גיט א קלינג.; דער לאקיי פערטייטשט: די פריצה געהט! און נעמט מיך אן, שטעלט מיך גענענאיבער דעם לעכעל אין טהיר, און נייגט זיך פאר מיר מיט א שמייכעל, און פערשווינדט.

און איך שטעה, און ציטער א ריהר צו טהון מיט א ברעם. און די פאר סעקונדען, וואס איך בין געשטאנען, זענען יאהרען, און ווייטער א קלינג! און עס קומט אריין דער זעלבער לאקיי,

— געפעלען!— זאגט ער...

מיין איך, דער שלאג האט מיך געטראפען.

— נאר, זאגט ער.

— וואס נאר?

— נאר אומריין — האט זי געזאגט. זי הייסט דיך פיהרען אין בעדעל אריין.

איך וועל אייך נישט לאַנג ברייען...

איהר זעהט דאָך, אַז איך בין צוריק שניידער; פערשטעהט איהר דאָך, אַז דער שדוך איז נישט עולה יפה געוועזען... אָבער דער „נאַר" מיט׳ן בעדעל האָבען מיר דעם מאַרך פון די ביינער אַרויסגעצויגען!

פריהער האָט מען מיך געבאָדען, דער ברוך זאָל אַראָב, דער שוויס זאָל אַראָב... מילא, אַ שניידער, פון וועג, געגאַנגען צו פוס, איז אָבער ווייטער אַ „נאַר".

וואָס ווייטער?

די מלבושים מיינע געפעלען איהר נישט...

זאָג איך, איך וועל שיקען נאָך מיין שבת׳דיגע קאַפּאָטע,— מאַך איך מיך, הייסט עס, גרוים. וואָרום, פאַר אונז זאָגענדיג, האָב איך קיין שבת׳דיגע קאַפּאָטע נישט פערמאָגט!...

וויל זי אָבער, איך זאָל מיך אָנטהון דייטש...

ווילט זיך מיר נישט! וואָס איז עס עפּעס פּלוצלינג— דייטש?

דערמאָנט מיך אָבער דער יצר הרע, אַז איך האָב געזעהען אַמאָל דעם פראַנקפורט־אַם־מיין׳ער רב, וואָס איז אַרומגעפאָהרען זאַמלען נדבות אויף אַ ישיבה, און איז אויך געגאַנגען דייטש,— מילא, אַז אַ ראש ישיבה מעג, מעג איך דאָך אַודאי,— בעשטעה איך...

הייסט מען מיך אָבער אַוועקוואַרפען דעם ארבע כנפות,— טראַכט איך: הלמאי אַ יודענע, האָט אויך אַ חלק עולם הבא, און בעגעהט זיך אָהן ארבע כנפות! גיב איך אַוועק די ציצית... אַז עס איז איהר איינגעפאַלען!

פרעגט מען מיך נאָך, צי איך קען רעדען פּריציש לשון, זאָג איך: אַודאי! איך האָב דאָך געניים ביי פּריצים: געניים, געפרעסט, געמאָסטען... אויף פּריציש לשון געזונגען, געקריגט זיך, געבעטען זיך, און די צייהן פער־רעדט... זאָגט מען: ניין, דאָס איז ווייניג! מען מוז קענען לעזען און שרייבען אויך!

נעמט מען מיר צו אַ לעהרער... לערנט ער מיט מיר גראַמאַטיק,— שוייג איך! מילא... אויסלערנען וועל איך מיך, אַ יודיש קעפּעל האָב איך... נאָר— און דאָ איז דער הונד בעגראָבען — לערען אומגעגעסען... פּשוט אומגעגע־סען, וואָרום, עיקר שכחתי— האָטש אַ שניידער, לעב איך אין פּאַלאַץ מיט טהיי און געבראָטענע קאַרטאָפעל, נאַריש, קיין טרפות וועל איך דאָך נישט עסען!... איז מיר טאַקי שווער... פאַל איך אַביסעל אָב...

איך קאָן שוין אַביסעל גראַמאַטיק, איך רעד שוין, ... מעשה נישט,

מיט דער ריש, נאָר— איך פאַל אָבער אַריין אין דער דאָר...
און די פריצה וויל דוקא אַ „מענש"; הייסט מען עסען!
הייבט זיך ווייטער אָן אַ מעשה מיט'ן יצר הרע!
פּת עכו"ם, זאָגט ער, איז נישט פון די גרויסע זאַכען... אין אַ סך יודישע הייזער קויפט מען שוין לאַנג דייטשע זעמעל... פון חזיר רעדט מען נישט! פריצים עסען אויך אַ גאַנץ יאָהר קיין חזיר נישט... אלא וואָס, וויעלקאַנאָץ? אָדער דו וועסט דיך ביז דעמאָלט צוגעוועגען, אָדער דו וועסט דיך מאַכען קראַנק, לעגען אין בעט אַריין און הייסען דיר דערלאַנגען איינגע-געמאַכטס! און אפשר וועסט דו ביז דעמאָלט דער פריצה אַזוי געפעלען, אַז זי וועט אויך אָנהייבען צו עסען כשר'ס, און וועט גאָר, דיר צוליעב, מאַכען אַ קוגעל אויך!
הער איך איהם, לכתחלה, ווי'ן רב... פאַר טרפות האָב איך אַביסעל אָבשיי... אַ פריצה, וויים איך, פערגעהט— און גיהנום בעשטעהט! איין אייביגע זאַך!
נעמט ער מיך אָבער, דער ממזר, אויף קאַוויאָר..
און קאַוויאָר וויים איך שוין נישט... אפשר גאָר פון כשר'ע פיש!
און קאַוויאָר עסט מען מיט ציבעלעס!
און איך שפּרינג שיער נישט אויס דער הויט אַרויס! שוין דריי וואָכען דעם כשר'ן ריח נישט געפיהלט; אויס מענש בין איך אָהן אַ ציבעלע!
טראַכט איך מיר, לאָזען זיי נאָר געבען קאַוויאָר! איך וועל עסען די ציבעלעס... און פאַר דרך ארץ אַ לעק טהון אַ שוואַרצען רויג— און אפשר אויסשפּייען...
עס שפּייט זיך אָבער נישט... איך עס קאַוויאָר. מיט אַ לעפעל און ווער טאַקי אַביסעל פולער...
קוק איך אין שפּיגעל אַריין— אַ גאַנצער מענש! וואָס אַ מענש? אַ גאַנ-צער פריץ בין איך! די אויגען קלאָר, אויסגעשלאָפען... די באַקען בליהען ווי די רויטע עפּעל! און פלייצעס!
וואו די פאות זענען אַהינגעקומען? אָסור, אויב איך וויים... מען האָט זיי מיר אפשר אין שלאָף אונטערגעשניטען. די באָרד איז אויך ערגיץ אַוועק-געקומען... מיין באָבעס דאגה! אומשטיינס געזאָגט, וואָס מיין גאַנץ שניי-דעריש שפּיציג בערדעל איז ווערט געוועזען! אָבער אַ יונג מיט די ביינער— בין איך... דער פריצה געפעלען מוז איך!
האָב איך דאָך אָבער פאָרט אַ שטיקעל יצר-טוב אין מיר; הייבט

ער אָן נאָגען: וואָס טייטש? נישט מיט קיין יודיש קינד...

קומט דער יצר הרע און פערמאַכט איהם דאָס מויל.

— ווי הייסט, זאָגט ער, און בת יתרו? איי וואָס,— קודם מתן תורה? אָבער משה רבינו, נישט קיין שניידערעל...

און אסתר המלכה איז אויך, דאַכט זיך, אַ יודיש קינד געוועזען, אַ שפּאַס— אסתר המלכה, און האָט גענומען אַ גוי— איין אחשורש! און אַ נאַרישען אחשורש... און פונדעסטוועגען מאַכט מען נאָך אַ יום־טוב דערפון!

אַיי וואָס? זי האָט יודען אַ טובה געטהון, וועסט דו אויך טובות טהון!

די פּריצה האָט קיה, וועסט דו אַוועקגעבען יודען ביליג די פּאַכט... זי האָט קרעצמים, וועסט דו אַריינזעצען יודען בחצי הנס... זי האָט וועלדער, וועלען יודעלעך האָבען... וועסט זיי פערקויפען תבואה אויפ'ן פעלד! האָב קיין מורא נישט, עס וועט זיין אַ יום טוב!

דער יצר טוב וואָלט אפשר געענטפערט, קומט אָבער באותו הרגע אַריין די פּריצה, הער איך איהם? ...

און— בכבודה ובעצמה די פּריצה,— טויזענד מאָל שענער פאַר'ן פּאָרטרעט! און אַ לאָקיי טראָגט נאָך אַ גאָלדענע טאַץ... און אויף דער טאַץ שטעהען גאָלדענע בעכער, און איין אַלטע פלאַש וויין...

„לחיים" וויל זי מיט מיר טרינקען...

„נסך" שרייט דער יצר טוב.

„טפש"! ענטפערט דער יצר הרע...

און באמת, וואָס איז נסך נאָך גאָהלען די באָרד, אָנטהון דייטש, עסען טרפות?

עץ איך מיך איהר צופיסענס און טרינק...

להיים" און „לחיים"!

גיסט, איך טרינק!

נאָך אַפּאָר כוסות, קוש איך איהר די זיס פון קלייד... זי איז דאָך אַ פּריצה— ביסלעכווייז!

נאָך אַ כוס! און זי אַליין דערלאַנגט מיר שוין די שפּיץ פינגער צום מויל... לאַנגע, שמאָלע, וויס־רויטליכע פינגער... טאַקי כצפיחות בדבש!

פרעגט זי מיך, צי איך וויל טרינקען איהר געזונד פון איהר פאַנ־טאָפעלע...

אויב איך וויל!

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס זי האָט אַזוינע קליינע פיסעלעך— אַזוינע קליינע פאַנטאָפּעלעך; פאַנטאָפּעל וואָלט איך אויסגעטרונקען, שטיוועל, פויערשע— וואַסער־שטיוועל!

וואָס טהו איך? טרינק איך צוויי פאַנטאָפּעלעך; און נאָך אַמאָל צוויי, און נאָך אַמאָל.

פרעגט זי מיך, צי איך קען זינגען?

אַ פראַגע!

וועלכער שניידער קען עס נישט זינגען?

דער קאָפּ דרעהט זיך, די צונג לויפט אַביסעל. נאָר זינגען מוז מען. שטעל איך מיך אויף און זינג.

און וואָס זינג איך?

מיין אַלט ליעדעל, אַלע זינגען עס:

וואָס מיר זענען, זענען מיר,
אָבער יודען זענען מיר,
וואָס מיר טהוען, טהוען מיר
און כפרות שלאָגען מיר!

הערט זי „כפרות״; גיט זי אַ קלינג...

קומען אַריין דריי לאָקייען, פרעגען מיך נישט אַ וואָרט, נעמען מיך אָן און וואַרפען מיך אַרויס דורכ'ן פענסטער!

פאַל איך...

גוט, וואָס איך בין געפאַלען אויף עפּעס ווייכס; פון אַזאַ הייך,— די ביינער וואָלט איך געקליבען!

מיין איך, איך בין געפאַלען אויף אַ סטויג היי, אויף הויך גראָז, ווייזט זיך גאָר אויס— אויף בעט־געוואַנט...

אויף יונה דבשה'ס בעט בין איך געפאַלען!

עס איז אַ שכור'ער, פורים'דיגער חלום געוועז!

צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, צו זייערע קעפּ, צו מיינע שונאים'ס קעפּ...

מילא, איך האָב נישט געוואָלט געהן צו יונה דבשה'ס, און בין געגאַנגען, אַ שענע כפרה!

מיין באָבעס דאגה!
זאָגען זיי אָבער, אַז שכור'ערהייט בין איך פאַר יונה דבשה'ס טאָכטער,
וואָס קוקט אויף מיר מיט די צוויי שיסעלעך סמעטענע, ווי אַ שאָף אויף
פּאַלץ, אַ התן געוואָרען—
דאָס איז נישט גוט!

אלטווארג.

דערצעהלט פון אַ פורים-רב.

א קליינער הקדמה.

.1

אידר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פורים רב*), — בין איך! וואָלט אידר מיך אויסגעקליבען אַלס שתדלן אין וואָס עס איז פאַר איין עסק, אַלס גבאי אין אַ חברה של צדקה, אַלס רעדעל-פיהרער אָדער קאָכער לעפעל פון אַ פאַרטיי, וואָלט איך אַלץ געקאָנט זיין! אפילו, ווען אידר מאַכט מיך פאַר אַ גוטען יוד פאַר איין עולם חסידים, וואָלט איך אויך בעוועזען! איך בין קיינמאָל נישט געגען קהל, געגען חברה, געגען פאַרטיי און, וואָס מען וויל, בין איך. אידר מיינט, מען דאַרף זיין פעהיג דערצו? אַז אסור! וואָרען, נישט אינים אויסגעוועהלטען שטעקט די קראַפט! ווען מען וואַרפט „הורראַ!", דער פליהט; ווען מען שטעלט זיך אויפ'ן קאָפ, דער איז הויך; ווער עס טראָגט דאָס שטריימעל, דער איז רב! צו ווען מען פאָדערט, ווען מען גיט פדיונות, פיהרט דאָס רעדעל! און — נישט גענאַרט — יעדער איינציגער פון דער חברה האָט אַ קליין ביסעל אמונה, אַ קליין פיצעל בטחון, אַ שטיקעלע ווילען. און, אַז מען לעגט אַלץ דאָס צוזאַמען אין איין בוזעם-טאַש אַריין, ווערט דער בעל-הבית פון בוזעם-טאַש אַ גרויסער מאַן, אַ פייערדיגע זייל; אַ זון, וואָס שטראַהלט אַרוים אמונה

*) אין פוילען און אין ליטא איז אין די חסידים-שטיבלעך א מנהג, אויס-צוקלויבען אויף פורים א פורים-רב, וועלכער איז מחויב אלעמען פרעהליך און לוסטיג צו מאכען.

און בטחון.... און איין אייזערנע קראַפט קריגט מען מויערן צו ברעכען..
אַ והאָ ראיה: צעפאַלט זיך די חברה, ווערט דער גרויסער צוריק קליין,
נישט אָנזעהעוודיג; ער ווערט אין גאַנצען פערלוירען.

דאָס זעלבע איז מיט אַ פורים-רב. מיינט נישט, אַז ער דאַרף זיין בטבע אַ לץ, אַז ער מוז שיטען מיט גלייך-ווערטלעך און וויצען! אויב דער עולם וויל און קאָן, איז געגוג, אַז דער פורים-רב זאָל טייטען מיט אַ פינגער, דער עולם זאָל פאַלען אונטער די בענק פאַר געלעכטער; ווילען זיי ניט און קאָנען נישט, העלפט קיין הכמות און קיין קונצען. דאָס איז אמת, אָבער, מודה מוז איך זיין, אַז איהר האָט גוט געטראָפען מיט מיר! דעם אמת זאָגענדיג, אַביסעל ליצנות שטעקט אין מיר פון געבוירענהייט אָן: אפילו אַז איך ווער גאָר ערנסט, אַז איך רייט שוין גאָר מיט גרויס גדלות אויפ'ן בעזעם, אַז איך בלאָז מיך שוין גאָר אָן, ווי ממש עפּיס רעכטס, — זיצט אויך עפּיס אין מיר אינערוויינינג און לאַכט... און ווער איך אַמאָל אין כעס, שיט מיט פייער, שריי: מערדער! הינדשלעגער! א. ד. ג. זיצט עפּיס אין מיר און לאַכט! און עס לאַכט, אפילו ווען איך וויין; ווען דאָס האַרץ, דאַכט זיך, וויל זיך צובּרעכען ווי אַ שאַרבען... עס איז אַ ביטער געלעכטער, אָבער עס לאַכט: „עס איז דאָך גאָר אַ פורים-שפּיעל!" לאַכט עס אַ גאַנץ יאָהר! און די הויפּט-זאַך: ביי מיר וועט איהר ווירקליך נישט וויסען, בין ארור המן לברוך מרדכי, וואָרען — וואָרען איך אַליין וויים נישט! כל זמן איך קוק מיט מיינע אייגענע אויגען אין מגלה אַריין, זעה איך; כל זמן דער קורא לייענט, זינגענדיג-שנאָרכענדיג, הער איך; לעג איך אָבער אַוועק די מגילה, בלייבט דער קורא שטיל, — פערגעס איך, און הייב נישט אָן צו וויסען! דאָס קומט דערפון, וואָס מען האָט, — גרויס זענען אונזערע זינד — אָבגעשטעלט די זון, געהייסען זיך דרעהען — דער ערד. דרעהט זיך מיר פון דעמאָלט אָן דער קאָפּ!.... אַז אַ מענש פיהלט נישט קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס! דער בעל-הבית פון קלענסטען שטעדטעל זיצט שוין נישט אויפ'ן אָרט, איז נישט אַזוי פעסט פערגליווערט ווי אַמאָל... דער וועג פון וויעג ביז'ן קבר איז שוין נישט אַזוי גראַד; קרום, נישט איבערצוזעהן: אַ מענש ווערט געבוירען אין מערב, גט זיך מיט'ן הייב אין צפון, באַנקראָטירט אין דרום, מאַכט גלגול מהילות קיין מזרח און אַזוי ווייטער! און געה וויים אויפ'ן כף הקלע, ווער המן, ווער אחשורוש און ווער, להבדיל, מרדכי איז? איין אויסגעמישטע וועלט! — ווי גלעזערנע פערל אין אַ קאַלעידאָסקאָפּ, מישען

זיך איבער די פערשיעדען־פארבּיגע, פערשיעדען־פאָרמיגע אידעען; די ליניען ברעכען זיך, די רעדער וויקלען און פלאָנטען זיך און געה וויס, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז...

עה, ברידער! איינשלאָפען טאָר מען נישט! די הקדמה איז געענדיגט, נעמט אַ קאַפּ....

— — — — — —

אָבער וואָס דערצעהלט מען אייך?

איך פלעג אייך דערצעהלען וויינענדיגס, האַרצרייסענדיגס, האָט איהר געלאַכט; מיר האָט אין די גוהירען געבּרענט, דער טייוועל מיט אַלע זיינע משרתים האָבען דאָס האַרץ געריסען, און איהר פלעגט פּלאַצען פאַר געלעכטער. וואָס נעמט מען פורים געשיקטען פאַר אייך?

איך קוק אַרויס דורך די פענסטער און זעה גאַנצע לאַנקעס, בּע־האַקסען מיט בּלומען און דערנער. די בּלומען זענען די גוטע, האַרציגע מעשה׳ליך, און די דערנער זענען מעשה׳ליך, וואָס שטעכען און ברענען: וואָס זאָל איך אויסרייסען פאַר אייך? אַ בּלימעל? געוויס! ווי הייסט עס אין׳ם בּעקאַנטען ליעד? — דער רבי האָט געהייסען לוסטיג זיין! איך שטרעק אויס די האַנד — צי וועל איך ריכטיג טרעפען? עס איז דאָך פורים! איך זאָל האַטש, ווי עס וועט זיין, קיין טעות נישט האָבען...

———————

2.

איך שטרעק אויס די האַנד, די לאַנגע האַנד פון אַ פורים־רב, איך דער פורים־וועלט אַריין און טרעף קיין הינא, און רייס אויס אַ בּלימעלע — אַ מעשה׳לע. הערט!

אַמאָל איז געוועזען אַ הינעזישער חכם; ער האָט דורכ־געמאַכט אַלע עקזאַמענס, דורכגעלעזען און אויסווענדיג געקאָנט אַלע ספרים, געדרוקטע און געשריבּענע, היילגע און „וואָכענדיגע“, מיט איין וואָרט — אַליץ, וואָס אַ הינעזער האָט אַמאָל אַריינגענאַרט אין אַ טרוקען הינעזיש וואָרט און פערקלאַפּט און פערהאַמערט אויף טויט! ער האָט נאָר געדאַרפט עפענען דאָס מויל, עס זאָלען זיך אַרויסקאָלערן גאַנצע מגילות, גאַנצע ספרים, מיט׳ן שער, מיט׳ן „תם ונשלם“, מיט אַלע ציטאַטען און אַלע בּעמערקונגען

פון בחור הזעצער, וואָס זענען נאָך אין הינא אין דער מאָדע, ווי בײַ אונז. מיט אַ יאָהר פונפציג צוריק... הערען האָט ער שוין נישט געקאָנט, עס איז שוין פאַר איהם קיין נייעס נישט געוועזען: זעהן האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס — אין הינא זענען זיך „מאָרגען״, „נעכטען״ און „היינט״ עהנליך ווי צווילינגס־ברידער — האָט ער זיך טאַקי געלעגט שלאָפען! ער האָט זיך מיט׳ן גרויס געלעהרטען מונדיר, ווי דער שטייגער איז אין הינא, געוואָרפען אין בעט אַריין, גענומען די שלאָפמיץ איבער די אויערען און אויגען און שלאָפט... פון צייט צו צייט שנאָרכט ער. עס טרעפט, אַז ער רעדט חכמות פון שלאָף, נאָר עטליכע מאָל אין טאָג עפענט ער דאָס מויל, מען זאָל איהם אַריינשיטען עטליכע קערנדלעך רייז, אַריינגיסען עטליכע טראָפּען זופּ פון פייגעל־נעסט.... און עפענט אפילו דערבײַ די אויגען נישט אויף...

ער איז אַזוי געשלאָפען אַ יאָהר, צוויי צי דריי און אפשר־הונדערט יאָהר... אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ געשיכטע פון הונדערט טויזענד יאָהרען איז אַ יאָהר און הונדערט יאָהר כמעט אַלץ איינס... נאָר פּלוצים איז ער, ווי אַ געביסענער, אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. אַ צוועלף־פונטיגע יאַפּאָנישע האַרמאַט האָט איהם אויפגעוועקט.... אין דער צייט, וואָס דער הינעזישער געלערנטער איז געשלאָפען, האָט יאַפּאָניען שטודירט! עס איז געגאַנגען צו דער קלוגער מאַדאַם איראָפּאַ אין שוהלע אַריין און — האָט זיך אויסגעלערנט — שיסען! און עס שיעסט.... פיף־פאַף־טראַך! פיף־פאַף־טראַך! דאָס האָט ער נישט פאָרגעזעהן; דאָס האָבען איהם הייליגע און וואָכעדיגע ספרים פריהער נישט געזאָגט, און קיינער האָט איהם, בײַ דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשלאָפען, אין הלום נישט ענטפּלעקט... ער רייסט אַראָב די שלאָפמיטץ: בים־באָם־טראַך; די האַרמאַטען קלינגען נאָך העכער, נאָך שרעקליכער: ער קוקט זיך אום — אין שטוב איז קיין נפש נישט דאָ... דאָס הויזגעזינד מיט דער גאַנצער דינערשאַפט זענען ענטלאָפען ווי פון אַ שרפה און האָבען דעם שענסטען און בעסטען, דעם גרויס געלערנטען — גאָר פערגעסען... ער לויפט צום פענסטער, קוקט אין גאַס אַריין: זאָל גאָט שומר ומציל זיין! צי איז ער שכור? צי איז ערד־ציטערניש? הייזער, שטאַרקע, פעסטע הייזער און פּאַלאַצען, וואָס מען האָט געבויט אויף אייביג, — אויף הינעזישען אייביג — הוידען זיך, וויגען, ציטערן, פּלאַצען און פאַלען... ער פאַלט אויך אום פאַר שרעק.... ער ליעגט און קלערט, אפשר דאָס ערשט מאָל אין לעבען. ווארום זייט

ער לעבט, האָבען איהם קאָנפוציוס מיט זיינע מפרשים געגעבען יעדע רפואה פאַר דער מכה, יעדע אַנטוואָרט פאַר דער פראַגע; מען האָט נאָר געדאַרפט אַריינקוקען און זעהן, און וויסען! ערשט היינט קלערט ער; היינט, ווען די יאַפּאַנער באַמבאַרדירען דאָס האַרץ פון חינא! — גאָט, גאָט! — וויינען די אַלטע אויגען פערצווייפעלט, — אַ נייע חכמה, אַ שיס־חכמה.... ווי קאָן מען רעטען זיך און גאַנץ חינא צוזאַמען! נאָר לאַנג קלערען איז דעם געלערנטענ'ס מח נישט אימשטאַנד, און דער חינעזישער חכם בלייבט ליגען אויף דער ערד פער'חלש'ט, פערשמאַכט....

ער ליגט און איך זעה, אַז דאָס מעשה'לע געפעלט אייך נישט!... ווי הייסט, היינטיגע צייטען און אַ מעשה'לע פון דער פרעמד, נישט פון אונזער וועלט!

וואַרט, הערט ווייטער, עס וועט זיין אַ יוד אויך!

איהר הערט ווי עס קלינגט: — האַנדעל! האַנדעל! פרנסה דאַרף דאָס יודעלע, זאָל זיין אייראָפּא, זאָל זיין חינא, זאָל זיין וואו עס איז; אַ וועלט־שטאָדט אָדער אַ קרעה־ווינקעל: האַנדעל! האַנדעל! אונטער דונער און בליץ, אונטער יאַפּאַנישע קוילען, זאָל זיין דערביי ערד־ציטערניש — האַנדעל — האַנדעל. מען מוז עסען און הדר־געלד צאָהלען! אַלט־וואַרג קויפט אַ יוד, דאָס, וואָס אַלע וואַרפען שוין אויפ'ן מיסט אַרויס, דאָס, וואָס מען מיאוס'ט זיך שוין אין האַנד אַריין צו נעמען; דאָס פערשמוצטע, צוריסענע, צופליקטע, דאָס קויפט ערשט אַ יוד און פערקויפט! אַבי גע־האַנדעלט!

נאָר אין חינא, וואו דאָס אַלטוואַרג איז אַזוי הייליג, שטעהט דאָס געשעפט נישט גוט; מען פערקויפט זעלטען, פאַר פקוח נפש, אָבער ווייטער נישט! אייניקלעך טראָגען דאָס, וואָס די באָבע און דער זיידע האָבען שוין בירושה בעקומען; זעלטען עס טרעפט זיך אַ שטיקעל סחורה!

דער יוד דאָך טהוט זיך זיינ'ס און פערלאָזט זיך מיט דער רעשט אויף דעם, וואָס שפייזט דעם וואָרם אויפ'ן פעלד און דעם האָז — אין וואַלד, און שרייט אין אַלע גאַסען: — האַנדעל! האַנדעל! און דער הייזעריג, דין אויסגעפּייפטער „האַנדעל", שניידט זיך דורך דורך די גראָבע גאַסען פון די 12־פונטיגע האַרמאַטען און פערדרעהט זיך ביז צום אויער פון פער'חלש'טען חינעזישען חכם.

דער שפרינגט אויף: אַ יוד רופט! אַ יוד איז דאָ! אַ יוד, וואָס איז נישט קיין פראַנצעזישער, דייטשער, יאַפּאַנישער אָדער חינעזישער חכם,

נאָר אַ וועלט־חכם! אַ יוד, וואָס האָט שוין פון יעדען אויווען ברויט געגעסען און איז אויף יעדער באַנק געשמיסען געוואָרען... דער וועט אַיין עצה געבען! מיט אַלעם האַנדעלט ער, אַלץ הייסט ער!

— יוד! שרייט דער הינעזער, צושפרינגענדיג צום פענסטער פון שטוב.

— איך בין דאָ, הינעזישער חכם! ענטפערט דער יוד, צושפרינגענדיג צום פענסטער פון דער צווייטער זייט, פון גאַס; און ווען נישט די שויב אין דער מיט, וואָלטען זיך, וועניגסטענס, ביידע נעז געקושט!

— האָסט אַלט־וואַרג? פרעגט דער יוד.

— אַ סך, אַ סך....

— וועסט פערקויפען....

— ניין, נישט פערקויפען, נישט פאַר געלד, חלילה! נאָר אַוועקגעבען, אויסטוישען.

— אויף אַנדער אַלטוואַרג? טויש איז אויך אַ מסחר, טראַכט דער יוד.

— ניין, נאָר אויף אַ חכמה! אויף אַ חכמה, פון וועלכער די יאַפּאַנישע תלמידים און אייראָפּעאישע מלמדים ווייסען נישט. הינא מוז מען רעטען מיט חכמה רעטען.

— חכמה אויפ'ן לאַגער, — ענטפערט דער יוד, — האָב איך נישט.

— נאָר וואו בעקומט מען זי? וואו? שרייט דער הינעזער.

— די אַדרעס ווייס איך! מעקלעריי, טראַכט דער יוד, איז אויך אַ געשעפט!

— זאָג!

— און וואָס וועל איך בעקומען דערפאַר?

— וואָס דו ווילסט, מיין גאַנץ אַלט־וואַרג.

— מאַכסט חוזק?

— האָסט מיין וואָרט, אַ הינעזיש וואָרט!

נאָר דער יוד גלויבט נישט אויפ'ן וואָרט; פריהער וויל ער דאָס אַלט־וואַרג, דערנאָך ערשט וועט ער געבען די אַדרעס.

— און וועסט מיך נישט נאַרען? האָט ווייטער דער הינעזער מורא.

— איך שווער ביי גאָט!

— ווענִיג.

— ביי דער תורה!

— עט!

— ביים פאָלק ישראל! דער הינעזער פערקרימט זיך.

— ביי באָרד און פאות.

די שבועה נעמט אָן דער הינעזער פאַר וויכטיג און — דער יוד איז שוין אין שטוב, דער זאַק זיינער איז שוין אָפען און דאָס פלי־בית מיטן ביסעל קליידער, וואָס די הויז לייט און דינערשאַפט האָבען איבערגעלאָזט זענען שוין פערשוואונדען אין זאַק.

— אַצונד זאָג! — שרייט דער הינעזער.

— נאָך נישט, ענטפערט דער יוד.

ער וויל נאָך די שלאָפמיץ, זי איז אַלט! ער וויל נאָך דעם מונדיר פון לייב, ער איז נאָך עלטער! ער איז מיט עטליכע דורות עלטער פאַר דער שלאָפמיץ.

נאָכ'ן אויסטהון דעם מונדיר, בעווייזט זיך ערשט, אַז די וועש פון לייב איז אויך אַלט־וואַרג! ער איז אַזוי לאַנג געשלאָפען אין די וועש נישט געטווישט!

און דער הינעזער גיט אַוועק די שלאָפמיץ, טהוט אויס דעם מונדיר, די וועש קריכט איהם אַליין אַראָב פון לייב.

— שוין? פרעגט ער נאַקעט און פערצווייפעלט.

— נאָך נישט, — ענטפערט קאַלטבלוטיג דער יוד.

— דער צאָפ דיינער איז אויך מיין! ער איז אַזוי אַלט ווי גאַנץ הינא!

דער הינעזער לאָזט זיך פערצווייפעלט אָבשניידען דעם צאָפ און דער דער פערשווינדט אויך אין יודישען זאַק —

— אַצונד וועל איך דיר געבען די אַדרעס, מאַכט דער יוד, נאָר געדענק, אַז איך בין דיר נאָר ערב, אַז דאָרט, וואו איך וועל דיר אָנווייזען, איז דאָ די סחורה, וואָס דו דאַרפסט! נאָר איך בין נישט מחויב צו ווייזען דיר דעם וועג צו דעם אָרט, און בין נישט ערב דערפאַר, אַז מען וועט דיר די סחורה געבען!

— גוט, נאָר אַהער די אַדרעס!

— אין גן־עדן, אין'ן עץ הדעת! — ענטפערט דער יוד און שפרינגט אין איין אײַלעניש אַרויס הינטער'ן פענסטער.

דער הינעזער איז געפאַלען חלשות.

דער וועג אין גן־עדן אַריין געפינט זיך אין אַלע הייליגע ספרים; די מלאכים, וואָס היטען דעם גן־עדן, וואָלטען זיך אפשר געלאָזט איבער־

קײפען, נאָר ווי קומט מען אין גן-עדן אַריין אָהן אַ צאַפּ?

. . . .

בכאן, ברידערלעך, לאַכט מען! איז אייך ווייניג, נעמט נאָך אַ טרינק בראָנפען... איז לער די פלאַש, שיקט אין מאָנאָפּאָל...

איב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען נאָך אַ מעשה, אפשר וועט זי בעסער געראָטען! ווייניגסטענס, וועט איהר געוואָהר הערען, וואָס עס ווערט פון אַלטוואַרג.

3.

און די מעשה האָט זיך מיר שוין אַליין געטראָפען... נישט אין הינא, נאָר אין וואַרשוי! געשטאַנען בין איך ביי דער ברודיגער ווייכסעל, וואו עס וואַקסען די בערגער מיסט, וואָס די קלוגע און פיין-געלערנטע שטאָדט וואַרפט פון זיך אַרויס, און וואו די אַלטע, אויסגעדיענטע ווייבער קלויבען אַלטוואַרג: שטיקלעך אייזען, קופער, נישט דורכגעבּרענטע קײהלען צווישען דעם אַרויסגעוואָרפענעם אַש פון פאַבריק, ווי אויך אַלערליי שמאַטעס.

עס איז אונטערגעגאַנגען די זון, און דער שוואַרץ-גראָהער ברעג, די קײטיג-געלע ווייכסעל מיט'ן ברוין-און-בלאָה-פערוויינטען הימעל האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אויף אַ וואונדערליך הלשות'דיגען פאָן, אויף וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעדרעהט איינגעבויגענע, ביינעריגע ווייבער—שדים און געגראָבען אין דעם מיסט מיט שטיקלעך אייזען; מאַנכע — מיט די בלויסע פינגער.

פאַר יעדען ווייבערישען שד איז געלעגען איין אָפענער זאַק, וואו דאָס אַלטוואַרג איז פערשוואונדען געוואָרען...

עס פאַלט-צו די נאַכט, איין שד נאָכ'ן צווייטען נעמט דעם זאַק אויף די אַקסעל און געהט אין דער בעלויכטענער שטאָדט אַריין. איינע נאָר בלייבט, איינע — די מיאוס'טע, די שרעקליכסטע...

עס שווימט אַרויס אַ פערהושכ'טע לבנה, עס צינדען זיך אָן צוויי שורות ליכט, וואָס קוקען מיט ציטערניש אין דער ווייכסעל אַריין — און זי שטעהט, און קלויבט, און קלויבט...

איך בעמערק ערשט, אַז זי קלויבט נישט ווי אַלע פריער; אַז נישט אַלץ, וואָס קומט איהר אין דער האַנד אַריין, לעגט זי אַריין אין

זאַק. זי קלייבט נישט קיין מעטאַל, קיין קיהלען, נאָר שטיקלעך שמאַ־טעס, שטיקלעך קאָליערטע שמאַטעס.

איך געה צו אין פרעג:

— אַלט־ווייב, וואָס טויגען דיר די קאָליערטע שמאַטעס?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו זעהן! — ענטפערט זי מיט אַ וואונדערליך האַרט קול, און אין די אַלטע, פערטיעפטע אויגען בע־ווייזט זיך ווי אַ בליץ פון צאָרן און הוזק צוזאַמען.

זי האָט געענדיגט; פערבינדט דעם זאַק און וואַרפט איהם אַרויף אויף די אַקסעל.

— וואו אַהין געהסט דו, אַלטע?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, — ענטפערט זי, — וועסט דו זעהן!

איך געה איהר נאָך...

נאָך וואָס? גאַנץ איינפאַך: ווייל איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט ערגיץ אַנדערש וואו צו געהן...

איך געה איהר נאָך, און פּלוצים ענדערט זיך אַלץ אַרום... אוים וואַרשוי, אוים ווייכסעל, — אַ זאַנגד, אַ זאַנד אָהן אַ קאָליער, אַ מדבר... און איבער דער מדבר — אַ ווייסטער הימעל, אָהן לבנה, אָהן שטערן, און פאַר מיר געהט מיט קליינע טריט דער אַלטער ווייבערישער שד, מיט'ן שוואַרצליכען זאַק אויף די אַקסעל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין קוילערדיגען זאַנד. ציטענווייז דאַכט זיך מיר דאָך, אַז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הינטען, אַז ער לאַכט שטיל, שטיל, פון צווישען די ברוינע־בלאָהע, פערברענטע ליפּען, פון אָפענעם מויל אָהן ציינער!

איך געה איהר נאָך, און געה, און פיהל מיך זעהר שלעכט; מיר דאַכט זיך, אַז איך געה נישט, נאָר זי שלעפט מיך! זי ציהט מיך, האָטש איך זעה נישט דעם שטריק...

פּלוצלונג ווערט מיר די אַלטע כשוף־מאַכערין פערשוואונדען, און דער ערד פערפאַלען... וואָס איז דאָס? איך מאַך עטליכע טריט ווייטער אין בעמערק ערשט אַ היהל, אין וועלכער זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. פאַר אין ברירה, ווייל אַליין בלייבען אין דער גראָה־ווייסטער נאַכט וויל איך נישט, שפּרינג איך איהר נאָך אין דער היהל אַריין. אין היהל איז פינסטער, און שרעקליך ליכט אין דער פינסטערניש דער אַלטערס גע־זיכט. עס לייכט געל, און אינ'ם געלען, ליכטיגען פלעק ציטערען אַרום

עטליכע העלערע שטראַהלען, און בײַ ווייער שײַן זעה איך, וואָס די אַל־טע טהוט: זי וואַשט די שמאַטעס, וואָס זי האָט צוזאַמענגעקליבען אויפ'ן מיסט, אין צוויי עמער — איך קוק מיך שטאַרקער צו און דערזעה, אַז איין עמער איז פול מיט אַ ווײַסער און דער צווייטער מיט אַ דורכזיכ־טיגער פליסיגקייט...

— נאָך וואָס וואַשסטו די שמאַטעס? — פרעג איך.

— וועסט הכה זיין, וועסטו זעהן! — ענטפערט די אַלטע.

— וואָס האָסטו אין דעם עמער? — פרעג איך, אָנווייזענדיג אויפ'ן עמער מיט דער דורכזיכטיגער פליסיגקייט.

— טרעהרען! — ענטפערט די אַלטע, — טרעהרען, פון דיינס גלייכען, מענשליכע טרעהרען!

און האַלב זינגענדיג גיט זי צו:

— טרעהרען געפאַלענע, טרעהרען געגאָסענע, טרעהרען פערשלונ־גענע, דערשטיקטע און דערוואָרגענע...

— אַלע טרעהרען?

— אָ, ניין! עס וואַלטען ימים געווען... דאָס זענען נאָר ריינע טרעהרען, נאָר ריינע טרעהרען... טרעהרען פון אָרימע לייט, טרעהרען איף גלות השכינה, טרעהרען אויף אַלעם, וואָס איז לעבעדיגערהייד פער־שטאַרט, פערגליווערט און שטומפיג געוואָרען...

— און אינ'ם צווייטען?

— בלוט... רויט, ריין מענשען־בלוט... מענשען־בלוט, פערגאָ־סען פאַר דער צייט, פערגאָסען אומזיסט... אַזאַ בלוט, וואָס די ערד וויל דערווייל נישט איינזאַפּען, ווייל זי קאָן נאָך דערפון נישט פרוכטבאַר ווערען!... ריין בלוט, הייליג בלוט, יונג בלוט...

— און אין דעם אַלעם וואַשסטו די...?

— די אַלטע שמאַטעס, ווי דו זעהסט!...

און ווייטער ענדערט זיך אַלץ אין מיינע אויגען... די שמאַטעס, געוואַשען אין טרעהרען און אין בלוט, ווערען וואָס אַ רגע ריינער, בלאַנ־קענדיגער, ליכטיגער... ליכטיגער אויך ווערט אין דער הייל... ליכטיגער און יונגער דער אַלטער'ס פנים... עס איז שוין נישט אַזוי שאַרף־ביינעריג ווי פריהער... דאָס רויטקייט אַרום די אויגען פערשווינדט, אַ לייטזעליגער שמייכעל בעווייזט זיך איהר אויפ'ן פנים און צושפרייט זיך פון אויער צו אויער, און די אויגען אַליין, די אַלטע אויגען, הייבען אָן לייכטען,

מיט אַ ווייך סאַמיטענעם בליק... און וואָס רייניגער עס ווערען די שמאַטעס, העלער ווערט אין דער הייל; ליכטיגער דאָס פּנים, ווייכער און שטראַהלענדיגער די אויגען! און יונגער ווערט זי אין גאַנצען, יונגער און שלאַנקער... פון קערפּער פאַלען אַראָב די אַלטע שמאַטעס.... עס בעווייזט זיך אַ וואונדערליך געטליכע שענהייט אָהן אין איינהיל —

— גאָט! שריי איך אויס, ווער ביזט דו?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו וויסען....

געענדיגט די וועש... די אַלטע שמאַטעס זענען אין גאַנצען ריין, זיי שיינען, בלאַנקען און לייכטען מיט טויזענדער קאָליערען... און די געוועזענע מכשפה איז יונג! יונג... גלייך זי געהט ערשט אַקעגען דעם יונגען, זאַפטיגען לעבען.... און די יונגע געטליכע שענהייט נעמט די קאָליערטע שטיקלעך און מאַכט פון זיי, מיט דער הילף פון קליינע העלצלעך, גאָר קונציגע, פיינע פעהנדלעך... צעהן, צוואַנציג, פערציג קליינע פעהנדלעך! און זי אַרבייט אַלץ ווייטער און ווייטער. — אָט האָט זי שוין גאַנצע בינד פעהנדלעך אין דער האַנד און געהט מיט זיי אַרויס פון דער הייל! איך געה איהר נאָך... און געהן געה איך שוין נישט ווי פריהער, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה, ווי געצויגען אויף אַ שטריק; אַצונד געה איך, ווי מען געהט אין אַ מדבר נאָך אַ ליכטיגער זייל; ווי מען געהט נאָך אַ גאָלדענעם שטערן, ווי מען געהט נאָך אַ גליקליכען מזל....

און ווייטער אַ נייע בילד:

— דער זאַנדיגער סטעפּ ווערט וואָס אַמאָל העלער, נאָר טונקעלע שאָטען וואַרפען און וויקלען זיך איבער'ן זאַנד אין אַלערליי וואונדערליכע, העסליכע געשטאַלטען!

איין אויסגעשטערנטער בלאָהער הימעל, נאָר אין דער הייך, אין דער מיט צווישען הימעל און ערד, ציטערן און וואַרפען זיך מיליאָרדען דינע, שנעענע בלעטלעך....

און די געטליכע שענהייט מיט די טויזענדער בינדטלעך פעהנדלעך אין האַנד, שטעהט און קוקט צום הימעל אַרויף...

— וואָס איז דאָרט אויבען, — פרעג איך, — צווישען הימעל און ערד?

— דאָס זענען, — ענטפערט זי, — נשמה'לעך!

— פאַר וואָס פליהען זיי נישט אין הימעל אַריין?

— ווייל גאָט שיקט זיי אַראָב אויף די ערד!

—פאַר וואָס דען פאַלען זיי נישט אַראָב?

—ווייל זיי ווילען נישט פאַלען... עס שרעקען זיי די שאָטען, וואָס קאָלערן און וואַלגערן זיך אויפ'ן זאַנד, און וואַרטען אויף זיי...

— נאָך וואָס?

— זיך מיט זיי צו פעראייניגען!... אַ נשמה, מוזט דו וויסען, איז אַ ריינער שטראַהל פון הימעל. און ערשט פון אַ שטראַהל מיט אַ שאָטען צוזאַמען, ווערט אַ מענש....

— און זיי ווילען נישט אַראָב?

— זיי מוזען!

אין אידרע אויגען בעווייזט זיך אַ שטאָהלערנער בליק....

און אַזוי רעדענדיג, וואַרפט זי אין דער הייך אַרויף אַ פעהנדעל... דאָס פעהנדעל פליהט אַרויף און איינע, אַ נשמה'לע, האַפט עס אונטער און שיעסט דערמיט אַראָב צו דער ערד.... זי וואַרפט אַ צווייט, אַ דריט פעהנדעל און יעדעס ווערט אויפגעהאַפט! און וואָס מעהר פעהנדלעך עס פליהען אַרויף, מעהר נשמות האַפען זיי אויף און שיעסען אַראָב צו דער ערד.

און אַרום יעדע נשמה מיט אַ פעהנדעל, פליהען צוזאַמען און שיעסען אַראָב צעהנדליגע און הונדערטע קלענערע נשמה'לעך... און יעדעס נשמה'לע, וואָס קומט אַראָב, ציהט אין זיך אַריין אַ שאָטען!

און עס ווערט וואָס אַמאָל ווייניגער שנעע־בלעטלעך אין דער הייך און וואָס אַמאָל ווייניגער שאָטען אויף דער ערד... די נשמות מיט די פעהנדלעך און די נשמה'לעך, וואָס פליהען אַרום זיי, שלינגען איין יעדערע אַ שאָטען פון דער ערד און צופליהען זיך אויף אַלע זייטען פון דער וועלט אַלס פּאַרטייען...

און זי בלייבט מיט לערע הענד אונטער אַריין אויסגעשטערנטען הימעל, אויפ'ן געל־זאַנדיגען סטעפּ. אַ פיין דינער שמייכעל לעגט זיך איהר איבער די פיין דינע ליפּען, און פערשפּרייט זיך סעקונדען־ווייז איבער'ן גאַנצען געזיכט; אין די אויגען בעווייזט זיך אַ בייזער בליק.

—ווער זשע ביזט דו? פרעג איך דערשראָקען.

—דאָס לעבען! ענטפערט זי

— וואָס איז דיין טהון?

— איך טרייב מיין טעגליך פּורים־שפּיעל... ענטפערט זי האַרט און פערשווינדט אין דער לופט.

„צו׳ם ווידערזעהן, פאַרנאַכט אויפ׳ן מיסט״!... שיקט זי מיר צו פון דער הייך!

. . . .

אַזוי, אַזוי, ליעבע פורים-לייט.... דאָס לעבען פיהרט אויך אַ פורים־שפיעל.

דאָס לעבען איז איין אַלטע וועשין; זי וואַשט טאָג־טעגליך איבער דאָס אַלט־וואַרג... דערפון מאַכען זיך נייע פעהנדלעך, נייע פּאַרטייען... איין נשמה האַפט, ווי אויבען איז געשטאַנען, אַ פעהנדעל, אַ שטיקעל שמאַטע, אויסגעוואַשען אין טרעהרען און בלוט, שלינגט איין אַ שאַטען, און ווערט אַ מענש, אַ רעדעל־פיהרער! אַנדערע חייטער שלינגען איין נאָר שאַטען; בלויז שאַטען און ווערען פאַרטיי־לייט! און דאָס פורים־שפיעל דויערט אייביג, אייביג...

„עס איזט איינע אַלטע געשיכטע, און בלייבט דאָך אימער ניי״....

מיינט נאָר נישט, אַז שמאַטעס אַליין זענען אַלט־וואַרג, עס איז פאַראַן אַלט־וואַרג פון שטיינער, אייביג אַלט־וואַרג, נישט איבערצוּוואַשען... עס העלפען קיין טרעהרען, קיין בלוט....

הערט נאָך אַ מעשה! שוין די לעצטע!

אַמאָל איז געווען אַ שטעדטעל, אַ וואונדערליך שטעדטעל, איין אָפּענעס, אָהן מויערען, אָהן טויערען...

אַ ביסעל קליינע ווייסע הייזלעך, צוואָרפען אויף אַ גרינער לאָנקע, וואָס האָט זיך געבאָדען אין גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון און אַרויסגעגעבען דאָס פיינסטע, גרינסטע גראָז מיט די שענסטע, האָטש נישט געקינסטעלטע, בלומען...

יעדען פאַרנאַכט פלעגט דאָס יונגוואַרג נאָך דער אַרבייט אַרויסגעהן אויף דער לאָנקע, אויפ׳ן גרין פערבלימטען מאַרק, צווישען די הייזלעך, און דינגען, און טאַנצען, און פריי, און פרעהליך, און לוסטיג זיין.

די אַלטע פלעגען זיך זעצען אויף די גראָז־בענק פאַר די הייזלעך און צוזעהן, ווי דאָס יונגוואַרג לעבט, און אין זכרון נאָך אַמאָל איבערלעבען

די צייט.

די יונגע ..

אַ... זיך געפּידרט אַ צייט..

וויפיעל יאָהר, צי וויפיעל הונדערטער יאָהר, ווייס מען נישט; ווייל עס איז אַ פערוואָרפען ווינקעל געוועזען; אַ ווינקעל אָהן אַ געשיכטע. מען האָט נאָר געאַרבייט און געפרעהט זיך; געאַרבייט און דערנאָך געזונגען און געטאַנצט, און עס איז גאָר נישט געוועזען וואָס צו פערשרייבען! עס איז אין גאַנצען שטעדטעל קיין קאַלענדאַר נישט געוועזען, און איך ווייס נישט, צי עמיץ האָט גאָר אַ זייגער געהאַט...

איינמאָל האָט זיך געטראָפען און אין דעם שטעדטעל איז געבוירען געוואָרען אַ גאון, אָדער ווי מען זאָגט אויף לשון קדש: אַ גאון! אַ מענש, וואָס האָט געהאַט מעהר פון אַלע אַ לויט הארץ און אַ קווינט מוח! און, אַז ער איז אויפגעוואַקסען, האָט ער איבערגעמאַכט דאָס גאַנצע לעבען אין שטעדטעל — ער האָט געזעהן, אַז מען גראָבט קאַרטאָפעל מיט דער האַנד, האָט ער ערפונדען אַ גראָב-אַייזען.... צום הילצערנעם אַלטען פלוג האָט ער צוגעמאַכט איין אַייזערן שנייד-מעסער... עס איז שווער געוועזען אויס-צולערנען די קינדער אלף-בית, האָט ער ערפונדען אַ נייע מעטאָדע אפילו צום טראַף! ער האָט אויך ערפונדען אַלערליי ניי עסענוואַרג; נייע זופען צו די אַלטע מאכלים, און רעפאָרמירט אפילו די טענץ.... צו דער פּאָעזיע האָט ער צוגעגעבען ריימען, צו דער מוזיק — דעם רעפרען... מיט איין וואָרט — ער האָט אַלץ פערבעסערט. פערפיינערט; דאָס לעבען שע-נער און לייכטער געמאַכט! נישט אומזיסט איז ער דאָך אַ גאון געוועזען....

און אַז דער גאון איז גלייך מיט אַלע מענשען מיט דער צייט געשטאָרבען, האָט איהם דאָס דאַנקבאַרע שטעדטעל געוואָלט אַ דענקמאָל — אַ גרויסע מצבה — אַ מאָנומענט, הייסט עס — שטעלען; אַ מאָנומענט אין מיטען גאַס, אַיין אייביג גדעכעניש... זאָלען אייביגע דורות וויסען, אַז דאָ איז אַמאָל אַ גאון געוועזען; זאָלען טראָגעדיגע ווייבער פערקוקען זיך אויפ'ן מאָנומענט און זאָגען שילער און קינדער: זעהט, גאונים זאָלט איהר זיין! וועט מען אַייך אויך מאָנומענטען שטעלען! און הויך זאָל זיין דער מאָנומענט... זאָל די וועלט אַרום און אַרום זעהן, און נאָכפרעגען זיך, און וויסען...

און מען האָט געשטעלט...

מען האָט אויף אַ צייט מבטל געוועזען דאָס טאַנצען און זינגען יעדען

פּאַרנאַכט, און, נאָך דער אַרבייט, האָט מען זיך גענומען צום מאָנומענט...

און עס איז מיט דער צייט געוואָרען אַ מאָנומענט, וואָס האָט מיט׳ן קאָפּ געררדט שטאָלץ מיט די שטערן פון הימעל, און האָט אויף דער ערד פערנומען אַ גרויס שטיק פּלאַץ אויף אַ פּיעדעסטאַל...

און אַז מען האָט דעם מאָנומענט געענדיגט און געוואָלט צוריק איינפיהרען דעם מנהג פון זינגען און טאַנצען פּאַרנאַכט, האָט מען דעמאָלט ערשט בעמערקט, אַז מען קאָן שוין ניט פריי זיך אַרומיאָגען אויף אַלע זייטען, אַז מען קאָן נאָר טאַנצען אַראָד אַרום מאָנומענט!

די אַלטע האָבען פון זייער זייט בעמערקט, אַז דער מאָנומענט פערשטעלט זיי די זון; אַז ניט אויף אַלע גראָז-בענק קאָן מען שוין זיצען; אַז פון מאָנומענט לעגט זיך אַ שאָטען איבער די שטאָדט... אַז אונטער׳ן מאָמומענט איז קאַלט פאַר די אַלטע ביינער...

דאָך האָבען אַלע מיט׳ן מאָנומענט שטאָלציערט; מיט׳ן מאָנומענט אַליין בכלל און מיט דער לאַנגיעהריגער אַרבייט, וואָס מען האָט אין איהם פערשטיינערט, בפרט! און אויבוואויל עס האָבען זיך, דורך פערקוי־קעניש פון טראָגענדיגע ווייבער, ווי פון מוסר זאָגען פון עלטערן און לעהרער, קיין גאונים נישט געמעהרט, האָבען זיך דאָך געמעהרט די מאָ־נומענטען....

נישט מיט אמאָל, נאָר ביסלעכווייז; שוין נישט אַזוינע גרויסע— קלענערע, קליינע און גאָר קליינע, ביז צו איינפאַכע מצבות, נאָר אַלץ אין מיטען מאַרק!...

עס איז מיט דער צייט אַ מאָנומענטען-קרענק געוואָרען — איין אונ־טערגאַנג...

האָט עמיץ ערפונדען אַ נייע אַרט קאַרטאָפעל-שיילען, האָט עמיץ ערפונדען אַ נייע רעטעניש, ווער שמועסט, אַז עמיץ האָט עמיצען אַ גרעסערע טובה געטהון, אַ היבשע נדבה געגעבען, אָדער איין אַלט בעט פון פייער אַרויסגעשלעפּט, מיט אַ שטעקען אַ שלאַנג געטייט, האָט מען איהם שוין אַ מאָנומענט געשטעלט...

רייכע לייט האָבען פאַר׳ן טוידט אָבגעשיידט אַ טייל פון דער ירושה פאַר זיך אויף אַ מאָנומענט; די, וואָס האָבען קיין גרויסען צוטרויען צו די יורשים נישט געהאַט, האָבען זיך אַליין לעבעדיגערהייד מאָנומענטען גע־שטעלט... מיטלערע לייט האָבען אויף מאָנומענטען די הייזער פערקויפט, דאָס בעטגעוואַנד פערזעצט... פאַר אָרימע קרובים האָט מען נדבות געמאַכט,

מצבות צו שטעלען.... עס איז געקומען דערצו, אַז אַלע האָבען געמוזט האָבען מאָנומענטען, און פאַר גאָר געמיינע לייט, וואָס האָבען אפילו קיין רייכע קרובים נישט געהאַט, האָט קהל געגעבען אַ מאָנומענטיל...

אוים גראָז, אוים בלומען, אוים געזאַנג און טענץ — דורכאוים מאָנומענטען, סאַמע מצבות...

און די מענשען האָבען מעהר פון טוידט און מאָנומענטען געטראַכט ווי פון לעבען... לעבעדיגערהייד האָט זיך יעדערער שוין פאָרגעשטעלט אַלס טויטער, און בעמיהט זיך אויסצוזעהן שטייף און פעסט ביי'ם לעבען ווי דער מאָנומענט נאָך זיין טויט!

און אין די שטייפע, מאָנומענטען-עהנליכע קערפּער, זענען שטייף און פערשטיינערט געוואָרען די נשמות...

נישט פלאַץ צו'ם טאַנצען און זינגען האָט שוין געפעהלט; דער חשק דערצו איז שוין אויסגעטריקענט געוואָרען... געלעבט האָט מען נאָר אויף נאָכ'ן טוידט!...געהאָפט האָט מען נאָר אויף מאָנומענטען!...

און עס איז געקומען אַ צייט, ווען די גאַנצע שטאָדט איז פול געוואָרען מיט שטיינערנע מאָנומענטען, ווי אויך מיט מאָנומענטען פון פליש און בלוט, וואָס האָבען גאָר קינסטליך געמאַכט די שטיינערנע, אַז עס איז צווישען זיי נישט געווען צו דערקענען!

און מיט דער צייט האָבען די גרויסאַרטיגע שטיינערנע מצבות ווי געלעבט, און לעבעדיגע מענשען זענען געוואָרען פערשטיינערט ווי טויטע מצבות....

שטאַרק איז דאָך די לוסט צו'ם לעבען אפילו אין האַרץ פון פערשטיינערטע מענשען! עס וועקט זיך אַלע מאָל שטאַרקער דאָס בענגשאַפט צו'ם פרייען לעבען! צו'ם פרייען זינג-און טאַנץ-לעבען!

פערבאָרגענערהייד האָבען אַלע געגלוסט און געבענקט נאָך דער אַלטער צייט, ווען דער פערבלומטער מאַרק האָט זיך געבאָדען אין דער ליכטיגער זון, ווען דאָס יונג-וואַרג האָט געזונגען און געטאַנצט אין מיטען מאַרק, און ווען דאָס אַלטוואַרג איז געזעסען אַרום, אויף די גראָז-בענק, און צוזעהענדיג, נאָך אַמאָל דורכגעלעבט אַ לעבען...

און מען האָט שטילערהייד אַזוי לאַנג געבענקט, ביז מען האָט אַ שטיקעל עצה געפונען!

מען האָט צונויפגעקליבען אַלע פונקען פון לעבען און פרייד, וואָס האָבען זיך געוועקט איבער אַ גאַנץ יאָהר, און צוזאַמענגעלעגט אויף איין

טאָג! דעם טאָג האָבען די לעבענדיגע מאָנומענטען אַראָבגעוואָרפען פון זיך די שטייפקייט, די פערגליווערטקייט, און געפּרובט לעבען, ליעבען, זינגען און טאַנצען...

דאָס איז געוועזען— פּורים! אַלע ימים טובים זענען בטל געוואָרען, פּורים— נישט!

נישט אַלע דאָך איז געראָטען!

מאַנכע האָבען, ביים בעסטען ווילען, געטהון עס אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי אומנאַטירליך, אַז, קוקענדיג אויף זיי, האָבען אַנדערע געפּלאַצט פאַר געלעכטער, און אַ פרעהליכען פּורים געהאַט...

איהר ווילט לאַכען, ברידער? קוקט אין שפּיגעל אַריין; זעהט ווי איהר זעהט אויס, ווי אַייער פּורים זעהט אויס און— פּלאַצט פאַר געלעכטער!

דער שפּיעלער.

(אַ פּורים'דיגע מעשה, נאָכגעערצעהלט אייזיק מאיר דיק.)

אַמאָל זענען די דורות נישט אַזוי אָבגעריסען, נישט אַזוי פערי־יתומ'ט געווען. אַ דור איז געווען אַ רינגעלע אין דער קייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט אָדם וחוה און וועט זיך ענדיגען אין אלף הששי... און האָט, ווען עס איז, איבער וואָס עס איז, אַ רינגעלע אַ צאַפּעל געטהון, האָט אָנגעהויבען ציטערן די גאַנצע קייט, האָבען זיך אַלע רינגען געוועקט: די אָבות, די מאַמע רחל און אַנדערע...

אויסער דעם שטענדיג אָפענעם הימעל, וואָס מען האָט, אויב מען האָט איהם נאָר מיט אַ קוטערנעם דרייער נישט פערשטעלט, מיט'ן בלויזען אויג געזעהן,— אויסער אליהו הנביא, וואָס פלעגט זיין אַ היימישער מענש, אַ בן־בית ביי'ן אַ יוד: צווישען די אושפּיזין אין סוכה, צו „שפוך חמתך" ביי'ם סדר, אויף דער פאָטער־שטוהל צו „וכרות", און אויף אַלע ירידים, און יעדעס מאָל, ווען דער הלף האָט זיך געלעגט אויפ'ן האַלז... און אויסער גוטע מלאָכים,— האָט מען אייביג טאַטע־מאַמע געהאַט. לעבען זיי— ווער שמועסט פון אַ כבוד, און, חס ושלום, נישט— האָט מען אַ מצבה, אָנצושפּאַרען און אָבצוקיהלען אַ ברענענדיגען קאָפּ, אַ קבר— צום אויסוויינען דאָס פערביטערטע האַרץ, און אַ שוכן־עפר, וואָס הערט, וואָס זעהט און שווייגט נישט, נאָר מיהט זיך פאַר אייך...

און נישט שטענדיג דאַרף מען זיי בעטען: נאַכט אויף נאַכט קומען די טויטע אין דער לעבעדיגער שטאָדט אַריין. אין שוהל אַריין געהען זיי, דאַווענען, ליינען, אָברעכטען חצות... געהט אַ בר מנן אַ היימישען לאָדען

מאַריב, הערט ער אַ קרעכץ פון אַ שווער האַרץ אַרויס, אַ זיפץ פון אַ צובראָכען געמיט, פערשטעהט ער איהם: לעבעדיגע און טויטע רעדען איין שפראַך, דאַוונען פון דעם זעלבען סידור אַרויס... מאַכט זיך דער בר מנן אַ קניפּעל אין די תכריכים, און, אַז ער קומט צוריק אין זיין רוה אַריין, דערמאַנט ער זיך, און מיהט זיך, און טהוט וואָס ער קען, וואָס מעגליך איז. און וואָס איז אין יענע געבענשטע צייטען נישט מעגליך געווען... גאָר נישט, אפילו זיך אויסלערנען אַ פרעהליכען „שושנת־יעקב״— ביי'ן אַ בר מנן!

איך וויל אָבער נישט האַפּען די פיש פאַר דער נעץ. דאָס געהער שוין צו דער זאַך— צו דער מעשה פון רב אברהמיל שפּיעלער, אַ מליץ יושר זאָל ער זיין פאַר מיר און פאַר אַלע, וואָס פערצעהלען פורים'דיגע מעשהלעך, אויב גאָר נישט אויסגעטראַכטע...

און געוועזען איז רב אברהמיל אַ שפּיעלער, נישט קיין קלעזמער. ער איז געקומען צו דער מדרגה, צו וועלכער, אַלע, פיליכט, בענקען, אָבער זעלטען, ווער עס זאָל דערגרייכען: ער האָט פון פידעלע קיין פרנסה נישט געצויגען, דערפון נישט געלעבט...

אַז מען האָט נישט קיין גרויסע אויגען, קיין בייזען האַלז און קיין אויפגעריסען מויל,— אַז „אבי־וואָס״ איז אַ מאכל, קאַלט וואַסער— אַ משקה, שינעט און קיטיי— אַ מלבוש,— האָט אַ ביילע־באַשע אַ קלייטעל, איז מען יוצא פאַר עולם הזה, שפּיעלט מען לשם מצוה, לשם שמים; איז מען אַ שפּיעלער פאַר זיין ליעבען נאָמען— פאַר גאָט, און אַזוינער איז רב אברהמיל געווען...

מוצאי־שבת שפּיעלט זיך רב אברהמיל זיינע זמירות... זיצט ביילע־באַשע, זיין שפּייזערין, און שעפּט זיך אָן מיט נחת, מיט חיות אויף אַ גאַנצע וואָך... שטעהט איין עולם אין גאַס און הערט אונטער, און די נשמות זאַפּען זיך מיט זמירות אָן. אָפּט־מאָל ווערט דער נגון אונטער־געהאַפּט: אַ גאַס איז פּלוצלינג געהויבען געוואָרען, אַ שטעדטעל זינגט אַ זמר...

און אַ גאַנצע וואָך— ביילע באַשע זיצט אין קלייט, דאָס שטעדטעל איז פעריאָגט,— און אין שטיבעל פון ד' על ד', ביי אַ קליין טישעל, פאַר'ן קליינעם פענסטערל, זיצט זיך איינער אַליין רב אברהמיל; מיט'ן האַרץ צום הימעל, מיט'ן אויג צו דוד המלך'ס תהלים'ל: שירות ותשבחות זינגען די לעפצען און ציטערן פאַר תענוג, און די אויסגעשטרעקטע האַנד

קלויבט איבער די סטרונעס פון פידעלע, וואָס ליגט פאַר איהם אויפ'ן טיש...
קלינגען די סטרונעס פאַר די ווערטער קליינע, ווייסע פליגעלעך אויס; בליהען זיי הויך, הויך. און רב אברהמ'ל גלעט זיך מיט דער האַנד די שניי-ווייסע באָרד; זיין איינציגער תענוג...

עפענט זיך נישט דרייסט דאָס קליינע טהירעל, בייגען חתן כלה איין די קעפ, זיי זאָלען זיך נישט אָנשלאָגען, און קומען אַריין, און שטעלען זיך אָב פאַר רב אברהמלען גערייטעלט און פערשעמט, און רב אברהמ'ל שמייכעלט, ער ווייסט שוין, וואָס מען מיינט: שוין יאָהרען פערקנסט, אנגעזאַמעלט קוים אויף אַ טלית, די חופה איז גרייט, נאָר אויף קלעזמער האָט פערפעהלט... שפּיעלט שוין רב אברהמ'ל אויף איין אָרימער התונה; האָט ער, נאָך איידער ער קויפט אַ נייעם לוח,— אַ סנדקאות, צו דער צייט— אַ פדיון הבן, ער איז אַ כהן אויך— איין מצוה לויפט נאָך דער צווייטער. נישט אין דעם אָבער געהט עס.

דער עיקר איז ביי רב אברהמ'לען פורים...

אַ פורים-שפּיעלער איז ער— פאַר אָרימע לייט...

פערהאַן הייזער, וואו די שעֶנע יודען מיט די רויטע פאַטשיילעס שמעקען נישט אַריין, וואו עס בעווייזט זיך קיין קלעזמער, און קיין פורים-שפּיעלער טרעט נישט איבער דער שוועל... וואו די חלה איז אָהן זאַפרען, די סעודה אָהן פרייד, און אָפטמאָל אָהן חלה...

עפענט זיך די טהיר, קומען אַריין רחמנות'דיגע מענשען „תומכי עניים”, ברענגען זיי צו עסען און צו טרינקען, בענשען די אָרימע לייט די ליעבע מענשען פאַר די צדקה, און אויך אַלע ליעבע געסט פון פורים-באַל, וואָס געבען די מעגליכקייט, צו טהון די צדקה, און לויבען זיין ליעבען נאָמען, וואָס האָט גוטע מענשען בעשאַפען און זעצען זיך עסען און טרינקען... און דאָך— איבער די אָרימע איינגעפאַלענע באַקען רינען פליעסען טרערען, געזאַלצענע, ביטערע... נישט זיס איז קצבה-ברויט, נישט געשמאַק איהר געטראַנק... און ווי לאַנג איז, אַז זיי זענען די געבער און אַנדערע די נעמער געווען? און עס הייבט אָן די טרער צושטעכען אין אויג, די ביטערקייט— זיך צו זאַמלען אין האַרץ, און אַ יודענע פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט'ן פאַרטוך; אַ יוד וואַרפט דורכ'ן פענסטער צו'ם הימעל אַרויף אַ טענה.... און ווער יונגער איז האַפּט און ציהט צוזאַמען די האַנד אויף אַ פּויסט. קומט אָבער אַריין ר' אברהמ'יל מיט'ן פידעלע. די ליכטלעך ווערען מיט אַמאָל ליכטיגער, אויגען לייכטערן זיך, אויף די פנימ'ער בעווייזט זיך אַ

שמייכלדיג, פערשעמט, פערחידושט, נאָך פערטערעדהרט, רב אברהמ'יל אָבער שפּיעלט שוין „שושנת יעקב" — גיסט זיך אַ קלינגענדיגער בוימעל אין הארץ אריין — אָרימקייט איז קיין שאַנד, איין ברודער ביי'ם צווייטען געמט, דרעהען דרעהט זיך דאָס רעדעל... און אַרוים געהט אברהמ'יל מיט פינקעלדיגע אויגען בעגלייט, און קינדערלעך, מיט קרומע פיסעלעך, ווי די רעגענבויגען, און צאַפּעלדיג־פלאַמענדיגע אייגעלעך, ווי פלעמלעך כשר'ע, לויפען איהם איבער די גאַסען נאָך, פון מהיר צו מהיר, פון שטוב צו שטוב... און ערשט שפעט, גאָר שפעט — אָרימע לייט, קיין עין־הרע, מעהרען זיך, — אָנגעלאָדען מיט ברכות, מיט אַ האַרץ איבער־געפילט מיט גוטער, שטילער פרייד פון געטהוענע מצות — טרעט נאָך רב אברהמ'יל אָב ביים רב מיט דער רבי'צין, אָהן וועלכע אַ מעשה איז גאָר קיין רעכטע מעשה ניט...

און איבער דער צייט זיצט ביילע־באַשע געדולדיג און וואַרט. דאָס האַרץ זאָגט איהר, און אברהמ'יל לייקענט נישט, אַז זי האָט אַ חלק, אַ גרויס חלק אין דער מצוה; אָבער אַ קליין ביסעלע בענקען איז קיין עולה נישט...

און ביי'ם קליינעם טישעלע, פאַרן קליינעם פענסטערעל זיצט די פערבענקטע אַלטישקע און שמייכעלט... קוקט מיט די אַלטע, מאָדנע לאַכענדיג־וויינענדיגע אייגעלעך אין דער טונקעלער גאַס אַריין, און פון אונטער'ן שטערנטיכעל קריכען די אויערלעך אַרוים און הערען זיך איין... צי איז עס נישט ער דאָרט מיט'ן פידעלע? נישט פון זיין שושנת יעקב דער צוגעשווימענער קלאַנג?... און די ליפּעלעך ריהרען זיך קוים־קוים אין שטילען געבעט: זאָל ער זוכה זיין מיט'ן פידעלע אַקעגען צו געהן משיח'ן, שפּיעלען איהם אַ מאַרש....

דעמאָלט האָט מען אָן משיח'ן געגלייבט, אויף משיח'ן, האָטש ער זוימט זיך, יעדען טאָג געוואַרט.

— אָבער פאַרוואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג? פרעגען די אַלטע ליפּען; דאָס מאָל — נישט אויף משיח'ן: די האַלאָבצעס זענען קאַלט, די ליכטלעך— דייכערן זיך, צאַנקען, געהען אויס און אברהמ'יל איז נישט דאָ.

ביילע־באַשע לויפט אין מאַרק אַריין. אַ שווייגענדיגע נאַכט. דורך די פערהאַמערטע לעדען רייסט זיך נישט אַרויס קיין קלאַנג, קיין שטראַהל. דאָס שטעדטעל שלאָפט.

דער הימעל איבער איהם וואַכט, מיט טויזענדער, טויזענדער אויגען, אַזוינע ריינע, אַזוינע קלאָרע, — אָבער וואו איז אברהמ'יל?

— פאַרוואָס פערשפעטיגען זיך די טריט פון אברהמ׳לען?

אַזוי פרעגט אויך דער אַלטער רב, מיט׳ן צושראָקענעם ציגען־בערדעל, און זיין שרעקיג קול וועקט די רבי׳צין פון דרימעל און דאָס קליינע קעפעל, וואָס האָט זיך אין דער לופט, ווי איין אומריה געוויגט, שטעלט זיך אָב. וואו קאָן ער זיין? דער דנאָ פון פלעשעל משקה איז אַרויסגעשוואומען, האַלבער נאַכט קלינגט דער הייזעריגער אַלטער זייגער אוים און אברהמ׳לין זעהט מען נישט... האַפּט אויף זיך די קוטשמע דער רב, די רבי׳צין — די טערקישע שאַל, לאַמטערן גרויסע — די קוים ערוועקטע שמשים, לויפט מען אין גאַס אַריין, טרעפט מען ביילע באַשען, רעדט מען נישט אַ וואָרט און מען לויפט ווייטער, אין פענסטער און טהירען קלאַפּט מען, נישט דאָ ביי אייך רב אברהמ׳יל? קומען קינד און קייט פון די שטובען אַרויס און מען זוכט אברהמ׳לין...

— — — — — — — —

און אברהמ׳לען האָט, ווירקליך, אַ סבה געטראָפ׳ן. ווען נישט „שליחי מצות...״ גאָט ווייסט, צי איך וואָלט אייך היינט די מעשה פערצעהלט; עס וואָלט אַ צו טרויעריגע געשיכטע געווען, און טרויעריגע זאַכען האָט איהר נישט ליעב...

אַהיים, צו זיין ביילע־באַשען, געהט רב אברהמ׳יל. אַביסעל טאַנצען די פיסלעך אונטער, דאָס אַלטע, גראָהע קעפעל וויעגט זיך: פורים, און ער וועט נישט אָבזאָגען קיין אָרימאַן, וואָס הייבט אויף צו איהם דעם כוס... ער האָט זיך שוין צו ביילע־באַשען געזעגנט, עס פערדריעסט איהם, וואָס ער קאָן נישט משנה מנהג זיין און מוז, פאַרבייגעהענדיג, אויף אַ ווײלע אָבטרעטען ביי׳ם רב. וויל ער זיך פערקירצען דעם וועג, געהט ער דעם פאָליש, פאַר דער שוהל, אַהורך, ווי געזאָגט, — שליחי מצוה. קומט ער אין פאָליש אַריין דערהערט ער קולות פון שוהל: געלעכטער, געזאַנג, אַ שאָרען מיט טאַנצענדיגע פיס. נבהל ווערט ער ונשתומם. נישט אַנדערש, טראַכט ער, נייערט וואוילע יונגען האָבען זיך אין שוהל אַריין פערהאַפּט, האַפּט איהם אָן דער הלול הקודש ביי׳ם האַרץ, צינדט זיך אָן אין איהם דער צאָרן. און אַ כהן איז ער, אברהמ׳יל, גיט ער זיך אַ שפּאַר אַריין אין טהיר, דער אַלטער שלאָס גיט אַביסעל נאָך, אברהמ׳יל שפּאַרט זיך מיט אַלע קרעפטען אין שפּאַרע אַריין און בלייבט — פערשטאַרט פאַר שרעק: בתים זענען עס געווען!

און אַ געמורמעל ווערט אין שוהל: רב אברהמ׳יל, רב אברהמ׳יל!

און אַלע אויגען ווענדען זיך, טייל — צו אברהמ'לין, אַנדערע — צו'ן אַ הויכען, הויכען יוד, מיט אַ גראָהער, שניי־ווייסער באָרד. און די אויגען, אויף אברהמ'לין פערקוקט, קוקען לייטזעליג און ליעב, און די אַנדערע, צו'ם הויכען, הויכען יוד געווענדט, וואַרטען אָב זיין וואָרט, הענגענדיג אויף זיינע בלאַהע ליפען.... נישט לאַנג האָבען זיי געוואַרט. מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך צו אברהמ'לען צו, און שטיל ווערט אין שוהל, אַז מען הערט, ווי די מצה־שמורה ציטערט, פון אַ ווינטעל, דורך איין אויסגעשלאָגענע שויב געוועיגט.... און אין דער שטילקייט דערהערט זיך דעם הויכען־הויכען יוד'ס קול, ווי ער צושפרייט מיט דער לאַנגער רעכטער האַנד די שניי־ווייסע באָרד, און זאָגט צו איהם: פאָרכט דיך נישט, אברהמ'יל! מיר וועלען דיר קיין בייז נישט טהון; מיר האָבען זיך דאָ, ווי אַלע יאָהר, געפרעהט, אַ זמר געזונגען, אַ טענצעל געהאַפט; עס איז דאָך פורים — אַ יום־טוב, וואָס וועט נישט בטל ווערען!

שטעהט אברהמ'יל אין שפּאַרע אַריינגעדריקט, און קוקט מיט גרויסע אויגען און טראַכט: מאָרגען וועט מיר קיינער נישט גלויבען, אַז איך בין דאָ געוועזען, דאָס געהערט און דאָס געזעהן. ציטערן די ליפען און גיבען קיין קול נישט אַרויס. לעזט איהם דער הויכער־הויכער בר מנן זיין מיין פון פנים אַראָב, ווינקט ער צו'ן אַ מאָגערן, און דעריבער — נאָך העכערן יוד, קומט ער, שטילשווייגענדיג, צו.

— מיר ווילען דיר — זאָגט דער רב — פאַר די לעבעדיגע אַ וואָרט־צייכען געבען, ווילען זיי דיר גלייבען. אָט דער יוד איז דער ערשטער קהל'ישער חזן פון שטעדטעל; איך וועל איהם בעטען, וועט ער דיך אַ נייעם „שושנת יעקב" לערנען.

דער מאָגער־הויכער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ".

— נייערט, — גיט צו דער ערשטער רב פון שטעדטעל, — נישט מיט'ן קול וועט ער דיך לערנען. ער האָט זיך, לא עליכם, ביים לעצטען נעילה־קדיש פערקיהלט, און מיט אַ שטומער ודוי אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. מיט'ן פינגער וועט ער דיך לערנען...

טהוט דער ערשטער חזן דעם ווילען פון ערשטען רב, שוועבט זיין פינגער אין אַיער און שוועבט. דאָ טאַנצט ער מיט אַ ברען, דאָ ווערט ער פערציטערט, און פאַר גרויס דבקות — ווי פערשטאַרט; דאָ רייסט ער זיך אין די עולמות העליונים אַריין, מיט טענות פון איוב, מיט צער און צאָרן, און אָט צאַפּעלט ער, וואַרטענדיג אויף אַ תשובה פון דער הייך ווע־

גען טויט און לעבען...

אזוינס האָט נאָך רב אַברהמ'יל נישט געהערט. ציהט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה צום זינגענדיגען פינגער; זאַפט ער מיט ביידע אויערן דעם נגון, וויל ער איפּין פיעדעלע פרובען נאָכשפּילען, האָטש אַ טאָן האַפּען, קאָן ער נישט, אין שפּאַרע פערשפּאַרט, אויסשטרעקען די האַנד... אין דעם חזן'ס פינגער שוועבט אַלץ און שוועבט, און נגינה גיסט זיך פון איהם און גיסט...

און אין דערפריה, אַז דער שמש איז געקומען עפענען די שוהל, און האָט איהם פון שפּאַרע בעפרייט, איז רב אַברהמ'יל אָפּגעשפּרונגען אין מיט פּאָליש אַריין, און, נישט ענטפערנדיג דעם צישראָקענעם שמש אַ וואָרט, — מיט פערציטערטע הענד צוגעדריקט דאָס פיעדעלע אין דער נאָך ווייסער איבער נאַכט געוואָרענער באָרד אַריין, און האָט אָנגעהויבען שפּיעלען! דערהערט ביילע־באַשע, דערהערען רב, רביצין און די אַלע, וואָס האָבען איהם אין אַלע הייזער געזוכט, און לויפען זיך צוזאַמען; קומען ותיקין דאַוונען און שטעלען זיך אָב, און רב אַברהמ'יל שפּיעלט אַלץ און שפּיעלט...

VIII.

פסח׃

אינהאלט.

זייטע

עם געהט צו פסח (אויפזאַץ) . . . 191
מעשׂיות (הומאָרעסקע) . . . 192
א שמועס (חסידיש) . . . 208

עס גערט צו פּסח.

עס גערט צו פּסח, און איך בעט מיך בײַ אײַך אײַן צום סדר.
נעמט מיך אויף!
קײן סך וועל איך אײַך נישט קאָסטען; קנײדלעך עס איך נישט!
זײַט מיך אויך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירען!
הײסט מיך אויך נישט צעהלען קײן „מכות"; איך האָב די מצריים
שוין לאַנג מוחל געווען. און עס איז גלאַט אַמין „ברכה לבטלה"; פון
געשריבענע אָדער געדרוקטע מכות איז נאָך קײנער נישט קראַנק גע-
וואָרען.
בעפרײט מיך אויך פון „שפוך חמתך"!... איך בין נאָך צו יונג,
פערסמ'ט מיר נישט דאָס בלוט מיט נקמה... איך האָף אויף בעסערע
צײַטען און וויל אפילו קײן געצען-דיענער נישט שעלטען.
איך וויל אפילו נישט זאָגען „לשנה הבאה בירושלים!" ווײַל „פון
זאָגען ווערט מען נישט טראָגען"!
דערווײַל וויל איך אײַך נאָר ווינשען, אַז איהר זאָלט אויפ'ס יאָהר
דעם גאַנצען „מה נשתנה" מיט'ן „עבדים היינו" פערגעסען.... און —
אַז איהר וועט עפענען די טהיר און רופען באמת, נישט ווי היינט
אויף לבן הארמי'ס לשון: „כל דכפין ייתי ויכול!" — זאָל קײנער נישט ארײַנ-
קומען; עס זאָל קײנער נישט דאַרפען אַרײַן קומען!

מעשיות.

„היינט וועט זי קומען" — טראַכט ער, שפּאַציערענדיג בײַם ברעג פֿון ווייכסעל.

און אַזוי טראַכטענדיג, קומט איהם אַלײן לעבעדיג פֿאַר:

ער זיצט אויפ'ן בעט אין דער פֿינסטער און וואַרט, בײַ יעדער בע־וועגונג אויף די טרעפּ הייבּט איהם אָן שטאַרקער צו קלאַפּען דאָס האַרץ און ער וואונדערט זיך: פֿאַרוואָס? ער האָט זי דען ליעב?

אָט, דאָס איז שוין זי. איהרע שוועבענדיג־לײַכטע טריט. ער שטעהט אויף און צינדט אָן דאָס לעמפּעל אויפ'ן טיש. זי האַלט זיך דערווייל אַ ווײַלע אָב הינטער דער טהיר. אָטעמט אָב — שווערע טרעפּ — פֿעררִיכט זיך די האָר און האַפּט נאָך אַ בּליק דורכ'ן לאָך פֿון שלאָס. קוים הערעוודיג, קלאַפּט זי אָן מיט'ן פֿינגער אין טהיר.

— „פּראָשען" 1) און זי עפֿענט די טהיר און רופֿט אויף דייר שוועל:

— „בענדזיע אָפּאָוויאַדאַניע"? 2)

אַ'ניט, געדענקט זי צוריק.

אי הם האָט זי ניט ליעב, זאָגט זי. פֿאַר יודען איבערהויפּט שרעקט זי זיך, נאָר זיינע מעשה'לעך האָט זי ליעב.

דערקענט האָט ער זיך מיט איהר צופֿעליג אין זאַקסישען גאָרטען, אין אַ שלאַגס־רעגען. זי איז געשטאַנען אונטער אַ בּוים, אָהן קאַלאָשען און אין אַ ווייסע בּלוזע. דער בּוים האָט זי שוין ווייניג געשיצט פֿון רעגען און זי האָט געקוקט דורך זיינע לויזע צווייגען אין הימעל אַרײַן, דערשראָקען און אָהן האָפֿנונג, עס זאָל זיך געשווינד ענדיגען. ער איז צוגעגאַנגען מיט'ן רעגען־שירם און האָט איהר פֿאָרגע־לעגט זיין הילף. זי האָט זיך געווייגערט. ער האָט ערנסט און האַרציג געבּעטען; זי גיט נאָך און לאָזט זיך אָבּפֿיהרען. זי פֿערענטפֿערט זיך:

---

1) פּיטע, הערײַן.

2) וועט זיין א מעשה'לע.

פאַרהאַן אַזוי פיעל שלעכטע מענשען! נאָר זיין שטימע וועקט צוטרויען. אויף דעם צוטרויען געשטיצט האָט ער איהר געבאָטען זיין אָרים, זי האָט צעגערנד אַריינגעשטעקט די האַנד אין זיינע און געזאָגט איהר אַדרעס.

אין גאַנג איבער עטליכע גאַסען — אויף קיין דראָשקע האָט ער נישט געהאַט — איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז זי איז אַ נייטאָרין (אמת — די האָט צושטאָכענע פינגער), און זי, אַז ער איז אַ שרייבער. שרייבט לידער? — ניין, מעשה׳לעך. אַה, מעשה׳לעך האָט זי זעהר ליעב. — ער קאָן איהר פערצעהלען. מעג מען זי בעזוכען? ניין. קיין פאָטער האָט זי ניט און די מוטער איז אַ בייזע. איהר שטימע האָט לייכט דערביי געציטערט. זי וואָלט מעהר נישט געדאַרפט, עס זאָל קומען אַ פרעמדער און נאָך דערצו — זי וואַרפט אויפ׳ן אַ זייטיגען בליק, און ענדיגט שאַלקהאַפט און רויט ווערענדיג: אַ יוד. פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך בין אַ יוד? — זי דערקענט: די אויגען, די האָהר, די אויסשפּראַכע און ענדליך — די נאָז — האַ־האַ־האַ. איהר שטימע קלינגט ריין קינדיש און דאָך איז שוין דער שטערן גערונצעלט.

איבער׳ן זומער פלעגען זיי זיך טרעפען אין זאַקסישען גאָרטען. איבער׳ן ווינטער פלעגט זי, אויבוואויל זעלטען, אַרויסהאַפּען זיך צו איהם אויף אַ מעשה׳לע. דערפון פלעגט זי איהם אין דער־פריה שרייבען דורכ׳ן סטרוזש. היינט האָט ער אויך אַזאַ בריוועל ערהאַלטען. זי שרייבט פויליש „נח מיט זיעבען גרייזען", נאָר אַזוי קינדיש־האַרציג.

— יוד, גרייט אָן אַ שען מעשה׳לע, נאָר אַ פרעהליכס, מיט אַ בת־מלכה. דאָס לעבען איז אַזוי טרויעריג. און אָנריהרען זאָלסט דו מיך נישט. נישט ד׳ך מיין איך. דו ביזט אַזוי העסליך. וועסט מיך אָנריהרען, וועל איך שרייען און ענטלויפען. הערסט?

דאָך ווייסט ער, ווי אַזוי זי ווייכער צו מאַכען: דאָס מעשה׳לע ווערט טרויעריג. דער בן־מלך אָדער די בת־מלכה פאַלען אַריין אין אַ געפאַהר... די ליעבהאָבער צושיידען זיך דורך אַ שרעקליכער אינטריגע פון פאַלשע מענשען... וויל ער, וואַרפט ער די בת־מלכה אַריין אין געפענגניש, אין אַ פרעמד לאַנד און דעם בן־מלך פיהרט ער ערגעץ צו דער תליה. אַ בלבול. און דעמאָלט פאַלט זי פאַר׳ן אויף די קניען, האַפּט׳ן אָן ביי די הענד, גלעט׳ן איבער׳ן פנים און בעט באַרמהערציגקייט פאַר די אונגליקליכע. און פאַר אַ קוש אויף די ליפען, לאָזט ער פערשווינדען די געפאַהר און פיהרט דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה מיט פּאַראַד און מוזיק צו דער חופּה.

נאָך וואָס טהוט ער עס? וואָס טויג איהם איהר קוש?

עס טהוט איהם באַנג, און דאָך איז פאַרהאַן אַזוינס, וואָס פיהרט זיי צוזאַמען: ביידע בענקען נאָך גליק... ביידע האָבען עס נישט און ווילען זיך וועניגסטענס גענאַרען האָטש אויף אַ ווײַלע.

צוויי פעוואָגעלטע נשמות. איינמאָל פרעגט ער זי:

— די מאַמע שלאָגט דיך אַמאָל?

זי איז בלאַס געוואָרען און די אויגען זענען איהר פערגאַנגען.

— פרעג נישט. פערצעהל בעסער. ער האָט איהר געגלעט די ברוינע האָהר, און האָט פערצעהלט.

נאָר היינט וועט ער נישט האָבען, וואָס צו פערצעהלען. די געדאַנקען אין קאָפּ זענען אונקלאָר און צווייגט, ווי דאָס אומעדיגע וואַסער, וואָס שלאָגט אויף און אָב פון ברעג... און רייסען זיך, ווי די לויזע געבעל אין דער הייך.

וואָס זאָגט איהם אַזוי ביים האַרץ?

ער דערמאַנט זיך, אַז ער האָט נאָך היינט נישט געגעסען.

אין דער וואָהנונג איז געווען עפּעס אַ געפּאָרעריי, אַ געטומעל, און אַ גאָלדענע זון האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען און ער איז אַרוים פון בעט אין גאַס אַריין אָהן טהיי. אין די גאַסען איז אויך געווען איין אונגע־וועהנליך גערודער. ווייסט דער טייוועל, וואָס זיי לויפען אַזוי. איינינע מאָל האָט ער בעקומען אָן דער זייט. ער איז קוים אַראָב צו דער ווייכסעל, וואו ער שפּאַצירט געוועהנליך פאַר מיטאָג. צונד איז איהם דאָס האַרץ אַוועק. ער טאַפּט זיך ביים וועסטען־טאַש. פאַרהאַן קליין געלד און ער געהט צום רעסטאָראַן, וואו ער עסט געוועהנליך נאָכ'ן שפּאַציער, און זעצט זיך ביים פענסטער, וואָס געהט אַרוים צו דער ווייכסעל.

דער רעסטאָראַן איז אין דער צייט לער. די „געלע" זיצט ביי'ם בופעט און דרימעלט. זיין אַריינקומען וועקט זי, פערשלאָפען גריסט זי איהם; דערלאַנגט איהם, וואָס ער בעשטעלט און זעצט זיך צוריק דרימלען. ער עסט און טראַכט, אַז אַ מעשה'לע מיט אַ בת־מלכה מוז זיין. ערגעץ אויף אַ באַרג שלאָפען מוז זי. אַ כשוף־מאַכער אָדער אַ כשוף־מאַכערין איבער־וואַכען זי. היינט וועט ער איהר נאָך לעגען אַ שלאַנג צו פיסענס. שלאָפענדיגע בת־מלכה'ס האָט זי שוין גענוג. די שלאַנג וועט מאַכען איין איינדרוק. ער קלערט נאָך צו לעגען די בת־מלכה אויף גאָר אַ הויכען באַרג. ער האָט נאָך קיין גרויסען באַרג נישט געזעהען, נאָר ער וועט איהר זאָגען: הויך,

הויך, הויך... און זי וועט אויפהייבען די פערחלומ׳טע אויגען און נאָכיאָגען איין פינגער אין דער לופט. נידריגער, דער בת־מלכּה צו פיסענס, וועט ער ארומציהען דעם באַרג מיט אַ וואָלקען. פאַר שענקייט וועגען וועט ער דעם וואָלקען רויטליך אַרומזיימען, אַ זומער טאָג. אַ ברענענדיגע ראַנד וועט זיין. הינטען אין טהאָל זעהט מען קיינמאָל נישט די בת־מלכּה, דער וואָלקען פערשטעלט זי. אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר שטעהט ער, דער וואָלקען. דאָס מוז אויך זיין אַ כּשוף. פאַר דאָס איז איבער דער בת־מלכּה איין אייביג קלאָרער הימעל: צווישען וואָלקען און הימעל ליעגט זי, און די שלאַנג היט!

ער האָט אָבגעגעסען. אַ בּן־מלך וועט ער שוין געפינען צוריק צו וועגס. מען דאַרף צאָהלען. די „געלע" שלאָפט.

ער וויל זי וועקען — אויף זיין געוועהנליכער אַרט: ער מאַכט קיילעכלעך פון ברויט און ציעלט איהר אין דער לאַנגער נאָז אַריין. איינמאָל אויף צוואַנציג טרעפט ער און זי וועקט זיך יעדעס מאָל דערשראָקען. „דער פאַן טרייבט שטענדיג קאַטאָוועס" זאָגט זי פערדראָסען. „וואָס האָט ער געהאַט?" ער שמייכעלט גיטיג. זאָגט איהר און צאָהלט.

היינט אָבער געהט איהם נישט. ער וואַרפט און וואַרפט און טרעפט נישט. ציעלענדיג, זוכט ער דערוויל אַ בּן־מלך.

ער קנייפּט אויס אַ ניי שטיק ברויט און קנעט, מאַכט קיילעכלעך, און פערגעסט צו ציעלען. דער בּן־מלך געהט. וואַלד אויס, וואַלד איין געהט ער. אַ קראָה, וואָס ער האָט אַמאָל גערעטעט פון אַ זיכערען טויט, האָט איהם אויסגעזאָגט דעם סוד פון דער בת־מלכּה... און זי פליהט פאַר איהם, און ווייזט איהם דעם וועג. אָבער נישט אַזוי געשווינד וועט ער איהם צולאָזען צום ציעל. באַלד נאָכ׳ן מעשה׳לע ענטלויפט זי, און ער בּלייבּט אַליין, אַליין מיט די צוויעגטע נערוועז און אָבגעריסענע געדאַנקען... ער וועט אויפ׳ן אָנשיקען אַ וואָלף— דעם וואָלף וועט ער טייטען. דערנאָך— אַ חאַסער, וועט ער אויסרייסען אַ בּוים, אַריינוואַרפען און אַריבערשווימען. דערנאָך וועט זיך איהם שטעלען אויפ׳ן וועג אַ באַרג, וועט׳ן די קראָהע נעהמען אויף איהרע פליגעל... ניין, איין אָדלער — דער קראָה׳ס אַ פעטער— וועט עס טהון. דערנאָך וועט ער פּשוט הונגעריג ווערען. דאָס באַנאַלע מוז שטענדיג אַריינקומען אין דער מיט... אַ בּן־מלך אויפ׳ן וועג קען זעהר לייכט פערהונגערן. די קראָהע פליהט פאַר איהם נאָך עסען. עס איז אָבער זעהר ווייט צום נאָהענטסטען ישוב. זי זוימט זיך. די זון ברענט; אויפ׳ן פרייען פעלד

איז עס. ער פערשמאַכט. וואָלט ווענינגסטענס ווייץ אָדער קאָרן געוואַקסען, וואָלט ער זיך, אויבוואָהל אַ בן-מלך, אָבגעריסען עטליכע זאַנגען. וואַקסען אָבער דורכאויס ביטערע קרייטעכצער, און אָנגעזאָגט האָט איהם פאַר'ן אַוועק-פליהען די קראָה: ריהר נישט! די קרייטעכצער זענען סם. די כשוף-מאַכער האָבען עקסטראַ פערזייעט דעם סם, כדי די, וואָס וועלען זוכען דאָ די בת-מלכה— וואָרום דער באַרג, וואו זי ליגט, איז נישט ווייט— זאָלען זיך אָבסמ'ען, וואָס עס האָט שוין כמה וכמה געטראָפען...

און שווער, זעהר שווער איז איהם צו וואַרטען אויף דער קראָה. ער פערגעהט פאַר הונגער. די אויגען ברענען. דערוויל געהט דורך אַ פויערטע מיט אַ לעבעל ברויט אין דער האַנד. פריש ברויט, דער געשמאַק שלאָגט דעם בן-מלך אין דער נאָז אַריין...

— פויערטע— רופט ער מיט אַ שוואַכער שטימע— גיב מיר אַ שטיקעל ברויט.

— בעצאָהל! ענטפערט די פויערטע קורץ.

— איך האָב נישט מיט וואָס...

— אַז מען האָט נישט, עסט מען נישט.

— איך בין אַ בן-מלך, אַז איך וועל אַהיים קומען, וועל איך דיך אָפּגעלטען!

— זוך דעם ווינד אויפ'ן פעלד... אַ חוב פערשריבען אויפ'ן וואַסער...

— איך שטאַרב פאַר הונגער!

— אַ נייעס! בעסערע פאַר דיר טרעפט עס!

זי געהט אָב עטליכע טריט און קומט צוריק.

— ווייסט דו וואָס! דו געפעלסט מיר! האָב מיט מיר התונה, וועל איך דיר געבען ברויט!

— איך קען נישט. איך בין שוין פערליעבט אין דער בת-מלכה...

— און ווילסט עסען?

— איך בין הונגעריג!

— האָב התונה מיט מיר, וועסט דו זיין זאַט!

די פויערטע האָט זיך איינגעשפאַרט, דער הונגער מאַטערט און ער האָט געמוזט נאָכגעבען. ער האָט איהר צוגעשוואָרען עוויגע טרייע. דורכגעלאָפען אַ האָז, האָט ער'ן גענומען פאַר איין עדות. געהאַפּט אַ שטיק ברויט און איז איהר נאָכגעגאַנגען אין דאָרף אַריין.

די „געלע" עפענט אויף איין אויג און מאַכט עס צוריק צו, און דאָס מעשה'לע הערבט זיך ווייטער:

אַז די קראָה איז צוריקגעקומען האָט זי שוין דעם בן־מלך נישט געטראָפען. דאָס פרישע ברויט האָט איהם געשאַדט און ער ליעגט קראַנק אין דאָרף. דערנאָך איז ער געזונד געוואָרען און התונה געהאַט מיט דער פויערטע. און וויל ער האָט נישט געקאָנט נישט אַקערן, נישט זייען, נישט שניידען, נאָר פאַר דאָס לעזען און שרייבען, איז ער געוואָרען דאָרפס־לעהרער. שלום־בית איז געווען... די פויערטע פלעגט'ן רופען מיט ליעבשאַפט: „שוטה מיינער" און ער פלעגט נאַריש שמייכלען. דאָך די בת־מלכה האָט ער בעהאַלטען אין האַרץ. אַ קשיא אויף אַ מעשה, די פויערטע אַרבייט ביים פריצ'ס שנייד־מאַשין, עס קען זיך איהר אַיין אונגליק טרעפען... וועט ער געהן זוכען... נאַטירליך, איבער די ליפען ברענגט ער עס נישט... און פיליכט האָט ער גאָר נישט געוואוסט פון געדאַנק. שטילערהייד ערגעץ אין אַ פינסטער ווינקעלע פון האַרץ איז דאָך געלעגען די האָפנונג און ער האָט בעהאַלטען דעם סוד פאַר זיך.

דער פויערטע האָט אָבער קיין אונגליק נישט געטראָפען. פערקעהרט: מיט יעדען טאָג איז זי געזונדער און שטאַרקער געוואָרען; ער אָבער — נישט. פון שלעכטע פויערשע קעסט, צי פון בענקעניש האָט ער זיך פריה געעלטערט, און אַז ער האָט בעמערקט, אַז די באָרד איז איהם גרוי געוואָרען און די אויגען לעשען זיך, און דער שטערן רונצעלט זיך, האָט ער מיט אַ ווײַנענדיגער שטימע איבערגעגעבען די שילער דעם סוד פון דער בת־מלכה. זיי האָבען זיך צולאַכט: דער לעהרער איז פון זינען אַראָב! אויסער———

ער בעמערקט אַיין ענדערונג אין דער בעלייכטונג: עס איז טונקעל געוואָרען. ער וואַרפט אַ בליק אין פענסטער אַריין: דאָס וועטער האָט זיך דערווייל געענצליך געטוישט. אַ נאַסער שניי פאַלט. עס גיט אַ נאָג ביים האַרץ. געשווינד האַפּט ער נאָך אַ קיילעכעל־ברויט, ציעלט און טרעפט. די „געלע" האַפּט זיך אויף.

— קום אַהער, געלע, איך וועל דיר אַ מעשה'לע פערצעה'לען...

— מניע פּאַצאַ? [3]

— אַ שעֶן מעשה'לע — מיט פויערש. יונגלעך, וואָס זוכען אַ בת־מלכה...

— גלופּסטוואָ! [4]

— עס איז נישט קיין נאַרישקייט. די בת־מלכה שלאָפט אויף אַ בלוי־

3) צו וואס זאל עס מיר?

4) נאַריש.

מען-בייט אויף אַ שפּיץ־באַרג. דער דאָרפס־לערער האָט די געהייסען זוכען...

— וואַרטאַ! 5)

— אַודאי כדאי. די בת-מלכּה איז אַ שענע, אַ גוטע, אַ קלוגע.

— געגוג געשפּעט, צאָהלט בעסער און געהט!

— געוויס, געוויס... נאָר די קינדער האָבען זיך געמאַכט הילצערנע שווערדען, מיט הילצערנע שפּיזען

די געלע געגעצט.

— ביזט מיעד, געלע?

— אַזאַ וועטער!—

און בייז גיט זי צו:

— ווען עס פאַלט אַ יודישער יום-טוב, מוז זיין אַ שלעכט וועטער.

— וואָס פאַר אַ יום-טוב איז היינט?

— זייער ווילקאָנאָץ...

דאָס איז געווען דאָס גערודער אין דער וואָהנונג, דאָס געלויפעריי אין גאָס?!

ער צאָהלט און לויפט אַרוים.

אין גאָס צולאַכט ער זיך.

אין דער נשמה ליגט ערגעץ ביי איהם אַ גלגול פון אַ יידען, צי אַיין עלטער יידען! דאָס בענקעניש, וואָס האָט'ן אָנגעהאַפּט! יעדער מענש געהט אַרום מיט גלגולים אין האַרץ.

דאָס ערשטע יאָהר, אַז ער איז נאָר אַוועק פון דער היים, איז ער צום „סדר" שיער נישט פון זינען אַראָב פאַר בענקשאַפט. די פאַמיליע, ביי וועלכער ער האָט געוואָהנט, איז אויף יום-טוב ערגיץ אַוועקגעפאָהרען צו גאַסט, און ער איז געבליבען איינער אַליין אין אַלע צימער. ער האָט זיך פריה געלעגט, נישט האָבענדיג וואו אַהין צו געהן, נאָר ער האָט פערגעסען אַראָבצולאָזען די רולעטען און די לבנה האָט'ן געוועקט. ער האָט זיך אויפגעהאַפּט מיט האַרץ-קלאַפּען. לאַנג איז ער געלעגען און

---

5) כדאי.

נישט געוואוקסט פאַר וואָס. דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט. פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעריסן דאָס ליילעך פון בעט, אָנגעטהון עס, ווי אַ קיטעל, און איז אַרומגעלאָפן אין שטוב און געבריליט אויסענווייניג די הגדה. דאָס צווייטע יאָהר האָט ער, פאַר שרעק פאַר דער בענקשאַפט, אַ ראָק פערקויפט און איז אַהיים געפאָהרען אויף פּסח. איבערן וועג האָט ער זיך גע׳הזר׳ט, אַז ער וועט זיך ־אונטערגעבען, גאָר אײנגאַנצען אונטערגעבען. און ווירקליך, ער איז געגאַנגען מיט׳ן פאָטער דאַוונען, געלאָזט זיך אונטער־בעטען צום סדר מיט אַ קישען, געפרעגט „מה נשתנה״... נאָר אַז ער איז געקומען צו „דצ״ך עד״ש באח״ב״, איז ער אַרויס פון די כּלים. ער האָט נישט געוואָלט שפּרענגען פון כּוס. די מוטער האָט׳ן מיט טרערען קוים אײנגעשטילט... בײ די „מכּות״ זאָגען האָט עס נאָך מעהר אויפגעפלאַמט... דעם ערשטען טאָג הוה״מ איז ער אַוועקגעפאָהרען אומגעזעגענט מיט׳ן פאָטער. די מוטער האָט געוואַרט אויס׳ן אונטער דער שטאָדט.

ער הייבט זיך אויף די שטיינערנע טרעפּלעך.

עס טהוט איהם באַנג.

נאָך וואָס האָט ער זיי געקרענקט?

דעמאָלט האָט ער געזאָגט: צוליעב דעם אמת, איז דען פאַרהאַן אמת?

— מיר יונגע— טראַכט ער— דאַרפען לײדען, אונזער צער איז שעפּ־פעריש, ער טרייבט אונז צו נייער אַרבייט, צום בעשאַפען נייע פאָרמען. דער צער פון אַלטע איז אונפּרוכטבאַר און צוגיעסט זיך אין אומזיסטיגע טרערען, אויב ער ווערט נישט פערשטיינערט אין האַרץ.

ער געהט דורך קראַשינסקי׳ס גאָרטען. די מילך־אַנשטאַלט איז לער. דורכ׳ן גאָרטען יאָגען זיך אַ הייס פערשפּעטיגטע. ער קומט צו צום קליינעם בערגעל, וואָס קוקט אַרוים אויף די נאַלעווקים. ער פיהלט זיך מיעד, אַהיים צו געהן איז נאָך פריה. זי וועט ערשט קומען אין אַ שטונדע אַרום. ער זעצט זיך פאַר׳ן בערגעל אויף אַ באַנק.

אונטען איז דאָס בערגעל געל, ווי אַרומגעשיילט. העכער— גראָז און וואו נישט וואו דערנדלעך... אויף זיי וועלען שפּעטער קליינע בלומען וואַקסען... זאָל זיך מיר דאַכטען— אַ ביימעל אָן דער זייט— אַ בוים־פיעל ביימער— אין זייערע צווייגען קענען פייגעל זינגען. זי האָט זעהר ליעב פייגעל־געזאַנג. אַז זי הערט, זאָגט זי, פייגעל־געזאַנג— אַ פאַר מאָל האָט זי געוויינט אין דאָרף— קען זי זיך נישט איינהאַלטען פון טרערען...

עפעס די נשמה וויינט, און אַזוי זיס".

טײלמאָל רעדט זי עפּעס אַזוי וואונדערליך... צופּט די נעגיל פון די חייסע, לאַנגע, פון דער נאָדעל-צווישטאָכענע פינגער אין די נאָך ווייסערע ציהן, און האָט אַזוינע אויסדריקען... „נשמה-טרערען"... ווי קומט עס צו איהר? זי איז אפשר אויך אַ פערבאָרגענע בת-מלכה? די מוטער — די וועשין ביי דער באַליע — איז נישט קיין מוטער, נאָר אַ כשוף-מאַכערין, וואָס היט זי, עס זאָל קיין פרעמדער בן-מלך נישט קומען און זי נישט אויפ-וועקען...

נאָר ער וועט עס זאָ ווי זאָ נישט זיין. ריין פון זינד מוז זיין דער בן-מלך...

אַ באָנע מיט פיער יונגלעך איילען זיך פאָרביי. די יונגלעך לויפען צו צום בערגעל. יונגלעך בעוואָפענטע מיט שווערדען און שפּיזען, „זיי שטייגען אויפ'ן באַרג". די באָנע בייזערט זיך: עס איז צייט אַהיים. די עלטערן וועלען זיין אונרוהיג. היינט איז יום-טוב... די קינדער הערען נישט און שטייגען. „צו דער בת-מלכה".

„די פיער שילער פון דאָרפס-לעהרער"...

די זון געהט אונטער.

אין גאָרטען הערט זיך דער גרעגער. נאָך צייט.

ער מאַכט די אויגען צו און זעהט, ווי די האַלץ-בעוואָפענטע שילער שטייגען אַרויף נאָך דער בת-מלכה... אַ וואָלקען הענגט צווישען די „דער-גרייכער" און דער בת-מלכה. זיי זעהען זי נישט, נאָר זיי גלויבען אָן איהר. זאָל ער זיי צולאָזען?

אָט רייסט זי דורך דעם וואָלקען, די מכשפה, און רייט זיי אַקעגען אויף אַ בעזעם.

זי האַפּט איינעם אָן ביי דער האַנד.

— וואו אַהין געהסטו יונגעלע?

— צו דער בת-מלכה!

— וואָס האָסטו צו דער בת-מלכה?

— איך וויל זי וועקען!

— נאָך וואָס?

— איך וויל מיט איהר התונה האָבען!

— פאַר וואָס ווילסטו מיט איהר התונה האָבען?

— זי איז אַ גוטע — האָט דער לעהרער געזאָגט — אַ קלוגע און אַ

.די ציים

זיסע. דער לעהרער ווייסט!

— אודאי! און דו, דאַכט זיך, האָסט ליעב גוטע און זיסע זאַכען?

— געווים האָב איך ליעב! די מאַמע רופט מיך „נאַשער“.

— אויב אַזוי, מיין קינד, נאָך וואָס זאָלסט דו קריכען אומזיסט אויפ'ן באַרג און מיעד ווערען, דו ביסט דאָך אַיין אֵיידעל קינד——

— וואָס געהט עס דיך אָן?

— איך בין דאָך דיין מוהמע, נאַרעלע, קענסט מיך נישט? איך וועל דיר געבען סאַמע גוטע זאַכען.

און זי גיט אַ מאַך איהר „האָקוס פאָקוס“ און דעם יונגעל צו פיסענס פאַלט ווי פון הימעל אַראָב אַ קיישעל מיט סאַמע גוטע און זיסע זאַכען: מאַנדלען אין די געלע העמדלעך, געפרעסטע פייגען, שטרענגעלעך־ראָדזינקעס, רויט־פלאַמענדיגע פאָמעראַנצען, ציקאָלאַדע און אַזוינע זאַכען, וואָס דאָס יונגעל האָט אפילו נישט געוואוסט, ווי מען רופט זיי. און ער האָט אויסגעשריען פאַר פרייד און געלאָזט זיך אויף די קניען פאַר'ן זיסען קיישעל.

יענע דריי זענען דערווייל ווייטער געגאַנגען. קומט זיי אַקעגען דער כשוף־מאַכער, אַיין אַלטער מאַן מיט ווייסע ברעמען און אַ ווייסע באָרד, מיט אַ גרויסע בלאָהע פאָר ברילען איבער די אויגען—

עס הערט זיך אַ סקריפ פון גאָרטען־טויער. ער עפענט די אויגען, די באָנע מיט די קינדער זענען שוין פערשוואונדען. ער לויפט געשווינד אַרוים. און אויף די כמעט לערע „נאַלעווקעס“ וועבט זיך דאָס מעשה'לע ווייטער.

דער אַלטער שטעלט איינעם פון די דריי אָב.

— וואו אַהין, יונגעלע?

— די בת־מלכה וועקען, איך וויל מיט איהר חתונה האָבען!

— נאָך וואָס?

— דער לעהרער לויבט זי; זי איז אַזוי קלוג.

— ווילסט פון איהר קלוג ווערען?

— ווי דען? אַ מענש דאַרף זיין קלוג. אַז מען איז קלוג, האָט מען כבוד און געלד.

— אַזוי? נו, אַ ביסעל קלוג ביסט דו שוין, נאָר אויב דו ווילסט, וועסט דו קלוג ווערען אָהן דער בת־מלכה.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ איינפאַך, נאַ.

און דער אַלטער נעהמט אַרוים פון בוזעם־טאַש און דערלאַנגט, דעם

שוין כמעט קלוגען קינד, אַ פיין ביכעל, איינגעבונדען אין ווייסע לעדער מיט אַ גאָלדענעם שניט, אינערוועניג מיט בילדער.

— נאַ, זאָגט ער, זעץ דיך און לייען! וועסט דורכלעזען א י י ן זייטעל, וועסט דו זיין קליגער פאַר טאַטע-מאַמע, צוויי— וועסט דו קליגער ווערען פאַר׳ן גאַנצען דאָרף, און קומסט דו אין דער מיט אַריין, וועסט דו קלוג זיין, ווי דריי פּראָפעסאָרען!

דאָס יונגעל האַפּט דאָס ביכעל און זעצט זיך לעזען.

יענע צוויי זענען דערוויל ווייטער געגאַנגען. פערשטעלט זיי די שלאַנג דעם וועג. איינער ענטלויפט, דער צווייטער בלייבט אויפ׳ן אָרט פאַר שרעק.

זי גיט איהם אָבער אַ גלעט איבער ס׳מיילכעל און פרעגט׳ן מיט אַ שלאַנגען-האַרציגער שטימע:

— וואו אַהין, יונגעלע?

ער געהט צו דער בת-מלכּה, ער וויל זי אויפוועקען און מיט איהר חתונה האָבען, ווייל דער לעהרער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַזוי שעֶן!

— האָסט ליעב „שעֶן"?

— אַוודאי!

— נו, קום מיט מיר. זעהסט דו, אין דער זייט שטעהט אַ קריסטאַלענער פּאַלאַץ און אינ׳ם קריסטאַלענעם פּאַלאַץ וואָהנען סאַמע טאָקלעך. סאַמעטענע קליידער טראָגען זיי און וויס-זיידענע פאַנטאָפעלעך... קירשען-רויטע ליפּעלעך האָבען זיי און בריליאַנטענע אייגעלעך... וועסט דיר אויסקלויבען וועלכע דו ווילסט, און עס איז גאָר נאָהענט און אַ גלייכער וועג...

און ער געהט נאָך דער שלאַנג...

— אָבער מיט׳ן פיערטען וואָס טהוט מען? לאָזען איהם ד ע ר ג ר י י כ ע ן? אַ שאָד! ער וועט זיין דער אונגליקליכסטער... ער וועט אפילו נישט האָבען, וואָס עס זאָל איהם באַנג טהון, וואָס זיך פאַרצוואַרפען!

איהר צוליעב מוז ער עס דאָך טהון...

ער וועט געהען, ער וועט אויפוועקען... און דערנאָך?

דערנאָך—אַ חופּה... מוזיק, טענץ... אַ האָכציטס-רייזע... אַ שפּאַציער אין הענגעל-גערטנער אין דער לופט...

זי וועט די אויגען פערמאַכען פאַר גרוים גנהת... שטאַרק גערידהרט וועט ער זיך לאָזען צוציהען און ער וועט זי נעהמען צו זיך אויף די קניען און וועט זיך וואונדערן, נאָך וואָס ער טהוט עס. זי וועט צולעגען

אידרע הייסע בעקלעך צו זיינע— ער וועט פיהלען איהר ריינעם אָטהעם און ער וועט זי קושען, און פאָרוואַרפען זיך: „שווײַן". זי וועט דערווײַלען אויפשפּרינגען בלאַס, צושראָקען, מיט אַ פערציטערט געווײַן, און ער וועט זיך איהר וואַרפען צו די פיס און איבערבעטען — אין האַרץ וועט ער זיך רופען: „פאַיאַץ" — און זי וועט זיך קוים לאָזען איבערבעטען און וועט שוין אַ לאַנגע צייט נישט קומען.... ער בעקומט פון עמיצען אַ שטויס און גליטשט זיך שיער נישט אויס אויפ'ן נאַסען טראָטואַר.

אויף די טרעפּ איז פינסטערליך. איין נאַפט-לעמפּעל אויף צוויי שטעק. קיין צינד-העלצלעך האָט ער ביי זיך נישט. זיין שכן געהט דערייבער מיט איין עלעקטריש לעמפּיל — דעם איז ער אָבער נישט מקנא: ער האָט אַ העסליך ווייב. ווען ער געהט דורך פאַר זייער טהיר, ציטערט ער, זי זאָל איהם נישט אַקעגען קומען. די גרעסטע זינד איז העסליכקייט. און אַז די בעל-הבית'טע איז מיאוס, איז די דיענסט נאָך העסליכער. בּרר... פאַר איבעל און קעלט צוזאַמען. ער האָט פערגעסען, אַז די קאַמאַשען זענען צוריסען און איז געגאַנגען אויף דער נעץ. ביי נאַכט וועט ער הוסטען און אפשר היץ בעקומען. דער דאָקטאָר וועט'ן ווייטער שרעקען מיט אַיין אָבצערונג. „מיין כפּרה" — זאָל זיין אַיין אָבצערונג, אַבי זאָל עפּעס געשעהן.

ער בלייבט שטעהן דערשראָקען:

אין טרעפּען-ווינקעל בעווייזט זיך איהם אַ בילד פון בלאַסען שיין געוועבט.

אַ סדר-טיש, — אַ שניי-ווייס טישטוך, — רויט-געמאָלטע כוסות — בלאַנקע טעלער — בליצענדיג, האָטש אַלט, זילבערן געשיר, ליכט אין דריי פאָר הויכע זילבערנע, אַלטע, דראָט-אַרבייטענע לייכטער... די מוטער שטעהט און בענשט ליכט... פון הינטען זעהט ער זי.. איהרע דאַרע אַקסעל ציטערן... זי וויינט — אויף איהם וויינט זי! וואו איז ער אַצונד?

— „עס הייבט זיך שוין אָן" — ווערט ער בייז אויף זיך און שפּרינגט אַרויף עטליכע טרעפּ מיט אַמאָל. און באַלד פערדריעסט איהם, וואָס ער איז ענטלאָפען, די מוטער וואָלט זיך אויסגעדרעהט צו איהם... ווי זעהט זי צוגד אויס? זי שרייבט, אַז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט... פיער פאָר שקאַרפעטקעס האָט זי איהם לעצטענס געשיקט. „זעה, האַלט וואַרעם די פיס"...

מיט אַ ציטעריגער האַנד עפענט ער זיין טהיר.

— עט, — שאָקעלט ער זיך אָב — אַ מענש דאַרף זיין אַ מענש.

מיט פעסטע טריט געהט ער אין צימער אַריין; מיט אַ פעסטער האַנד מאַכט ער ליכט. פאַר דער פינסטערקייט האָט ער דאָך אַביסעל אַנגסט. „ווי אָרים"—בעטראַכט ער די שטוב. שפינוועבס, פאַר דאָס (מיט אַ ביטערן שמייכעל) אָהן אַ צייכען פון המיץ. מאָרגען וועט שוין עמיץ פערבעטען..... ער וועט זיך דרעהען אַרום דער דייטשער שוהל... אַ בעקאַנטער לעהרער...

ער זעצט זיך אויפ'ן בעט. דאָס לעמפיל פיליערט אַ ביסעל, ער וויל אויפשטעהן און פערריכטען, און פערגעסט זיך, נאָך וואָס האָט ער זיך אונטערגעהויבען? ער לאָזט זיך צוריק אַראָב. ציהט אַיין די פיס. זיין בליק פאַלט אויפ'ן שטיקעל שפיגעלע אויף דער וואַנד. ער נעמט עס אַראָב, שפיגעלט זיך.

— איך בין גאָר נישט אַזוי העסליך, חי זי זאָגט! שמייכעלט ער, און הענגט דאָס שפיגעלע צוריק אויף. אַביסעל שוואַרץ, ווי אַ טאָטער, אָבער אויגען....

אויף דיינע אויגען איז ער שטאָלץ. זעלטען אַ פרויענצימער זאָל אויסהאַלטען זיין בליק... ווערט ער מיט איינער אינטים, קושט זי איהם די אויגען. ליפען האָט ער צו פליישיגע... זיי קושען צו האַסטיג, זיי זענען צו געפעהרליך... נאָך אין דער היים —

דער געדאַנק רייסט זיך אָב: וואָס טהוט זיך צונד אין דער היים? דער טאַטע איז שוין געקומען?

ער הערט דעם טאַטענ'ס „גוט יום־טוב" — דער מאַמעס ענטפער. עס קלינגט נישט פרעהליך. אומשטיינס געזאָגט, איין קינד און עס איז נישט אין ישטוב.

ער וויל איבערטראָגען די געדאַנקען אויף עפעס אַנדערש; עָס נעמט נישט. דער „סדר" לאָזט זיך נישט אָברוקען. שוין דאָס פינפטע יאָהר!

ער הייבט זיך אויף און געהט צו צום פענסטער. איבערן נאַסען דאַך שפיגלען זיך ציטעריג די יום־טוב'דיגע פלעמלעך פון די פענסטער, פערשפעטיגטע לויפען דורך. צו די פענסטער וויל ער די אויגען נישט אויפהייבען. ער מוז עס אָבער. לאַנגזאַם הייבט ער זיי אויף. אויפ'ן וועג אין דער לופט בלייבען זיי שטאַר. ווייטער אַ בילד:

— אַ סדר־טיש, אַ גרויסער סדר־טיש — קריסטאָלען און גאָלדען געשיר — איז עס איין פאַמיליע? ניין. עס מוז זיין אַ פערזאַמלונג פון איניגע פאַ־

מיליען. מאָדנע געקליידעטע פרויען — אַ זעהר אַלטע טראַכט: מענער אין ווייסע, ברייט־געשטיקטע קרעגען אונטער די קיטלען... גאָלדענע עטרות..... גאָלדענע יאַרמולקעס — ביי וואָס האַלט מען? אַ שטילער רעציטאַציע...

פלוצלונג מען קלאַפּט פון דרויסען.

פערציטערט ווערען די מענער, די פרויען — פערגליווערט פאַר שרעק. אַ יונג מעדכען פאַלט אַרונטער אין אָהנמאַכט — אַ יונגע פרוי פאַלט מיט אַ פערשטיקט געוויין דעם מאַן אויפ׳ן האַלז... וואָס קאָן עס זיין?

— עפענט אין נאָמען פון געזעץ! שרייט מען פון דרויסען.

אַ בלבול־דם! געוואַלד!

— געשווינד, זוכט אונטערץ׳ן טיש! רופט דער עלטסטער, מען בייגט זיך אַרונטער — אַ שרעק — אַ קליין טויטע קינד! אַלע ווערען פערשטאַרט.

די טהיר פון פאָדער־הויז פּלאַצט.

און דער עלטסטער שטעהט אויף און קאָמאַנדעוועט האַסטיג מיט אַ פערשטיקטער נאָר פעסטער שטימע:

— נעמט און צושניידט.

עס געשיהט. — די טהיר פון פאָדער־הויז איז אויפגעבראָכען אין גאַנצען. שווערע טריט — וואָפען־געקלאַנג.

— נעמט יעדערער אויף זיין טעלער אַ שטיק.

מען טהוט אַזוי. מען קלאַפּט שוין אין צימער־טהיר.

— עסט!

דאָס טויטע קינד איז אויפגעגעסען. די טהיר אויפגעבראָכען — פּאָליציי און מיליטער — מען זוכט — אומזיסט — זיי געהען פערדראָסען אַרויס, און אַ ווילד צאָרניג געשריי הערט זיך פון אַלע אין שטוב:

— שפוך המתך על הגוים, אשר לא ידעוך...

עס הייבט אָן טריעפען אַ רעגענדעל. דאָס בילד צושווימט.

— נישט פאַר מיר — טראַכט ער — עס דאַרף אַ שטאַרקערע פעדער.

ער ציהט זיך בעסער אויס אויפ׳ן בעט און מאַכט די אויגען צו.

— פערלאָרען די קראַפט.... געשניגעלט שטימונגען...

פאַרהאַן דאָך לייכטערע בילדער:

דער סדר ביים בעל־שם... ניין, נישט ביים בעל־שם, דער סדר

ביי אַ יוד אַ גביר, צו וועלכען דער בעל־שם איז פלוצלונג געקומען צו גאַסט. דער גביר איז אַ מתנגד געווען, און דער בעל־שם האָט זיך צו איהם קוים איינגעבעטען צום סדר. אין בית־המדרש נאָכ׳ן דאַווענען איז עס געווען.

— איך וועל אייך צו נוץ קומען... האָט ער געזאָגט.

און דער גביר האָט געפרעגט דעם רב, צי מעג מען אַ חסיד צורופען צום סדר.... מצרף זיין צום בענשען... דער רב האָט נישט געהייסען מביש זיין.

און דער בעל־שם זיצט ביים סדר... אַריבער מה נשתנה — עבדים היינו — פלוצלונג הייסט דער בעל־שם ברענגען נאָך איין הגדה, מיט אַ קיטעל, מיט אַ גאַרטעלע און אַ יאַרמולקע. לאַכט מען. גיט ער אַרוף: איך הײם! פריהער האָט ער זיך קוים איינגעבעטען, און צונד הייסט ער! דער גביר קוקט — דעם בעל־שם׳ס אויגען פלאַמען, קריגט ער פלוצלונג פחד, ברענגט מען, און מען לעגט פאַר׳ן בעל־שם, וואָס ער האָט געהייסען. גיט דער בעל־שם אַ קאָפּ מיט׳ן פוס אונטערן טיש און גיט אַ זאָג: יאַנטעק, שטעה אויף! און פון אונטערן טיש הייבט זיך אויף און קריכט אַפּער אַ בלאַסער שייגעץ, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין צורה, אַ בר־מנן מיט פערמאַכטע אויגען — און ביים האַלז — אַ שניט! אַלע שטאַרען פאַר שרעק.

— יאַנטעק, עפען די אויגען אויף!

יאַנטעק טהוט עס.

— יאַנטעק, טהו אָן דעם קיטעל, גאַרטעל דיך אַרום, נעהם די יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ!

יאַנטעק פאָלגט.

— דערלאַנגט איהם אַ שטול. — יאַנטעק, זעץ זיך!

יאַנטעק זעצט זיך אין קיטעל און אין דער יאַרמולקע.

— עפען די הגדה און זאָג!... עולם, זאָגט!

און דער עולם ציטערט און זאָגט, און יאַנטעק זאָגט מיט...

און פלוצלונג ווערט אויפגעבראָכען די טהיר — מען איז געקומען געפינען דעם אונטערגעוואָרפענעם פגר... זוך היינט, זוך מאָרגען, מען געהט אַוועק פערשעמט...

און דער בעל־שם ווענדט זיך דערנאָך צום אויפגעלעבטען מת:

— יאַנטעק, מאַך צוריק די אויגען צו און געה אויפ׳ן בית־הקברות און בעגראָב זיך אַליין. נאָר ווייל דו האָסט זוכה געווען צו געהן אין אַ קיטעל און צו זאָגען אַ יודיש וואָרט, בעגראָב זיך אויפ׳ן יודישען בית

עלמין... און אַז דו וועסט טרעפען אברהם אבינו, זאָג איהם — — —:
אַ שטילער קלאַפּ אין טהיר.
— העריין.
— אַ מעשה׳לע פאַרהאַן?
— אַלערליי, אַלערליי...

א שמועס.

עס איז אַ וואַרימער, אמת־יום־טוב'דיגער טאָג און ר' שכנא — אַ הויכער, דאַרער יוד, אַ שריד ופליט פון די אַלטע קאָצקער — און ר' זרח, אויך אַ דאַרער, נאָר אַ קליין־געוואַקסענער יוד, אַ שאר פון די אַלטע בעלזער — לאָזען זיך אונטער דער שטאָדט אַרוים שפּאַציערען. יונגערהייט, זענען זיי זיך שונאים געוועזען, שונאים אויף טויט און לעבען. ר' שכנא האָט געפּיה־ט די קאָצקער געגען די בעלזער און ר' זרח — די בעלזער געגען די קאָצקער! היינט, אויף דער עלטער, אַז די קאָצקער זענען געוואָרען „נישט דאָס וואָס אַמאָל", און די בעלזער האָבען פערלאָרען דעם ברען, האָבען זיי זיך ביידע אָבגעטיילט פון די חברות, זענען זיי ביידע אַרויס פון די שטיבלעך, וואו שוואַכערע חסידים, נאָר יונגערע און שטאַרקערע לייט האָבען איבערגענומען די הנהגה.

אין בית־המדרש, ווינטער ביים אויווען, האָבען זיי שלום געמאַכט; און צונד, חול־המועד פּסח, ביים ערשטען שענעם טאָג, געהען זיי ביידע שפּאַציערען.

די זון שיינט אויף אַ ווייט בלאָהעם הימעל. פון דער ערד רייסען זיך אַרויס די גרעזלעך; מען זעהט ממש בחוש, ווי אַ מלאך שטעהט ביי יעדעם גרעזעל און שלאָגט: וואַקס! וואַקס! מהגות פייגעלעך צופליהען זיך, זוכענדיג פאַראַיאָהריגע נעסטען — — און ר' שכנא מאַכט צו ר' זרח'ן:

— קאָצקער, פערשטעהסט, — אמת'ע קאָצקער, מיין איך, פון די היינטיגע איז נישט כדאי צו רעדען, — נאָר אמת'ע, אַלטע קאָצקער האַלטען גאָר נישט אַזוי שטאַרק פון דער הגדה...

— נאָר פון די קניידלעך? שמייכעלט ר' זרח.

— אוים קניידלעך, — ענטפערט ר' שכנא ערנסט, לאַך נישט! דאָ הייסט דעם סוד פון „לא תסגור עבד אל אדוניו"?

— אַר מיר — זאָגט דער בעלזער מיט אַ שטאָלצער ענוות, — איז

גענוג צו וויסען די כונות פון דאַווענען.

ר' שכנא מאַכט זיך נישט הערענדיג און זאָגט ווייטער:

—מילא דער פשט איז דאָך פשוט: אַז עס ענטלויפט אַ קנעכט, אַ משרת, אַ פויער, — טאָר מען איהם, על פי דין תורה נישט האַפּען, נישט בינדען און נישט איבערגעבען צוריק צו'ם פריץ, צו'ם בעל־הבית; מן הסתם! אַז אַ מענש ענטלויפט, קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטען.... איז שוין סכנת נפשות! נאָר דער סוד איז אויך גאָר פשוט. דער גוף איז בבחינת עבד, — — ער איז אַ קנעכט צו דער נשמה! דער גוף איז אַ בעל תאוה, ער זעהט אַ שטיק חזיר, אַיין אשת איש, אַיין עבודה זרה, ווייס איך וואָס — שפּרינגט ער פון דער הויט אַרויס; זאָגט אָבער די נשמה: לא תעשה! מוז ער שווייגען. און פערקעהרט — די נשמה וויל אַ מצוה טהון— מוז דער גוף טהון, מעג ער זיין מיעד, גע'הרג'עט.... מוזען די הענד אַרבייטען, די פיס לויפען, דאָס מויל רעדען... פאַר וואָס? דער פריץ, די נשמה הייסט! און פון דעסטוועגען: לא תסגיר! אין גאַנצען איבער־געבען דעם גוף צו דער נשמה טאָר מען אויך נישט. די פייערדיגע נשמה וואָלט איהם פערברענט, אַש פון איהם געמאַכט. און, ווען דער רבונו של עולם זאָל וועלען נשמות אָהן גופים, וואָלט ער קיין וועלט נישט בעשאַפען! און דעריבער האָט דער גוף אויך זיינע זכיות'ען.... „כל היושב בתענית נקרא חוטא" (דער וואָס פאַסט אַ סך הייסט אַ זינדיגער) — דער גוף דאַרף עסען! ווער עס וויל פאָהרען, מוז שפּייזען דאָס פערד! קומט ווייטער אַ יום־טוב, אַ יומא דפגרא — פרעה דיך אויך! נעהם אַ קאַפּ בראנפען, פרעה דיך, גוף, אויך! און די נשמה האָט הנאה, און דער גוף האָט הנאה: די נשמה— פון דער ברכה, דער גוף — פון קאַפּ! פסח, זמן חרותנו — קום אַהער, גוף, חאַפּ אַ קניידעל! און ער ווערט דאַדורך געהויבען, נתעלה! ער קומט צו שמחת מצוה! — אוים קניידלעך, ברודער, לאַך נישט!

ר' זרח איז מודה, אַז דער ענין איז טיעף און לאָזט זיך הערען; ער אָבער עסט נישט קיין שרויה!

— האָסט דו הנאה פון מצות...

—ווער האָט מצות צו דער זעט? שמייכעלט ר' זרח — און גלאַט— וואו נעמט מען צייהן צו די מצות?

—ווי אַזוי דען ביזט דו מקיים „ושמחת בחגך" בנוגע צו'ם גוף?

— איך ווייס? אויב ראָזינקע־ווין שמעקט איהם—מילא! איך אַליין האָב ווילד הנאה פון דער הגדה. איך זיץ און זאָג, און צעהל די מכות,

און צעהל, און טאַפּעל זיי און מאַך נאָך אַמאָל אַ כּפל...
מגושם!

— מגושם? פאַר אַזוי פיעל צרות און ענויים קשים... פאַר אַזוי לאַנג גלות השכינה? — איך מיין, מען דאַרף מאַכען אַ מנהג, מען זאָל זאָגען זיעבען מאָל די מכּות, 7 מאָל שפוך המתך! דער עיקר — די מכּות, מהיה בין איך מיך מיט זיי! איך וואָלט נאָך געוואָלט עפּענען די טהיר ביי די מכּות... זאָלען זיי הערען! וואָס האָב איך מורא? — זיי פערשטעהען דען לשון הקודש?

ר' שכנא שוויגט אַ ווײַלע, דערנאָך דערצעהלט ער כהאי לישנא:

— הערסט, ביי אונז האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה! איך זאָל נישט זאָגען קיין גוזמא, אפשר אין צעהנטען הויז פון רבי'ן זכרונו לברכה, האָט געוואָהנט אַ קצב. איך זאָל נישט זינדיגען מיט די ריד, — ער איז שוין אויפ'ן עולם האמת, — אַ מגושמ'ער קצב, אַ קצב שבקצבים! אַ קאַרק ווי אַ שטיער־אָקס, ברעמען ווי די באַרשטען און הענד ווי די קלעצער! היינט אַ שטיער־אָקס, ברעמען ווי די באַרשטען און הענד ווי די קלעצער! היינט— אַ קול! אַז ער רעדט, דאַכט זיך, עס דונערט פון ווייטען, היל שיעסט! ער איז, דאַכט זיך, אַ בעלזער חסיד געוועזען.

— נו, נו... ברומט ר' זרח.

— ד'לעבען! ענטפערט שכנא קאַלטבלוטיג, ער פלעגט דאַוועגען מיט משונה־ווילדע הויות, מיט אַלערליי אייבער־קולות און אונטער־קולות. ביי זיין „יזכרו", האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפּריצט מיט וואַסער אויף פייער!

— מוהל, מוהל!

— היינט, זיי דיך משער, וואָס פאַר אַ מהומה עס ווערט, אַז אַזאַ בחור זעצט זיך צו דער הגדה!... מען הערט יעדעס וואָרט ביים רבי'ן אין שטוב! מילא — אַ קצב זעצט ער ווי אַ קצב; לאַכט מען אַרום טיש. דער רבי, זכרונו לברכה, — קוים, קוים וואָס ער ריהרט מיט די ליפען; מען זעהט דאָך בחוש, אַז ער שמייכעלט... שפּעטער אָבער, אַז דער „התן־דנן" האָט אָנגעהויבען צעהלען די מכּות, אַז זיי האָבען איהם אָנגעהויבען אַרויספליהען פון מויל ווי די קוילען, און ער זעצט נאָך דערביי אין טיש אַריין ווי מיט אַ האַמער, אַז מען הערט, ווי די כּוסות קלינגען, — איז דער רבי, זכרונו לברכה, אַריינגעפאַלען אין אַיין אומעט, אין עצבות...

— אין עצבות — יום־טוב — פסח? וואָס רעדסט דו?

— מען האָט טאַקי געפרעגט!

— און וואָס האָט ער געענטפערט?

— דער רבונו של עולם אַליין, — האָט ער געזאָגט — איז ביי יציאת מצרים אַריינגעפאַלען אין עצבות! —

— וואו האָט ער עס גענומען?

— אַ מדרש! אַז די בני ישראל זענען אַריבער איבער'ן ים, און דאָס וואַסער האָט פערדעקט און פערטרונקען פרעה וכל חילו, האָבען די מלאכים אָנגעהויבען זאָגען שירה. שרפים ואופנים זענען זיך צופלויגען אין אַלע זיעבען הימעל מיט אַ זמר, מיט אַ בשורה טובה! אַלע כוכבים ומזלות האָבען אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען! און די גלגלים, — קאָנסט דיר פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז געוועזען, די טומאה איז איינגעזונקען געוואָרען! נאָר דער רבונו של עולם האָט אַלע אָבגעשטעלט, פון כסא הכבוד האָט זיך געהערט אַ קול: מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? — מיינע קינדער טרינקען אין ים, און איהר פרעהט אַייך און זינגט! וואָרום פרעה וכל חילו, — דעם כח הטומאה אַליין, האָט אויך גאָט בעשאַפען... ורחמיו על כל מעשיו, כתיב!

— מילא! זיפצט ר' זרח.

ער שווייגט אַ ווילע און דערנאָך פרעגט ער:

— אויב עס איז ווייטער אַ מדרש, וואָס האָט ער אויפגעטהון!

ר' שכנא שטעלט זיך אָב אַ זון זאָגט ערנסט:

— ערשטענס, בעלזער נאַר, איז קיינער נישט מחויב מהדש צו זיין; אין מוקדם ומאוחר בתורה... דאָס אַלטע איז ניי, דאָס נייע איז אַלט... צווייטענס, האָט ער אונז מגלה געוועזען דעם סוד, פאַר וואָס מען לייענט די הגדה, אפילו די מכות פון דער הגדה, מיט אַ טרויעריגען סיני־נגון, וואָס איז טאַקי דורכגענעצט מיט עצבות. און — דריטענס, האָט ער דערמיט פערטייטשט אַ פסוק: אַל תשמח ישראל אל גיל כעמים. מנושם, גראָב פרעה זיך גישט! דו ביזט נישט קיין פויער!...... נקמה איז נישט קיין יודישע זאַך.

———————

IX.

ל״ג בעומר:

אינהאלט.

	זייטע
ל"ג בעומר	215

ל״ג בעומר.

אַ יום־טוב פאַר קינדער!

וואָס אייגענטליך ל״ג־בעומר איז, אסור אויב איך ווייס! אין חדר, געדענק איך, פלעגט דער רבי צו דערציילען פון אַ מגפה צווישען רבי עקיבא׳ס 24,000 תלמידים... אויך פון „הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי״ און פון בוימעל גיסען אויף זיין קבר! נאָר איך האָב ווייניג וואָס געהערט; מיר איז עפּעס אַ נדערש געלעגען אין קאָפּ: עס זענען שוין אַריבער די טרויעריגע ספירה־טעג, ל״ג־בעומר הייבט מען זיך אָן באָדען, און דאָס וואַסער דאַרף אַ מענש, מוז מען עס אָבנאַרען מיט אַ קאַטץ!

„נער הייתי וגם זקנתי״ און ציננד זעהט מיר דאָס אַלעס אויס אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירליך! מגפות האָבען פּאַרצייטען אויך נישט געפעהלט, עס זענען נאָר אַנדערע קמיעות, אנדערע רפואות און אַנדערע דאָקטורים געוועזען! אַז עס איז אַ מגפה געוועזען, און זי האָט ל״ג־בעומר אויפגעהערט — איז זייער ריכטיג, יעדע מגפה מוז אַמאָל אויפהערען; אנטיסעמיטיזם, פאַנאַטיזם, ספּיריטיזם זענען אויך מגפות און וועלען אויך אַמאָל אויפהערען... און יענע מגפה האָט נישט געקאָנט וויסען, אַז עס איז ל״ג־בעומר, זי זאָל, גאָט ווייסט ווען צו להכעיס, דוקא אויפהערען אַ טאָג פריהער אָדער שפּעטער! און ר׳ עקיבא, אויב ער האָט געהאַט אַזוינע ענגע, דושנע און ברודיגע חדרים, ווי אונזערע קינדער האָבען היינט, איז לייכט צו פערשטעהן, פאַר וואָס די מגפה האָט זיך אין זיינע תלמידים געהאַלטען!

הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי איז אויך צו דערליידען. „הלולא״ איז אייגענטליך אַ חתונה און דאָ מיינט מען גאָר אַ יאָהר־צייט, נאָר עס מאַכט נישט אויס. סאַפיר זאָגט, אַז איבער דעם האָט אַ חופּה 4 שטאַנגען, ווייל די איז מעהרסטענטיילס אַ דאָפּעלטע מטה! און מרדכי הב״ד זאָגט, אַז דעריבער בעדעקט מען די כלה, זי זאָל נישט זעהן ווי מען קוילעט זי. אַז די,

וואָס ווילען נישט קיין איליומינאַציע אויף די חשמונאים׳ס נצחון געגען די גריכען, נאָר דוקא הייליגע חנוכה־ליכט לזכר פון נס, אַז פון איין פּאָרציע בוימעל האָט זיך אויסגעמאָסטען אַכט, האָטש דאָס מאַכט היינט אַ ליאַדע סוהר׳טע, אַז די לייט, וואָס האָבען ליעב און לעבען פון נסים אויף דער מאָס און וואָג, גיסען בוימעל דוקא אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר, איז אויך נישט חוץ לדרך הטבע; זיי גלויבען פעסט, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געמאַכט דעם זהר, דער זהר — די קבלה, די קבלה — הסודים, און אונזערע הסידים׳לעך (און דאָס איז טאַקי אמת) האָבען מתקן געווען נאַסען און דאָך ברענענדיגען תקון, וואָס מאַכט דעם גאָרגעל פייכט, דאָס לעבען זיס און דעם קאָפּ אַזוי לויטער... ממש ווי זהר־לשון!

עס איז מיר אפילו היינט קיין וואונדער נישט, אַז וואַסער לאָזט זיך אָבנאַרען און נעמט צו אַ קאַץ פאַר אַ מענש! טהוען מיר דען אַנדערש? געהט אַרוים אויפ׳ן הייליגען אָרט, עפענט אויף דאָרט די קברים, אויב איהר וועט נישט געפינען 90 פּראָצענט קעץ! עפענט אַ בלאַט געשיכטע און בעטראַכט גוט, וועט איהר זעהן, אַז מען רעדט מכלומר׳שט פון מענשען און פון צווישען די שורות קוקען אַרוים פרומע קעציגע בלאָהע אייגעלעך, אז עס איז אַ מהיה! עס טרעפט זיך, אַז בערען פיהרען דאָס רעדעל, ביינער קנאַקען אונטער די ציינער, בלוט פליסט פון פיסק אַראָב אַרום די לאַפּעס... עס טרעפט, אַז פוקסען האַפּען די לייצען אין די הענד אַריין און פערפאָהרען גלייך צו דער היהנער־שטאַל, און פעדערן פליהען עד לב השמים, נאָר על פי רוב — דרעהט אונז דעם שטריק אַרום דעם האַלז אַ פראָכטע ווייסע אָדער שוואַרצע, נאָר — זכרונה לברכה — אַ קאַץ!...

איך וואָלט אַ סך גערעדט פון טויטע קעץ, איך זאָל קיין מורא נישט האָבען פאַר די לעבעדיגע... אַך, זיי דראַפּען און — ערגער נאָך — זיי מסר׳ן!

נאָר ווי עס איז, פון וואַנען ל״ג בעומר קומט אַרויס, זאָל זיין פון דער קאַץ אַליין, אַבי צום לעבען! אַבי אונזערע אָרימע קינדער חאַפּען זיך האָטש איינמאָל אין יאָהר אַרויס פון תפיסה, פון פינסטערן חדר. דער „סמאָטר׳טעל״ אַליין — דער בייזער מלמד, עפענט אַליין אויף די טהיר און פיהרט זיי אין וועלדעל אַריין! אָ, לאַכט נישט אויס איין טאָג אין פרישען, פרייען וואַלד!

דאָס קינד גיט זיך קיין רעכענשאַפט דערפון נישט אָב, נאָר עס

דערפיהלט פאָרט, אַז אין הדר איז דאָך נישט ווי עס דאַרף צו זיין! דער הימעל איז דאָ נישט אַזוי קליין, נישט אַזאַ שמאַטקעלע, ווי צווישען דעם רבי׳נס פענסטער מיט׳ן שכן׳ס דאַך! די סאָסנע שיסט גלייך אַרויף צום הימעל, נישט געקרימט, נישט געבויגען, גלייך, אָהן קונצען, אָהן פשטלעך, נישט פערקניפט און נישט פערבונדען!

דאָס קינד קלערט זיך: דאָ וואָהנט גאָט, און דאָרט — דער רבי... פרישע לופט, פרייער אָטהעם, געזאַנג פון פייגעל, געהדיש פון בלעטער, פערשיידענפאַרביגע בלומען, גאָלדענע און זילבערנע זומער-פייגעלעך — זענען גאָט׳ס, און די בלאַטע, דאָס מושב, דאָס ענגעניש, דער ברוד און די געדרעהטע, פערקניפטע, פער׳כשופ׳טע פשטלעך — זענען טאַקי דעם רבי׳נס!

עס לאָזט מיך נישט שרייבען, אַזאַ גערודער ווערט אין גאַס! איך לויף צו צום פענסטער!

די גאַלעווקעס הישען ווי אַ ים, די פראַנצישקאַנער שומט און יאָגט, און פון דעם מבול מענשען שווימט אַלע מאָל אַרויס אַ נייער אָמניבוס, אָנגעפּאַקט פול און פול מיט קינדער! אָך! ווי זיי זעהען אויס, די קינדער!

! בלאַסע, גרינע, געלע און אַיינגעריסטע פנימ׳לעך... זעלטען אַ געזונד בעקעלע, זעלטען אַ פריש פנימ׳ל! נאָר אַלע זענען רידרעוודיג, אומגעדולדיג, און אַלע אייגעלעך ברענען ווי די ליכט!

פאָהרט, קינדערלעך, פאָהרט, איך ווינש אַייך...

נאָר ניין, נישט אַלע ווינש איך! נישט אַלע! זאָגט מיר, קינדערלעך, פריהער, וואָס פון אַייך וועט אַרויס, וועל איך אַייך זאָגען, וואָס איך ווינש אַייך! אָט ווייזט מיר נאָר, ווער פון אַייך וועט האַנדלען מיט ווערמאָגנטס סחורה, אָדער גלאַט אַזוי — מיט פרעמדען שוויים און בלוט; ווער עס וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה; ווער עס וועט אויסוואַקסען ווי אַ צווייגעל פון אַיין אַנדערנס מצבה — אָ! זאָגט מיר ווער, דעם וועל איך אָהן רחמנות אַרויסשלעפען פון דער בויד און וואַרפען אונטער די רעדער!

נאָר זאָגט מיר איך, ווער פון אַייך וועט אַרויסוואַקסען אַיין עהרליכער אַרבייטער, וואָס וועט לעבען פון אייגען שוויים און בלוט; זאָגט מיר, ווער פון אַייך וועט לעבען אויף דיין אייגענעם חשבון, נישט זיין קיין לייז אויף אַ פרעמדען קאָפּ, נישט אַריינשטעקען ווי אַ וואָרם די זויג-

נעפ אין אַ פרעמדען מאָגען — זאָגט מיר ווער, און דעם וועל איך געבען עטליכע גוטע, פיינע ביילעך צו לעזען, וואָס וועלען איהם זיכער צו נוץ קומען!

זאָגט מיר איך, ווער פון אייך וועט זיך מאַכען פון דער תורה אַ סחורה, און וועט זי פערקיפען איפ'ן קווינט און אויפ'ן לויט, אויפ'ן גלעזעל, ווי בראָנפען אין שענק... ווער פון אייך וועט מאַכען מאָנאָפאָלען אויף כשר'ן וויין, האַנדלען מיט הכשרים אויף מעהל, אַריינשטעקען דאָס גאַנצע יודישקייט אין אַ הליצה־שוך, אָדער צומאַכען נאָך דאָס קלענסטע הומרא'לע, צוואַרפען נאָך איין דראָבנע שטיבעלע צו דער גלות־טאַטשקע — זאָגט מיר ווער, וועל איך איהם אַרויסשלעפען אָהן רחמנות פון ב״יד און וואַרפען די פעחד אונטער די פיס, וויל נאָר פערדס־פאַרקאָזעס קאָנען אַרויסשלאָגען אַ פונק פון אַזוינע פינסטערע קערפער!

נאָר זאָגט מיר איך — ווער פון אייך וועט אַרויסוואַקסען אַ מענש מיט אַ שטאָלצען שטערן, פרייע אויגען, אַ קלאָרען מוח און אַ בריית, אָפען הארץ... אָ, זאָגט מיר, ווער פון אייך וועט זעהן ווייטער אַלס איין מינוט, און וועלכער עס פערזינקט דאָס גראָבע עם־אַרצישע לעבען; וועמענס בליק וועט זעהן ווייטער ווי די דלת אַמות, וואָס דער פרוש האָט פאַר'ן נאַרישען אינדיג אַרומגעקריידט — אָ, זאָגט מיר ווער, וועל איך איהם אַראָפנעמען פון ב״יד, אויסקושען יעדער אֵבר און מיטנעמען מיט מיר אין וואַלד אַריין...

דאָרט, אין פרישען, גרינעם וואַלד, וועלען מיר זיך זעצען אונטער איין אַלטען, קליגען בוים מיט ווייט־פערשפרייטע צווייגען, מיט מיליאָנען פרישע, גרינע בלעטער, וואָס זאָגען צו מיליאָנען פרישע, גאָה נייע בליטהען... דאָרט וועלען מיר זיך זעצען, דאָרט... אינ'ם שטילען אָרט, וואו מען הערט נישט די עם־ארצים שרייען, די אָקסען בלעקען און די הינד בילען... דאָרט וועל איך איהם פערטייטשען, וואָס פריהלינג בעטייט, וואָס פריש לעבען הייסט; איך וועל איהם דערצעהלען, וואָס עס סוד'ען זיך די בלעטער, וואָס עס תישט דאָס יאָגענדיגע וואַסער און וואָס עס בלאָזט אין די אויערן אַריין דער פרישער הינד...

אָך! איך וועל איהם נאָך אַ פּאָר שענע מעשה'לעך פערצעהלען אין שענקען — עס איז דאָך ל״ג בעומר — אַיין אמת'ען, גוטען פייל־אין־בויגען...

X.

שבועות.

אינהאלט.

זייטע

צו׳ם עולם התהו (הומאָרעסקעס) . . 221

די פערשטויסענע (בילדער) . . 228

צום עולם התהו.

פון דער פראָווינץ פליהט אַ קנויל פון נשמות אין הימעל אַריין.
עס זענען פרישע נשמהלעך, ערשט נעכטען, אסרו־חג־שבועות, פון „געפענגעניש" אַרוים...

צום הימעל איז ווייט, און איבוואויל זיי האָבען פליגעל ווי מלאכים און טראָגען שוין נישט די לאַסט פון אונגעלומפּערטען קערפּער, קאָנען זיי דאָך די טויערן פון הימעל מיט איין מאָל נישט דערגרייכען.

עס קומט דערפון, וואָס די געוואָהנהייט איז די צווייטע נאַטור. און אונזערע נשמות האָבען אין זיך נאָך פיעל געוואָהנהייטען פון יענער וועלט, וואו „מנוחה" האָט געהייסען „גליק", וואו געהן מוט אַמאָל און ווייט האָט מען נישט געקאָנט און נישט געטאָרט; וואו מען פלעגט זאָגען: „פון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרוים", „פון נישט געהן און נישט באַדאַרפען האָט מען קיין חרטה נישט" און — „שטילער פאָהרען, ווייטער קומען!"... פאַרהאַן, זאָגט מען, אָדלער, וואָס שיסען גלייך און מיט אַמאָל אַרויף צו דער זון. זענען זיי אָבער, ערשטענס, מענשען, נישט קיין אָדלער געווען, און אפילו אַיין אָדלער פליהט אויך נישט מיט אַמאָל און גאָר נישט צו דער זון, מאַלע וואָס מען פערצעהלט...

נאָר לאָמיר צוריקגעהן צו דער זאַך.

ביים ערשטען בעסטען וואָלקען האָט זיך דער „קנויל" אָבגעשטעלט.

— האָט נישט ווער אַביסעל בראָנפען? — פערגעסט אַ נשמה, וואו זי האַלט אין דער וועלט.

— אוף! — סאַפעט אָב די צווייטע; איבוואָהל דער טייל, וואָס קאָן און דאַרף מיעד ווערען, ווערט דאָרט אונטען אויף אַ מטה צוגעטראָגען צום אָפענעם קבר.

— ווי די זון ברענט און בלענדט! — קלאָגט זיך אַ דריטע, אויך איהם לויטער געוואָהנהייט, פערגעסענדיג, אַז זי ליעגט שוין נישט אינם

פינסטערן „עפר ואפר"־שטיבעלע, קוקט שוין נישט ארויס דורך צוויי קאַרגע שפּאַלטען מיט ברעמען פערשטעלט, אַז די זון מיט איהר גאַנצען פייער קען איהר די אויגען, וואָס זי האָט נישט, נישט אויסברענען.

איינע וויל הערען עפּעס נייעס; אַיין אַנדערע וואָלט גערן געוואוסט, ווי האַלט מיט קאָרן אָדער מיט פּאָליטיק.

— אינטערעסאַנט צו וויסען, — זאָגט עמיץ, — צי איז סאַניי ווירק־ליך אַ טאַלענט —

אין דער רגע איז אָבער הרכנעפליגען אַ ליכטיגער מלאך.

זיינע זילבערנע פליגעל רוישען אין דער לופט שטיל און זיס. דער אָבגלאַנץ פון זיינע אויגען זיימט די לייכטע אַלבאַסטער־נעפּעל מיט גאָלד און שאַפיר. בעגריסט פון די שטערן, שמייכעלט ער זיי צו, און פון שמייכעל צופליסען זיך נייע שטרייפען ליכט איבער'ן הימעל.

ער דערהערט פון וואָס נשמות רעדען, און אויף זיין ליכטיג־הייליג פּנים לעגט זיך אַ שאָטען פון טרויער אויס... פון די ליכטיגע אויגען פאַלט אַ טרעהר פון רחמנות. אונטען ערגיץ וועט זי פאַלען אויף אַ לע־בעדיגע נשמה, און זי וועט שיין אין בענקשאַפט פערגעהן..

ער גיט אַ מאַך מיט אַ פליגעל! „מיט וואָס דער טאַפ האָט זיך אָנ־געקאָכט!..." הייסט עס, און פליהט ווייטער זיין וועגס

די פערשעמטע נשמות לאָזען אַראָב די קעפּלעך.

— פון וואָס דען רעדט מען? — קלערען זיי טרייעריג, נישט אָנ־הייבענדיג צו בעמערקען, אַז זיי פליהען שוין לאַנג נישט פריי אויף איי־גענע פליגעל... נאָר דער וואָלקען, וואָס ווערט נאָכ'ן מלאך'ס אַוועק־פליהען אַלץ טונקעלער און טונקעלער, טראָגט זיי ערגיץ אַוועק אין אַ זייט.

פון וואָס רעדט מען דאָ?

אויף יענער וועלט איז געוועזען אַזוי פיעל צו רעדען! עס זענען אַזוי פיעל פראַגען געוועזען, אַז דער מענש האָט זיך נישט געטרויט אויף אַלע זיך אַליין צו ענטפערן. זיך האָט ער נאָר איבערגעלאָזט די „שאלת־פרנסה", דאָס פערזאָרגען דעם מאָגען; מיט אַנדערע האָט ער זיך געווענדט צו וועמען עס איז... צו אַלטע ספרים, אַלטע קברים, רביים,

טאָטערס, כשוף־מאַכער, גורל־וואַרפער... און דעריבער, אויסער ברויט, קרויט, און אַ שטיקעל פליישׁ און פישׁ, האָט ער אויף אַלעם געקוקט מיט פ ר ע מ ד ע אויגען, געהערט מיט פ ר ע מ ד ע אויערן... און דאָך איז דאָס מייל קיין רגע נישט געשטאַנען, עס האָט שטענדיג געמאָהלען, און דאָס געהירן איז שטענדיג פול געוועזען. און דאָ... דאָ, איפ׳ן וואָלקען, פיהלען זיי זיך אַזוי לעער...

פון דער וויטענס פליהט די קייל, אויף וועלכער זיי האָבען געלעבט. איינגעהילט אין אַ שוואַרצען וואָלקען פליהט זי. אונטער דעם וואָלקען זענען געבליבען זייערע געדאַנקען, זייערע פראַגען, זייערע אינטערעסען צום ריידען. און זיי איז געבליבען נאָר אַ שוואַכער אָבגלאַנץ פון ברויט מיט קרויט... איז אָבער דאָס דעם מלאך נישט געפעלען.

— מען וואָלט געדאַרפט רעדען פון ג וט ע זאַכען, — מיינט אַ נשמה.

— פון פ ר ו מ ע! — פערבעסערט אַ צווייטע.

— האָטש אַ וואָרט ת ו ר ה! — ראָטה אַ דריטע.

די צונג אָבער לעגט זיך נישט.

דאָ איפ׳ן וואָלקען, אין דער הייך, האָט אַליץ גאָר אַיין אַנדער פנים. עמיץ דערמאַנט זיך פון עפעס „גוטס" פון דאָרט, שטעלט זיך אידם פאַר די אויגען אַ שענער עפעל, געדרייטעלט ווי אַ פערשעמטע בתולה, מיט אַ גרינעם וואָרם, וואָס קוקט פון עפעל אַרויס. דאָס שלעכטע פון דאָרט זעהט אויך גאַנץ אַנדערש אויס... ווי עפעס אַזינס, וואָס האָט ריצען, די זאַך איז נישט שען, מיאוס, אָבער פון די ריצען שטראַהלט עפעס אַרויס... מעהר־סטענטייל שטראַהלט עפעס אַרויס... האָט מען מורא דערפון צו רעדען...

און פרומקייט? ווער ווייסט, וועלכער נוסח עס איז נוהג אין הימעל: ספרד צי אשכנז, אָדער אפשר זענען גערעכט גאָר די דייטשען און די נאַציאָנאַליסטען? נאָך וואָס „בעליידיגען די געפיהלען" — וועגען פרנסה געהט עס, וואָס?

עס רעדט זיך אפילו קיין ת ו ר ה נישט.

די „בני־תורה" צווישען די נשמות זענען געוואוינט צו נעפעלדיגע שלש־סעודות־תורה, בעגלייט מיט לאַנג־געצויגענע, מאָנאָטאָנע מעלאָדיען, און צווישען „אנשי שלומנו", נאָך אַ קאָפּ און נאָך אַ קאָפּ... גיה זאָג איפ׳ן וואָלקען אַ גמטריא, פליהט פאָרביי אַ ליטווישער מלמד און רעכענט נאָך!

— אַ, — דערמאַנט זיך פלוצלונג אַ נשמה: — שבועות! — האָט איהר אײַך געפרעהט מיט קבלת התורה?

עטליכע רוקען זיך אָב אין אַ זייט — זיי זענען דאָרט „קאַזיאָנע" רבנים געוועזען! זיי מאַכען זיך אַ בעזונדער רעדעל און רעדען, און פרע-נען זיך: וואָס מען וועט זאָגען אויף יענעה וועלט אויף דער טאַקסע פאַר נפטרים ונולדים?

דער גרעסערער קראַנץ נשמות האָט זיך טאַקי אָנגעהאַפּט אָן שבועות, אָן דער שאלה: ווער און ווי אַזוי עס האָט זיך געפרעהט מיט קבלת התורה.

— „אָביאַזאַטעלנאָ", — שפּרינגט אַרויס אַ ליטווישער בעל-טאַקסע,— געפרעהט זיך, ווי דען! איך וואָלט שען לייט געוועזען אָהנ'ם תורה'לע! עס וואָלט אפילו קיין „סוויעטשנאָי סבאָר" נישט געוועזען! „נאַקאַנוניע" אסרו-חג האָב איך „וו'ציעסט" דעם תורה'לע אַ „וועטשער" געמאַכט, אַ קאַק-זשע, מיין דאָריטשקע האָט געשפּיעלט, „זינקאַ סדיעלאַלאַ פּוראָר" — די וועלט אָבגענומען! מאָיסעי אַנדרעיעוויטש איז פון דער „שקוראַ" געשפּרונ-גען. ער וואָלט זיך „אָביאַסניאַיעט", נאָר ביים „אוּזשין" האָב איך אײַנ-געשלונגען אַ ביין, און אָט — בין איך דאָ!

— און איך — רופט זיך אָן אַ מלוה — האָב מיך נוהג געוועזען, ווי אבות-אבותינו. שאַווער, תקון שבועות מיט פּוטער-געבעקס — מעהר דאַרף מען נישט! גאָט וויל נישט מעהר! מיט'ן תורה'לע האָב איך מיך אַוודאי געפרעהט. „לנכרי תשיך", מיט היתר עסקא אונטערגעשלאָגען,— מיין פרנסה! האָט אָבער מיין ביילא-גיטעל, וואָס איך האָב איהר אַ סאַ-מעטענעם מאַנטעל און מיין אייגענעם לאָמבאַרד געקויפט, פאַר גרויס פרייד אָבגעבאַקען צו פיעל, צו פיעל גוטע זאַכען און — „איידער גאָט'ס גאָב זאָל קאַליע ווערען — —"

— האָט דיך דאָס פּוטער-געבעקס אַרויסגעשיקט! — פאַלט איהם אַ רבי'ל אין די רייד אַריין. און אײַן אמת רבי'ל, מען פיהלט פונ'ם מקוה-וואַסער!

— געפרעהט זיך מיט קבלת התורה — פערצעהלט ער — האָב איך! אָביסעל — זאָגט ער — שפּירט אויף פּאָמע-אַנצען-שאָלען — האָט די

רביצין אָנגעגאָסען; בעלי-בתים האָבען איך געשיקט — דער אַ פלאַש חיין, יענער — אַ לעקעך, אַ התיכה'לע טאָרט... וואָס זאָל איך אַייך זאָגען? טעם גן-עדן! טאַקי אַ שמחה געווען! ווירקליך זיך מיט'ן תורה'לע גע-פרעדט... וואָרום — וואָס וואָלט איך אָהנ'ם תורה'לע געטהאָן? אַ „לא יצלה", אַ גולם, וואָס? איין פּיס נאָך אַ לענגערער, אַ הייטעל אויף אַיין אייג און, רחמנא ליצלן, ניט פאַר אַייך געדאַכט...

און אָנהייב האָט דאָס רבנות נישט געטראָגען... מיט דער צייט — מאַכען זיך הכשרים. יין-קדוש צאָהלט, פּסחד'יגער בראָנפען צו זיין — אַיין אינצר! קצבים צאָהלען, ווי דען! און אַז אַ חברה סטודענטען ווילען מתיר זיין שמטה אין ארץ-ישראל — אַ פינף-און-צוואָנציגער! ווי דען! דער הליצה-שוך וועט אויך זיין אַ געשעפט; מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען דערפון!

— געשטאָרבען בין איך, — גיט צו דאָס רבי'ל, — איך ווייס אַליין נישט אויף וואָס; עפּעס פלוצלונג... אַז מען האָט מיך „אַראָבגענומען", האָט מען געזאָגט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאַצט, ווייל אפיקורסים ווילען מבטל זיין חליצה... זאָל זיין אַזוי! ליגענט איז עס — ווער הערט זיי?

— און איך — פאַלט אַריין אַ מלמד — האָב מיך אויך געפרעהט; איך האָב דאָך יאָ פרנסה פון תורה'לע...

— בטלן! — האַקט איבער אַיי אַנדערע נשמה. און, ווענדענדיג זיך צו'ם רבי'ל, מאַכט זי:

— איהר דערקענט מיך נישט? דאָס האָב איך דאָך אַייך דעם פונף-און-צוואָנציגער דערלאַנגט!

און צו'ם „עולם" געווענדט:

— קיינער קען מיך נישט?

— איך געדענק נישט, — מאַכט דער רב. — האָסט געמוזט אַנדערש אויסזעהן...

— אַביסעל פרומער, — ענטפערט די נשמה. — מיר האָבען זיך אַזוי אָבגעשמועסט...

— נו, שלום עליכם! — מאַכט דער רב, און בעמערקט ערשט, אַז ער האָט קיין האַנד נישט צו דערלאַנגען.

— עליכם שלום! אַ וואונדערליכע זאַך, דאָרט האָבען מיר זיך דאָך אַלע געקענט!

— איך היים — אַך! — האַפּט ער זיך צוריק — איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך האָב מיין נאָמען דעם עפּר־ואפר — דעם גילם פאַר׳ן מלאך הומה איבערגעלאָזט... און האָב פערגעסען, ווי איך היים. גאָר „קאָכער־לעפעל״ האָט מען מיך גערופען; אַנדערע, פאַר קנאה, האָבען מיך „טעלער־לעקער״ גערופען, נאָר ווער מאַכט זיך דערויס!

אָבער אַ שבועות האָבען מיר געמאַכט — גאָר אויפ׳ן גרויסען אופן! פערשטעהט איהר, מיר אַליין זענען נישט־גלייביגע... אַמאָל האָבען מיר געצייגען דעם דגל־מחנה־יהודה קיין מזרח... און אַלץ וויטער און וויי־טער אין מזרח... אָבער, אַז דער ווינד האָט זיך איבערגעדרעהט, האָ־בען מיר זיך אויך איבערגעדרעהט, און געבלאָזען: צוריק! איך פלעג זיך אָננעמען פיל מיט לפט און אַרבייטען ווי אַ מיעד!... פאַר׳ן המון האָ־בען מיר אַ שבועות געמאַכט! דעם המון מוז מען האַלטען... אַ ניט... איהר פערשטעהט שוין, אַז אַזוינע גראָבע יונגען...

— געוואַלד! — הערט זיך פלוצלונג אַ געשריי פון צווייטען קרענ־צעל — געוואַלד! מיר זענען דאָך אונטער דער ערד!

— פון וואַנען ווייסט דו?

— וואָס הייסט? איך קאָן נישט קיין געאָגראַפיע? איך בין דאָך עפּעס אַהיים פון צווייטען קלאַס! — ענטפערט אַ „קאַזיאָנני״.

— אָט, אָט האָט איהר די ערד פון אויבען! — האָט נאָך אַ רב אַ משכיל געוויזען מיט אַ שפּיץ פון אַ נשמה־פליגעל!

און אַלע דערזעהען, ווי די ערד פליהט איבער זיי, און דער וואָל־קען נעמט זיך אַלץ טיעפער און נידריגער און — עפּעס גאָר אין אַ זייט...

מאַנכע רייסען זיך אָב פון וואָלקען און שיסען אַרויף אין דער הייך: זיי ווילען די ערד דעריאָגען און איבער איהר צום הימעל דערגרייכען. אַנדערע לאַכען זיך אויס: „אויף אייגענע פליגעל פערלאָזען!״ „זיצסט אויף אַ וואָלקען, צאַהלסט נישט קיין פוהר־ אָדער באַהן־געלד, פאָהר!״

אָבער אויך די נשמות, וואָס זענען אַרויפגעפלויגען, האָבען זיך באַלד צוריק אַראָבגעלאָזט.

— אַ שרעק, — פערצעהלען זיי, — ווי ווייט יענע וועלט איז פון אונז אָבגעפלויגען, און גאָה אין אַ זייט... מיר וועלען זי שוין נישט דעריאָגען!

זיי דערצעהלען נאָך, אַז נעהנטער זעהט אַזונד די ערד גאָר אַנדערש

אוים; זי איז עפּעס הייטליך און גאָלדען-ליכטיג.

זיי פערמישען זיך צוריק אינ'ם קרענצעל, רעדען פון יענער וועלט, און בעמערקען נישט, אז עס ווערט וואָס אַמאָל נעפּעלדיגער, פינסטערער, אויפ'ן וואָלקען לעשען זיך די גאָלדענע רענדער, די זון ווערט ערגיץ פערפאַלען און קיין לבנה און קיין שטערן בעווייזען זיך נישט... וואָס אַמאָל לעגען זיך דיקערע און געדיכטערע שאָטען, און וואָס טונקעלער עס ווערט דער וואָלקען, העלער און ליכטיגער ווערט די קיל — די ערד, און זי פליהט וואָס אַמאָל העכער און ווייטער, און ערגיץ אין אַ זייט...

עס ווערט אונרוהיג אין קרענצעל.

— וואָס טהוט מען? וואו אַהין פליהען מיר?

— „בידך אַפקיד רוחי!" — לייענט קריאת-שמע דאָס רבי'ל און הייבט אן שנאָרכען.

אַנדערע בעמערקען עס:

— אַזוי! מען קאָן דאָ אויך שלאָפען! מהיכי תיתא!

און ליסטיג, לעבעדיג צולעגען זיי זיך אויפ'ן וואָלקען-רוקען און שלאָפען אַיין.

די ערד ווערט אַלץ ליכטיגער און יאָגט זיך אַלץ העכער און ווייטער אויף איהר וועג, און די שנאָרכענדיגע נשמות פליהען אויפ'ן שוואַרצען וואָלקען— צום עולם התהו.—

פערשטויסענע.

אַ גאַנצען מאַי — רעגען און קעלט.

עס האָט זיך געדאַכט, עס וועט שוין קיין רעכטער זומער נישט זיין; עס וועט שוין אַזוי פֿריהרען און נעצען אַ גאַנצע צייט.

פּלוצלינג, ערב שבועות בעוויזט זיך די זון.

— תורה איז ליכט! האָט דער טאַטע מיט אַ שמאָלצען נחת געזאָגט, און גענומען זיך אויסזוכען דעם תיקון שבועות אויף ביינאַכט.

— לכּבוד דעם הייליגען יום־טוב: פערטייטשט די מאַמע מיט פרייד און נעמט זיך צו'ם פּוטער־געבעקס.

— געלע חלה וועל איך אייך באַקען! — האָט זי אונז צוגעוואָרפען אַ בשורה.

און באַלד האָט דער אויסגעמישטער געשמאַק פון פרישׁ טייג, זאַפֿערן, צימרינג און נעגעלעך, פון פערצוקערט־זויערליכען קעז און צולאָזטער פּוטער פערפולט די שטוב.

מיין יונגערע שוועסטער חנה האָט געשוויגען. זי זיצט זיך ביים פענסטער איבער אַ ראָמאַן, זי לעזט אָבער נישט און קוקט עפּיס אומרוהיג אין גאַס אַריין. אַזוי איז זי שוין.

די מאַמע רופט זי עטליכע מאָל צו הילף, זי ענטפערט נישט. אַרום די ליפּעלעך שפּילט אַיין איראָנישער שמייכעל. זי שווייגט.

— פוילע זאַך! ברומט די מאַמע. ביכער־שמיכער... וואָס ווייס זי פון אַ יום־טוב!

דער טאַטע מישט זיך נישט... אין שטוב זאַכען מישט ער זיך קיינמאָל נישט אַריין... ער האָט דערווייל געפונען און אָבגעשטויבט דעם תיקון שבועות און האָט זיך פאַר'ן באַד צוגעלעגט שלאָפען, מען וועט דאָך אויף זיין ביינאַכט. און די מאַמע הערט דעריבער אויף צו ברומען, זי וויל דעם טאַטען נישט וועקען.

זי האָט מיך מיט אַוואונק צוגערופען, דערלאַנגט אַ פּאָר גראָשען, און געהייסען אַרויסגעהן קויפען שאַווער (גרינס) אויף דער פּאָדלאָגע, און קאָליערט פּאַפּיער, אויסצושניידען רייזעלעך צו די פענסטער....

איין גאָט ווייסט: עס איז מיר אַשאָד געווען איבערצולאָזען די שטוב מיט דער שיסעל סמעטענע, דעם פערצוקערטען קעז און די שקאַרמיצלעך מיט ראָזינקעס, אָבער אַליין קויפען, אַליין אויסדינגען און בעצאָהלען פאַר גרינס און פּאַפּיער, איז מעהר יצר־הרע, — און איך בין אַרויסגע־לאָפען פון שטוב.

———————

און נאָך דער פרייד — אַ שרעקליכע שבועות־נאַכט....

חנה, מיין שוועסטער, איז אַוועק...

מיר, איך מיט'ן טאַטען, זענען מיר געגאַנגען דאַווענען, די מאַמע האָט זיך פאַר ליכט־בענשען צוגעלעגט... איינגעדרימעלט.

אין דרימעל האָט זי עפּיס אַ פּייף געהערט, נישט געמאַכט זיך דערפון — און דאָס איז פאַר דער שוועסטער חנה אַ צייכען געווען — זי איז אַוועק צו אונזערע פיינד אַוועק..

און אויסגעקליבען האָט זי שבועות, זמן מתן תורתנו...

———————

אַליץ געהט פאַרביי...

אויפ'ן אָרט בלייבט גליק און אומגליק, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע...

מיר אָבער געהן ווייטער און ווייטער צו'ם אָרט, וואו אַליץ ווערט פערגעסען, און פילייכט אויפ'ם ניי דערמאַנט... אַליץ, וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט, בלייבט ליגען הינטער אונז ווי שטיינער אויפ'ן איבערגעגאַנגענעם וועג... ווי מצבות, אונטער וועלכע מיר האָבען אינ'ם גאַנג אונזערע גוטע און שלעכטע פריינד בעגראָבען....

אָבער חנה'ן קאָן איך נישט פערגעסען....

———————

דאָס לעבען, צו וועלכען זי איז געלאָפען, האָט זי צוריק געשטויסען.

פון זיך אַרויסגעוואָרפען. געשווינד האָט איהר דאָס געהאַפּטע גליק פער־בליהט און פערוועלקט. פון די אויסגע׳חלומ׳טע בלומען זענען ברענעדיגע דערנער געוואָרען.

צוריק קומען האָט זי נישט געקאָנט...

אויפ׳ן וועג איז געשטאַנען דאָס געזעץ, ווי אויך — צוויי קברים... דעם טאַטענס און דער מאַמענס קבר...

וואו איז זי?

יעדען שבועות־אָבענד בעוויזט זי זיך מיר....

זי בעווייזט זיך פון גאַס, שטעלט זיך ביי׳ם פענסטער... זי האָט מורא, אָדער זי האָט קיין שליטה נישט אין אַ יודישע שטוב אריינצוקומען.

מיט ווייט אויסגעריסענע אויגען קוקט זי דורכ׳ן פענסטער אין שטוב אריין און זעהט מיך איינעם אַליין....

דערזעהט מיך און קוקט אויף מיר מיט שרעק, געבעט, און צאָרן...

איך פערשטעה זי:

— וואו זענען זיי? פרעגט זי מיט שרעק.

— פערציידהט! איז איהר געבעט.

— און שולדיג — זאָגט זי צאָרניג — זייט איהר!

— וואָס האָב איך געוואוסט פון אַייער בלוטיגען קאַמפף מיט יענע?

— דו האָסט עס געוואוסט; אין הדר געלערנט. מיינע ביכער האָבען מיר דערפון קיין וואָרט נישט געזאָגט...

— ביי׳ן אַייך אין שטוב האָב איך אַ פרעמד לעבען געלעבט; אַ פרעמד, שוין־אויסגעטרוימט לעבען, אַ לעבען פון ביכער אַרויס...

האָב איך עפּיס פערראָטען, אָן עפּיס געפעלשט?

איך האָב נאָר געלעט חלה מיט זאַפּערן אויף אַנדער זיס־געבעקס פער־ביטען... מעשה׳לעך פון „צאינה וראינה׳ — אויף ביכער.... תחנות — אויף ראָמאַנען!

אַביסעל גרינס אויף אַ פּאָדלאָגע — אויף פריי, פריש גרינעם וואַלד און פעלד!...

דאָס ענגע, דושנע, פערהאַמערטע לעבען — אויף זון און בלומען; אויף פרייה און ליעבע.... און איז עס נאָר אַ חלום געווען, האָב איך געליטען!

אָבער אַייך האָב איך נישט פערראָטען; איך האָב אַייך נישט געקענט; פון אַייערע שמערצען נישט געוואוסט, איהר האָט מיר פון זיך קיין וואָרט נישט פערצעהלט... צו אַייערע סודות נישט צוגעלאָזט...

פאַר וואָס האָט איהר מיר פון אַייער ליעבע נישט דערצעהלט, — פון אַייער ליעבע, וואָס נעהרט זיך פון אַייער בלוט? פאַר וואָס האָט איהר מיט מיר פון אַייער שענהייט, פון אַייער אייביגער בלוטיגער שענהייט נישט גערעדט?

דאָס שענע, דאָס ליבע, דאָס הויכע, דאָס שרעקליך הויכע האָט איהר אין זיך פערשלאָסען, פאַר אַייך מענער בעהאַלטען...

פון מיר, פון אונז, וואָס האָבען זיך מיט'ן גאַנצען פלייש און בלוט, מיט דער גאַנצער יוגענד־קראַפט צו'ם לעבען געריסען, פון אונז האָט איהר פערלאַנגט — פוטער־געבעקס, געלע הלה מיט זאַפערן!

— אונז האָט איהר פערשטויסען.

אַזוי בייזערט זי זיך.

זאָל זי משפט'ען דער, וואָס איז איבער די פעלקער און זייערע פערוויקעלטע, בלוטיגע שטרייטען.

XI.

זומער און ווינטער.

XI זומער און ווינטער.

אויף דער גרעניץ (שטימונגס בילד) 235
אויף א זומער־וואהנונג (בילד) 237
צוריק=צוריק (שטימונג) 247
דער סימן (שטימונגס=בילד) 251
דער בעל=עגלה (ערצעהלונג און פערזען) . . 254
האלט ס'מויל (פאנטאזיע) 277
דאס ארימע יונגעל (א מעשה) 278

אויף דער גרענעץ.

ביי דער גרענעץ, צווישען יאָ און ניין, זיין און נישט זיין, האָט זיך בעגעגענט דער אַוועקגעהענדיגער זומער מיט'ן קומענדיגען ווינ־טער.

— וואָס זעהסט דו עס אַזוי שלעכט אויס? — קריגט דער ווינטער רחמנות אויף זיין געגנער, וואָס שטעהט פאַר איהם מיט געבויגענע פיס, מאַטע, האַלב־פערלאָשענע אויגען און אַ פאַרמיטען פנים.

— דו וועסט אויך נישט בעסער אויסזעהן! — ענטפערט דער זומער מיט אַ זיפץ.

— אַליץ האָט זיין ענדע, — פילאָזאָפירט דער ווינטער.

— דאָס רעדעל דרעהט זיך, — שטימט דער זומער צו.

זיי שווייגען אַ ווילע, דערנאָך פרעגט דער ווינטער:

— און דאָרט וואָס הערט זיך?

— נישט רוהיג — ענטפערט דער זומער — נישט רוהיג..

— די ביימער?

— זיי אויך! דער שוואַרץ יאָהר וויסט זיי, וואָס זיי סוד'ען זיך! טאָג און נעכט נאָר געשאָקעלט זיך, געשושקעט. דאָס פלאַטערן פון די לייכטזיניגע בלעטער געפעלט מיר אויך נישט; נאָר, די ווערען אויך גע־פעהרליך, יד אחת, אַ פנים! אויך אין איין רודערן זיך...

— פוילען זאָלען זיי! — רופט דער ווינטער.

און עס הייבט זיך אויף אַ ווינד און יאָגט איבער דער וועלט... פון זיין אָטהעם ווערען די בלעטער טרוקען, פויל, און פאַלען מיעד אַראָב פון די צווייגען... אויך דינע צווייגלעך פאַלען. עס קנאַקט, אַ שוואַכע צוויי־ רייסט זיך אָב פון בוים, פאַלט אַרונטער און וואַלגערט זיך אַרום אויף דער ערד מיט די פוילע בלעטער צוזאַמען.

— און די טייכען?— פרעגט דער ווינטער.

— האַלטען מיט! רוישען און מורמלען... זיי איז אויך ענג אויף דער וועלט... איין פּאַליע שטופּט אונטער די צווייטע, איין וואַל ברומט צו צום צווייטען: ריהרט זיך, ריהרט אייך! אַרויס אויפ'ן זאַנד, אויפ'ן פרייען זאַנד, צום פרישען גרינעם גראָז... ווער גרענעץ, וואָס גרענעץ!

משוגעים... אַ פּאַליע וויל גאָר אַרויף אין דער הייך! מען שטופּט זי אונטער, מען הייבט זי אויף די אַקסעל... זעה וואָס דאָרט איז אַן דערצעהל...

טיילמאָל ריעדט עס און קאָכט ווי אַ גיהנם...

— קייטען!— גיט דער ווינטער אַ בּעפעהל... און געשמיעדט ווערען די פרייע טייכען... פריהער ציהט זיך איבער זיי אַ דינע, קאַלטע הויט, נאָר זי וואַקסט, די הויט, ווערט דיקער און האַרטער, דריקט אַלץ צו, דער־שטיקט אַלץ... שטיל ווערט אַרום... מען הערט שוין קיין רוישען, קיין מורמלען...

רוהיג, שטייף, טויט...

פייגעל פליהען אַוועק פאַר שרעק, עס ווערט נאָך שטילער, טרויע־ריגער...

— און די אַלטע מכשפה וואָס מאַכט? די ערד?

— זי לעבט... פוצט זיך... מאַכט חג'דלעך, רייסט אָב מענשען־אויגען פון הימעל, זיי זאָלען בּעסער קוקען אויף איהר שענהייט, אויף איהר חן...

— תכריכים! בּעפעהלט דער ווינטער, און די ערד ווערט פערדעקט מיט ווייסע, ווייכע תכריכים און שטאַרבט אין זיי.

זי שטאַרבּט אָב— אויף אַ צייט.

אויף א זומער־וואוינונג.

מקיים צו זיין דעם דאָקטאָר׳ס בעפעהל, פערברענג איך אַ גאַנצען חודש אויף אַ זומער־וואָהנונג...

נאָר איינגאַנצען אַרוים אויפ׳ן דאָרף האָט מיך דאָס האַרץ נישט גע־לאָזט און די פּאָליציי נישט געראָטען, וואָהן איך מיר אין איין עק פון אַ קליין שטעדטעל, נישט ווייט פון וואַלד און טייך. אַ שטוב האָב איך אָבגעדונגען ביי׳ן אַ געוויסען אברהמ׳ל סוחר.

גאַנץ יודישליך — שטרענג כשר און דאָך פּאָעטיש. איך שפּאַציער אין וואַלד און קלויב שוואָמען; באַרג דאָס קאַהנדעל ביים פישער און לאָז מיך איבער׳ן טייך, אָדער זעץ מיך אויפ׳ן ברעג און האַפּ פיש... יעדען פאַרנאַכט הער איך די נאַכטיגאַל, מיט איין וואָרט — אַ גן־עדן.

איינמאָל, — דעם צווייטען, צי דעם דריטען טאָג נאָך מיין אָנקומען, — איך געה צוריק פון פריה־מאָרגענדיגען וואַלד־שפּאַציער, און דערזעה ווי ר׳ אברהמ׳ל לויפט מיר אַקעגען.

אַ בשורה טובה: תנאים שרייבט ער.

איך רעכען, ער וויל אויף היינט מיינער פּטור ווערען.

— זאָל אייך זיין צו מזל, — ענטפער איך איהם מיט אַ שמייכעל — איך וועל אייך נישט שטערען; איך וועל מיך שטיל אַריינהאַפּען אין מיין צימער, איבערטהון און געהן, עפּעס אין מויל אַריינהאַפּען, אין שטעדטעל אַריין.

— ניין, ניין! — האָט ר׳ אברהמ׳ל זיך השק צו בעליידיגען.

— עסען מוז איך צוזאַמען מיט אַלע, נאָך די תנאים... עס וועט זיין פיש און פלייש... דערווייל אָבער איז מיין שטוב פערנומען.

די מהותנת׳טע מיט דער כלה איז דאָרט. ער האָט מיך געזוכט, בעוואָלט נעהמען דערויף רשות, און נישט געפונען...

— עס וועט נישט לאַנג דויערן, — טרייסט ער מיך, — זיי טהוען זיך שוין אָן.

— שאַדט אויך נישט,— בערוהיג איך איהם,— איך וועל מיך ד׳ן אָפּ־רוהען... פאַר׳ן הויז אויף דער באַנק.

— אַ שעָנעם דאַנק!— זאָגט ער און לויפט צוריק אין שטוב אַריין.

איך זעץ מיך אונטער די פענסטער, אויף דער גראָז־באַנק, וואָס לויפט איבער דער גאַנצער לענג פון הויז.

געטראָפען האָב איך פונקט צום פענסטער פון דער גרויסער מיטעל־שטוב; פון פענסטער רייסען זיך אַרויס ווילדע קולות מיט זלזולים.

איך ווער באַלד געוואָהר אין וואָס עס געהט.

שדכנים קריגען זיך, מחותנים לעגען זיך אַריין אין שלום, ווילען מאַכען אַ פשר, און עס געהט נישט.

יעדער צד שרייט: כלו שלי! יעדערער רעכענט זיך פאַר׳ן אמת׳ן שדכן; ער האָט אָנגעהויבען, ער האָט אויסגעפיהרט...

איך רוק מיך אָב צום צווייטען פענסטער, צו מיין אייגען פענסטער.

— אַ גאָלד, טאָכטערשי, אַ גאָלד!— דערהער איך אַ צוגאָבען קול, אָנגעטרענקט מיט אויפגעשוואָלען נחת.

עס איז הנה׳ס, ר׳ אברהם׳לס חייבס, קול.

עס הערט זיך אַ געריוש פון זיידען־צייג.

— דו ביזט אַ גאָלד... דאָס קליידעל איז אַ גאָלד...

ווייטער אַ געריוש פון זידענ־צייג.

— טאָכטערשי, וואו זענען מיינע אויגען געוועזען! איך בין דאָך גאָר אויף דיר קיין מבינה נישט געווען! אַ פערנעמעניש, אַ פערבלענדעניש... עס זאָל דיר קיין עין־הרע נישט שאַדטען!

און אַביסעל רוהיגער מאַכט זי:

— הערסט, טאָכטער!— אָסור זאָל מיר זיין,— איך פערגין גאָר נישט דעם מחותן אַזאַ שנור! וואָס איז, פערדיענט האָט ער עס? זיינע אבות האָבען זיך געמיהט? און די מחותנת— זי וועט דאָך גאָר די כפרה ווערען פאַר דיר!

— מאַמעשי,- בעט זיך די כלה,— מען הערט דאָך יעדעס וואָרט.

איין אַנדער קול האָט זי היינט די כלה, ווייך און אַזוי פיינ־קלינגענדיג.

— האָב איך אַ פּאַק! וואָס זאָל איך מיך שעמען? נאָר ד אָ ס, הערסט

דו, זאָג איך דיר: זאָל ער זיך אונטערגאַרטלען, דער מחותן, פאַר'ן חתן מלבושים מוז ער געבען — כיד המלכות!

פון אונטער דער חופה נעהם איך דיך אַפער.

עס קומען אַרויס ביידע מחותנים.

ר' אַברהמ'ל מיט'ן שפּיציגען בערדעל און שאַרפע אייגעלעך, און אַיין אָבגעלאָזענער, בעל־בתישער יוד מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און לאַנגע, געלבליכע ברעמען.

— זאָלען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אין וואַנד, די עקשנים, — מאַכט ר' אברהמ'ל, — זאָלען זיי זיך די קעפּ אָברייסען, — מיר וועלען דערווייל מגביל זיין זמן החתונה.

— מיינעט וועגען...

— די חתונה... ציהט ר' אַברהמ'ל.

— קאָן זיין למזל... העלפט פויל אונטער דער מחותן.

— ולשעה מוצלחת —

— ווייסט איהר וואָס, ר' אַברהמ'ל — דערמאַנט זיך דער מחותן, — איך האָב אַייך געוואָלט... אייגענטליך, געוואָלט פרעגען...

נאָר ער ענדיגט אויך נישט. עס קומט אַרויס די מחותנת, אַ יודענע אין די מיטלערע יאָהרען: אַ גלאַנצענדיג פנים, פליהענדיגע בענדער, טאַנצענדיגע, לאַנג־געקייטעלטע אוירינגלעך אין אַ שרייענדיג העל קלייד מיט אונרוהיגע קאָנטראָפּאַלדען, וואָס וואַרפען זיך רעכטס און לינקס ביי יעדען טריט...

— ר' מחותן, — ווענדט זי זיך צו ר' אברהמ'לען, — וואָס האָט מען עפּעס פערשפּאַרט החתן־כלה אין די שטיבער... וואָס איז? פערצייטענס איז עס? זיי מעגען זיך אַביסעל דורכגעהן פאַר'ן הויז...

— וויים איך? — שמייכעלט ר' אברהמ'ל — אין מיינע צייטען האָט מען זיך נ י ש ט אַזוי נוהג געוועזען... מיין רחל'ען האָב איך אַ חודש נאָך דער חתונה איז פנים אַריין נישט געקאָנט קוקען... ווי מיינט איהר, מחותן?

און אַז דער מחותן לאָזט אַרויס פון זיך אַ מרוק, נישט אַהין, נישט אַהער, ענדיגט ר' אַברהמ'ל:

— נו מילא... אז די מחותנת וויל...

— אויף מיר די עבירה, מחותן!

ד' פערשווינדט, און עס בעווייזען זיך חתן־כלה. זיי געהען פּאַרביי, אָבגערוקט איינס פון צווייטען... זי קוקט פאַר זיך, אין דער לופט אַריין, ער קוקט אויף די פיס און שטאָלפּערט איבער יעדער שטרוי.

איך בעמערק ערשט רעכט די כלה. יונג איז זי און פריש: אייגענטליך צו פריש און צו יונג... נאָך אַ פערשלאָפסענע רויז, עס שלאָפט נאָך אין איהר די פרוי... נאָר מען זעהט שוין בחוש, אַז עס איז גענוג איין קוש (נאַטירליך, נישט פון דער מוטער) זי זאָל אויפוואַכען, די רויז זאָל זיך אויסוויקלען, צופלאַקערן, און די יונגע, קוים געהויבענע ברוסט זאָל שטורמען, דאָס יונגע בלוט זאָל אויפלעבען און שלאָגען אין די אָדערן...

און דאָך, חוה'ס טאָכטער: רוהיג קוקט זי זיך צו, ווי אינערווייניג אין איהר הויבט אָן עפּעס נייעס צו שפּראָצען, צו בליהען עפּעס גאָר נייעס!... נייגיעריג קוקט זי, דאָך נישט דערשראָקען.

דערשראָקען איז ער; יונגלעך ענטוויקלען זיך לאַנגזאַמער, ער זעהט פּיעל קינדישער, יונגלישער א״ס.

ביי די שלעפען, אונטער דער בלאַסליכער, פיין געדייטעלטער הויט שפּרינגען עטליכע דינע, בלאָהע פעדעם... דער בליק איז ווילד־פערוואונדערט, דערשראָקען.

דער פערשטעהט שוין נישט, וואָס עס געשיהט אין איהם, וואָס עס ווערט אין איהם געבאָרען... וואָס עס רייסט זיך, יאָכצט און קלאַפּט אַזוי טיעף אין יונגען האַרץ.

און איך קריעג זיי ביידע ליעב; אַזוי ניי, אַזוי פריש, אַזוי ערנסט און דערביי אַזוי קינדיש...

„פאַר'ן הויז" האָט מען געזאָגט, און דאָך פערשווינדען זיי רעכטס אונטער'ן וואַלד...

— היהנער־פרעסער... כל־בו'ניק... מגושם... עוכר־ישראל... האַקען מיר איבער די געדאַנקען, די קולות פון די שדכנים.

איך רוק מיך נעהנטער צו די מחותנים, וואָס ווילען אַלץ ענדיגען דעם פריהער אָנגעהויבענעם שמועס.

— הכלל? — פרעגט אַביסעל אונגעדולדיג ר' אברהמ'ל.

— יאָ, — וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען, — האַקט איבער דער מחותן... עיקר שכחתי...

— וואָס, מחותן?

— איך האָב אַייך געוואָלט פרעגען, געוואָלט האָב איך...

— וועגען וואָס? פרעגט אונרוהיג ר' אברהמ'ל.

— וועגען נדן... איך האָב געבראַכט מזומן...

— אָה!

— און אידר?

— איך, — שמאַמעלט ר' אברהמ'ל — כמעט... נישט אינגאַנצען.

— דאָס הייסט?

— צוויי הונדערט מזומן...

— דער מחותן פערקרימט זיך!

— אויף דער רעשט, — ענדיגט ר' אברהמ'ל — אַ וועקסעל; איך קאָן צוגעבען אַ הרם קוויטעל.

— אַ וועקסעל, — ענטפערט קאַלט דער מחותן, — איז נישט קיין מזומן... אין די ראשי פרקים שטעהט: במזומנים, במ-זו-מ-נים...

— אמת... — איז ר' אברהמ'ל מודה, — נאָר איהר ווייסט דאָך... סוחריש געלד... צושפרייט... צווייעט... איידער מען נעמט צוזאַמען.

דיקע טראָפען שווייס בעווייזען זיך איהם אויף די אַיינגעפאַלענע באַקען.

— פיער הדשים נאָך ראשי פרקים...

— איז פיער — — —

— קיין וועקסעל נעהם איך נישט, — שניידט אָב דער מחותן נאָך קעלטער און וויל זיך אויפהייבען פון באַנק.

ר' אברהמ'ל פערהאַלט איהם ביי דער פאָלע.

— מחותן, — זאָגט ער מיט אַ הייסען אָטהעם — מאַכט נישט ליטען געלעכטער... איהר ווייסט, איך בין אַ בטוח... איהר ווייסט, אַז איך בין, ברוך השם, אַיין עושר...

— וועקסעל איז נישט קיין מזומן.

— ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל אַצונד געהן אין שטעדטעל אַריין... וואָס? תוך כדי דבור געהן אין שטעטעל אַריין שאַפען זיך געלד? וואָס? קריגען, דאַכט זיך, וועל איך, ברוך השם! —

— אַוודאי וויל איך... שמייכעלט דער מחותן.

— נו, אַז איהר ווילט, וויל איך נישט!

— להכעיס?

— להכעיס!

אַצונד ווערט דער מחותן בייז! ער שפּרינגט אויף ווי געביסען, בלאַס, מיט ברענענדיגע אויגען, און רופט:

— שמואֵל!

און, אַז קיינער ענטפערט נישט, שרייט ער נאָך העכער:

— שמואֵל, שמו-אֵל

עס הערט זיך אַ ציטעריג קול פון דער רעכטער זייט וואַלד:

— וואָס, טאַטעשי?

דער כעס ביי׳ם מחותן וואַקסט.

— אַהער זאָלסט דו גיהן, שייגעץ איינער, אַז אַ טאַטע רופט! די מינוט, הערכט?

שמואל בעוויזט זיך.

ער לויפט אַהן אָטהעם; די כלה לויפט איהם נאָך פערוואונדערט, דערשראָקען, מיט ברייט געעפענטע אויגען.

— מיט אַ פרעמד מיידעל— שפּאַצירט מען נישט! הערסט? עס איז שוין נישט דיין כלה! די מינוט געה אַהיים... טהו אויס די שבת׳דיגע קאַפּאָטע, נעהם די וואָכענדיגע און היידאַ— אין בית המדרש אַריין...

— וואו ביזט דו— רופט ער צו דער שטוב,— שפּרינצע!

פערשטיינערט שטעהט דער חתן, די כלה לאָזט אַרויס אַ געוויין... דערשלאָגען, פערלאָרען שטעהט ר׳ אברהמ׳ל...

— — — — — — — —

אויפ׳ן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטען פון וואַלד.

בלוטיג איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן בלאַס איז אַרויסגעשוואומען די לבנה...

אין קריסטאַלענעם וואַסער-שפּיגעל שלאָגט זיך אָב דער הימעל... און דער אָבגעשפּיגעלטער זעהט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... אַ שאָד וואָס ער צורייסט זיך אָפט! אַ שטיל ווינטעל טרייבט, דער וואַסער-שפּיגעל ריצט זיך, רונצעלט, שרומפּט איין...

שטיל רוישען די בלעטער, שטיל ציטערן די וואַסער רעדלעך אויפ׳ן טייך.... שטיל גיס׳ן אויס די בלומען זייער אָטהעם, שטיל... פון ווייטען, טרילערט עפּעס אַ פויגעל...

איך זיץ ווי פערכשופט... איך עטהעם אויף אַ נייער וועלט, אין אַ אַנדערער, ריינער, הייליגער לופט. פריש איז דאָ אַליץ און ניי, ווי ערשט פון בעשעפערס הענד אַרויס...

עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיס... מען קריגט דאָ אַלץ אַזוי הייכהערציג־ליעב, עס גיעסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַמען מיט דער נשמה...

אַ שוואַרצער פלעק בעווייזט זיך אויפ'ן טייכעל פון ווייטען... אַ קליי־נער פישער־קאַהן... דאָס וואַסער רוישט עס ליעבליך אַרום, עס בעוואַרפט עס מיט'ן שוים ווי מיט ווייסע, דראָבנע בלימלעך, און די פּאַליע לעכצט און קושט עס אויס אַלע גליעדער...

מיין בעקאַנטער וואַסיל, אַ יונגער שטאַרקער פישער, רודערט און זינגט:

מיין הימעל, מיין הימעל— דיין פּנים,
די אויגען דיינע— די שטערען.
דער ריינסטער קלאַנג פון גן עדן
לאָזט אין דיין שטימע זיך הערען..

דו ביסט מיין ליעב', מיין נשמה.
צי וואָלט איך אָהן דיר דען געלעבט?
פון דיינע, די ליכטיגע שטראַהלען
איז זי, מיין נשמה, געוועבט!

דו ביסט מיין ליעב און מיין ליידען:
פון האַרפע דער גאָלדענסטער קלאַנג!
פון די ליפּען, פון דיינע דער כשוף—
דאָס איז מיין איינציג געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליעד ציטערט מיר נאָך אין די אויערן...

דאָס זעלבע איז מיט'ן טייך, מיט'ן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס גרעדעל איבער'ן וואַסער זינגט עס... דאָסזעלבע טרילערט פון וויטען די שטילע, זיסע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבען אָטהעם יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסען אין איין פערלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

דאָס שיפעל גלייכט זיך אוים מיט מיר, אַ ניי ליעדעל קלינגט: שאַמיסאָס בעקאַנט ליעדעל:

גערענקסט דו די נאַכט, ווען פערכשוּפט
מיר זענען בייזאַמען געזעסען;
אויסער אין הימעל די שטערן
פון אַלע, פון אַלע פערגעסען!

די שטערן, די וועלן נישט דערצעהלען!
מיר האָבען זיך לעננער פערוויילט...
פּאַלט פונקט פון הימעל אַ שטערן,
און האָט עס די וועלען פערצעהלט...

עס טאַנצען די לוסטיגע וועלען,
גאָט האָט זיי אַ מעשה בעשערט!
די טאַנצען פאַר שמחה און קלאַטשען,
דער רודער האָט אונטערגעהערט!

דער רודער, דער פרומאַק, דער רודער,
עס סקריפּעט פאַר כעס, פאַר פערדראָס!
דער רודער, ער ליידט נישט קיין עולות,
אַליץ זאָגט ער אוים דעם מאַטראָס!

דער מאַכט שוין דערפון זיך אַ ליעדיל,
באַלד ווערט דאָס ליעדעל פערשפּרייט!
געווען איז אַמאָל אַ געהיימניס,
היינט זינגען עס קינד שוין און קייט!

ער פערשטוויגט... דיקער און הייסער ווערט די לופט, דיקער און דעמפּיגער דאָס בלוט ביי מיר אין די אָדערן... איך בין ווי בערוישט, און אַזוי, דאַכט זיך מיר, איז אַליץ אַרום מיר...

באַלד פּלאַצט דאָך דער כשוף; אָבגעשוואוּמען אַ ווײלע שטיל, הייבט האָסיל אָן אַ דריט ליעד, אַ פאָלקס-ליעד, אַ פרעהליכס:

קוש מיך, מיין טייערע, האַלז מיך!
קוק נישט אויף מענשען געריידע!
די ליעבשאַפט איז איבער׳ן לעבען
ווי׳ן גאָלדענער שלייער פערשפרייט!

—„אָה, לעבען מיינס, לעבען, איך שרעק מיך!
די מאַמע, זי טהוט מיר אָן לייד!
פאַר וואָס איך שפּאַציער אַלײן בעזונדער,
די הכר׳טעס פאַר וואָס איך מייד?"

אָה, קוש מיך און האַלז מיך, מיין ליעבע!
דער מאַמען זאָג: כ׳האָב זיי נישט האָלד.
צושוויבערט און מאוס זענען אַלע,
איך איינע— א מיידעל— א גאָלד!

—„איך שרעק מיך, איך שרעק, מיין לעבען!
דער טאַטע, דער טהוט מיר אָן לייד;
פאַר וואָס איך בין ווילד ווי א סאַרנע,
בחורים פאַר וואָס איך מייד?"

האַלז מיך, אָה, לעבען מיינס, קוש מיך!
זאָג איהם: וויל קיינער געפעלט!
פויערן־פאָלק זענען זיי אַלע,
איך וויל א פישער— א העלד.

—„איך שרעק מיך, מיין לעבען, איך ציטער!
די באָבע, זי טהוט מיר אָן לייד!
זי זאָגט, איך ווער אַלע מאָל דיקער;
עס פלאַצט אויפ׳ן לייב מיר דאָס קלייד!

—„אוי, ס׳איז ווי בוימעל אויף וואַסער!
שוין נישט צו בעהאַלטען אצונד!
זאָך א קוש גיב מיר, מיין לעבען.

י. ל. פרץ.

אוּן זיי מיר אוֹיף אייבּיג געזוּנד..."

עס בּלייבּט ווייטער שטיל, אוּן אַלץ בּלייבּט שטיל, דאָס האַרץ מיינס אויך...

— האַ, האַ, האַ!

קלינגט פּלוּצים אוֹיף אַ געלעכטער... ווער לאַכט? איך, צי אַלץ אַרוּם מיר?

אַלץ לאַכט, דער שעלמישער טייך, די בּליצענדיגע שטערענדלעך... די אַלטע לבנה לאַכט... די בּלוּמען אַרוּם מיר קיכערן: וואָס דען האָסט דוּ געמיינט?... אַזוֹי איז עס... האַ, האַ, האַ..

די נאַכטיגאַל ענדערט אויך דעם טאָן... ווי זי קנאַקט אַצוּנד... ווי פרשייט, ווי פרעך!—

מיך וועקט פּלוּצלינג ר' אברהמל'ס קול.

— וואו זענט איהר, וואו? איך האָבּ מיר שוין די פיס צוּבּראָכען איהך זוּכענדיג...

אוּן אַז ער דערזעהט מיך—

— געענדיגט צוּם מזל... שוין טעלער געבּראָכען..

ער פערבעט מיך צוּ דער סעודה.

צוריק־צוריק!

(אַיין איבערזעצונג פון שוואַלבען־לשון.)

עס איז געווען ענדע זומער, באַלד נאָכ'ן שפּינוועבס, און צווישען־שוואַלבען, ערגיץ אין אַ וואַלד...

אין אַ וואַלד, וואָס האָט אויפגעצויגען אַזוי פיעל ביין און קריכענדיגס לעבען אָבער אַביסעל הויך און געפליגעלט לעבען אויך...

און צווישען דעם אונרוהיגען שוואַלבען־פאָלק, וואָס האָט געוואָלט אַמאָל דאָס בית־המקדש רעטען, מיט'ן אייגענעם בלוט דאָס פייער פערלעשען, און האָט נישט געקאָנט, און איז דעריבער פון דער געשיכטע אַרויס, ווייל זי רעדט נאָר פון ג ל י ק ל י כ ע פעלקער און ג ע ר אָ ט ע נ ע זאַכען...

און דער זומער, וואָס האַלט איצט צו ענדע, איז אַיין אונרוהיגער זומער געווען: מאַסען שוואַלבען־נעסטען האָבען שלאַגס־רעגען פערפלייצט: אונטער מאַסען נעסטען האָט זיך די לעבענס־צווייג געבראָכען; זיי זענען אַראָבגעפאַלען, און דאָס יונגוואַרג איז צושמעטערט געוואָרען...

גאַנץ אָפט איז דער זיסער שוואַלב־שלאָף ביי נאַכט געוואַלטיג איבער־געריסען געוואָרען. עס האָבען זיך יעגער בעוויזען, עס האָט געקנאַלט... און אין שטילען פריה־מאָרגען האָבען זיך אויף צווייגען בלוטיגע פלעקען בעוויזען, איבער וועלכע עס האָבען, מיט איין עק צוגעקלעפּט, פעדערליך געפלאַטערט... האָטש מען האָט די שוואַלבען נישט געמיינט.

און דאָס מאָרגען לויב, דאָס געפליגעלטע ליכט געדאַנק פון שוואַל־בען־מתנות אונטערן בלאָהען הימעל, איז אויך גאַנץ אָפּט פערשטומט געוואָרען... קנאַל־קנאַל! עטליכע פון זיין ליעבען־נאָמענס זינגערלעך זענען אין דער לופט פערציטערט געוואָרען און אַראָבגעפאַלען, צווישען גראָז אַראָבגעפאַלען, יאַגד־הינד האָבען זיי אויפגעזוכט, און וואו מען דאַרף אָבגע־

טראָגען, גוסס׳ענדיגע צווישען די צייהן... און די יעגער האָבען זיי נישט אָנגענומען... נישט די שוואַלבען האָט מען געמיינט, מען האָט זיך שיסען געלערנט, די הינד אויסגעפּרובט...

און דאָס אוזכּרת נשמות געבעט פון שוואַלבען-פאָלק איז איבער׳ן זומער, געוואַקסען און געוואַקסען...

— איין קרעכץ נאָר פאַר אַ טויטע שוואַלב; פון די קרעכצען אָבער איז איבער׳ן זומער, אַ קלאָג-ליעד געוואָרען: אַ קלאָג-ליעד ווי דאָס גלות לאַנג....

דערפאַר האָבען זיך אויך די נסים געמעהרט; זעהר פיעל שוואַלבען האָבען נסים געהאַט... מן הסתם זכות אבות:

אַראָבגעפאַלענע האָבען נאָר די פיסלעך צובראָכען, אַ גליעד נאָר אויסגעלענקט.... טייל האָט מען נישט ריכטיג געטראָפען און נאָר די פליגעל אונטערגעשאָסען; פערוואונדעטע האָבען נאָר די קראַפּט און די ליעבע צו לעבען פערלאָרען, אָבער נישט דאָס לעבען אַליין...

און די צאָהל פון על-הנסים׳ניקעס איז איבער׳ן זומער געוואַקסען, און מיט זיי צוזאַמען — די צאָהל פון גם-זו׳ס אויך:

— אַבי מיר לעבען! פערלאָזען מיר נישט די צווייג; זיצען מיר איבעראַנאַנד... און מאי כּולו האי? מיר האָבען פערלאָרען די הייך, שפּרינגען מיר גאָר צווישען גראָז... לעבען מיר ווי די פעלד-מייז... ווי די קליינינקע פעלד-מייזעלעך; אויך גאָט׳ס בעשעפעניש....

— דאָס זענען פרומע! — האָבען די שוואַלבען אויף זיי געזאָגט. מאַנכע האָבען געענטפערט: הייליגע! און מען האָט זיי געשפּייזט אויף קהל׳שען חשבון...

נאָר אַט איז ענדע זומער!...

דער „ציריק-ציריק" הערט זיך טרויעריג און באַנג.

דאָס הייסט אויף אונזער לשון: עס ווערט וואָס אַ ווייליע קיהלער...

קיהלער ווערען די טעג, לענגער די אונרוהיגע נעכט, די קאַלטע...

און דער הימעל ווערט וואָס אַמאָל מעהר גראָהליך ווי בלאָהליך;

און די זון איז קיין עכטע זון נישט; מעהר שפּיגעל ווי זון...

און פערגליווערטע שטיקער ציהען, מאַרמאָר שטיקער, און אפשר

גאָר ווייטע בערגן... זיי שווייגען אונטערן הימעל, און זיי זוכען אייך, און בעהעפטען זיך איינער צום צווייטען און פערשטעלען וואָס אַמאָל מעהר הימעל און ליכט...

און עס ווערט שוין אַ דערשראָקען גערופעריי: ציריק-ציריק! ציריק-ציריק!

דאָס הייסט: די פרנסה און די לופט ווערט קנאַפּער, וואָס אַמאָל קנאַפּער... די בלעטער קריגען גאָלדענע רעמלעך, נאָר זיי ווערען שוואַכער; זיי קאָנען שוין די לייכטסטע שוואַלב אויף זיך נישט דערהאַלטען... און דינע צווייגעלעך דאַרען און פלאַגען און ברעכען זיך...

און עס טראָגט זיך דאָס גערופעריי פון צווייג צו צווייג, פון בוים צו בוים, פון איין עק וואַלד צום צווייטען: מען דאַרף זיך איין עצה האַלטען... הייבט אייך אויף!

און עס ווערט אַ גערויש פון הונדערטער און טויזענדער ציטער-פליגעלעך; פון צווייגען און ביימער הייבט זיך דאָס גערויש... און די אספה פון שוואַלבען שווימט שוין אין דער הייך... און הייבט זיך אַלץ העכער און העכער — מען זעהט זיי שוין נישט, נאָר טויזענדער געלע פלעקען שווימען אונטערן גראָהעם הימעל...

און פון דער הייך זעהט זיך אַ ווייטע, ווייטע וועלט.

און נאָך אַ ווילע לאָזט זיך די מחנה אַראָב מיט אַ פרעהליך גערופעריי: ציריק-ציריק!

דאָס הייסט: מען דאַרף אַוועק, אַוועק פון דאַנען! וויט, וויט אַוועק!

מען מוז אָבטרעטען דער קעלט, אָבטרעטען דעם שניי; מיר דאַרפען וואַרימקייט און ליכט!

נאָר אַז די אספה איז, פאַרן אַוועקפליהען, דאָס לעצטע מאָל צוריק אויף די ביימער אַראָב, האָבען זיי געמוזט אויסהערען אַ ביסעל מוסר...

אַ שטן-רעדע האָט מען זיי געהאַלטען...

די פערוואונדעטע און אונטערגעשאָסענע האָבען גערעדט:

— „וואוהין ווילט איהר פליהען? קאָן מען דען אנטלויפען פאַרן טויט? אין גאָטס האַנד איז ער! זעהט, צי טראָגט אייך נישט דער שלעכטער געדאַנק; צי פליהט איהר נישט אויף די פליגעל פון יצר-הרע?

„דאָ איז אַייער היים! דאָ אין וואַלד, וואָס האָט אַייך די אויגען געעפענט, די פליגעל צושפרייט, זינגען געלערנט, און וואו איהר האָט פּאַר יונגע נעסטען געבויט, אַלטע בעטרויערט און טויטע בעוויינט.... די ביימער האָבען מיט אַייערע ליעדער געבליהט, אין דער לופט הענגט נאָך אַייער מאָרגען-און אָבענד-געזאַנג...

„לייכטזיניגע פייגעל זענט איהר, מיט נשמות אין פליגעל און פיס, גאָר נישט אין האַרץ!

„און לאָזט איהר אונז איבער, ווער וועט אַייך אין דער הפקר'דיגער הייך מוסר זאָגען, שטראָפען און שטראָף-רייד רעדען?"

געזונדע דאָך הערען נישט און פליהען...

———

דער סימן.

מיט שטאָלצע גרינע בוימער־קעפּ און לוסטיג־פאַרביגע בלומען־אויגען קוקט דער רייך־אויפגעבליהטער גאָרטען צום אָפּאַלען־בלאָהען הימעל אַרויף.

און אפשר נאָר צו די ווייסע, זילבער־ווייסע טויבען, וואָס שווימען אונטער איהם.

צו די זילבער־ווייסע טויבען, וואָס וויעגען און הויבען זיך אונטער'ן בלאָהען, טיעפען הימעל, אויף די ציטערדיגע ליכט־וועלען אין דער לופט.

און אַז די טויבען הייבען זיך העכער, שלאָגען זיי זיך פון דער ליכט־אָנגעזאַפּטער לופט נישט אָב, פערשווימען זיי אין איהר און פערשווינדען, גלייך דער בלאָהער הימעל האָט זיי צו זיך געצויגען, אַרויפגענומען צו זיך...

זיי בלייבען אין דער הייך נישט לאַנג...

זיי פערבענקען זיך און פליהען צוריק אַראָב צו די שטאָלצע גרינע בוימער קעפּ, צו די לוסטיג־פאַרביגע בלומען־אויגען פון רייך־אויפגעבליהטען גאָרטען.... און לאָזען זיך אַראָב, און עס בליצען די זילבערנע פליגעל און זיי רוישען אַזוי ווייך, אַזוי ווייך....

און דריי מענער שפּאַצירען אין גאָרטען, אין גרין־גאָלדענעם ליכט, אויפ'ן געל־גאָלדענעם זאַמד פון אַ לאַנגער אַלעע.

שוואַרצע שפּאַצירען זיי און מיעד שלעפּען זיי זייערע שוואַרצע שאָטען אונטער זיך.

און איינער מיט זיין שאָטען שטעלט זיך פּלוצלונג אָב און פרעגט:

— ווער שטאַרבט פון אונז פריהער?

— וואָס פאַלט דיר איין? — וואונדערט זיך דער צווייטער.

און דער דריטער ענטפערט.

— איך!

— יונגערהייט — דערצעהלט ער — האָב איך אַ האַרץ־פעהלער בעקומען. דאָקטוירים האָבען געהיילט, אָבער נישט אויסגעהיילט. איהר קוקט מיך,

אָן? אויפ'ן פּנים געזונד און פריש; אינווענינ אין האַרץ שפּאַציערט אַרום דער טויט...

דער צווייטער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און מיינט, אַז דער ערשטע ה ווערט ער זיין!

— אַיין עלענד־נאַריש לעבען געלעבט — פערטייטשט ער — אויס־געוועבט פון וועהטאָג און פינסטער מזל. מיין נשמה מוז זיין אַ שוואַרצע, אַ שוואַרצע ווי אַ קראָה.... פליגעל האָט זי אפשר, נאָר שוואַרצע, קיין איינציגער ליכטיגער בליק פון ליעבע, געטרייע אויגען איז אויף איהר נישט געפאַלען... אַזאַ לעבען האַקט זיך איבער, ווי אַ פאָדעם... אַזאַ נשמה בענקט אין דער אייביג־פינסטערער נאַכט אַריין — — —

— און דאָך — רופט זיך אָן דער ערשטער — וועל איך געהן פאַר אַייך! צוריטעלטע נערווען.... פערשלאָפענע טעג, פערוואָגעלטע נעכט...

זיי טרעפען אַ באַנק און זעצען זיך.

זיי זעצען זיך, בלייבען שטיל און קוקען אויף די טויבען, אויף די וויס־זילבערנע טויבען, וואָס לאָזען זיך פון בלאָהעם הימעל אַראָב און שווימען אין דער ליכטיגער לופט.

— לאָ'מיר זיך מאַכען אַ סימן! — מאַכט איינער פון די דריי.

— ווי אַזוי?

— זעהט, די טויבען פליהען, וואָס אַמאָל נעהנטער צו אונז. פאָראויס שווימט איינע, אַ גרויסע, אַיין עכט זילבערנע טויב... אַ ווייסע אָהן אַ שוואַר־צען פלעק, אָהן אַ שוואַרץ פינטעלע — נישט בעפלעקט, ריין...

— אַלזאָ?

— שטעלט אַייך פאָר: זי איז דער טויט! דער ריינער, ווייסער טויט! און פאַר וואָס זאָל דער טויט נישט זיין אַזוי ווייס, אַזוי בליצענדיג ריין?

זי פליהט צו אונז. און איהר צורוקט אַייך.

איך בלייב אין דער מיט, און איהר רוקט אַייך אָב ביז צו די עקען פון דער באַנק.

און איבער וועמענ'ס קאָפּ עס וועט דורכשווימען די ערשטע, די ווייסע, די אונבעפלעקטע טויב — — דער טויט, דער — דער, הייסט עס, האָט דער ערשטער דעם צייכען בעקומען — צו'ם געהן....

און די טויבען־שאַאר שווימט וואָס אַמאָל נעהנטער.

זי הויבט זיך און צופליכט אין דער ליכט־אָנגעזאַפּטער לופט — —

און די פערבענקען זיך צום רייך־אויפגעבליהטען גאָרטען, צו זיינע שטאָלצע בוימער־קעפ, צו זיינע פיעל־פאַרביגע בלומען־אויגען און לאָזען זיך אַראָב.

זיי הויבען זיך אויף און אָב און שווימען אַלץ נעהנטער, אַלץ נעהנטער צו די דריי שוואַרצע שאָטען אין ליכטיג־פאַרביגען לעבען....

און די איינע, די גאָר ווייסע, די גאָר ריינע — דער זילבערן־בליצענדיגער טויט שווימט פאָראויס...

און וואָס נעהנטער זי קומט צו די דריי שאָטען, שטילער בלייבען זייערע הערצער, מיט שטאַרערע אויגען קוקען זיי איהר נאָך...

און די טויבען קומען פון דעם בלאָהעם הימעל, און שווימען נאָך נעהנטער, נאָך נעהנטער; דער ענטפער, דער טויט — די ווייס־זילבערנע טויב שווימט פאָראויס:

און אַז די טויב קומט נאָך נעהנטער צו, ווערען די דריי שאָטען פערציטערט, שפּרינגען די דריי מענער אויף און צולויפען זיך אין גאַרטען.

———

דער בעל־עגלה.

.1

— וואָס פאָהרט איהר נישט, יוד?
— „דער וועג איז שלעכט
די בלאָטע — געדעכט,
דאָס פערדעל מיעד!“

. . . .

„עס אַרבייט מיט די צייטען,
מיין בידנענקע פערד!
נישט דאָס וואָס פערצייטען —
אַלץ איז אין דר'ערד!“

„הויט און ביין ס'פערדעל,
און גלייבט מיר, בעל־הבית,
אפילו דער מענש
איז אויך שוין נישט דאָס!“

.2

עס שלאָפעט דאָס פערדעל
אין בלאָטע, און שלאָפעט,
דער הימעל האַלט אונטער
איז קאַפעט, און קאַפעט...

עס נעמט דורך די ביינער,
עס שווידערט די קעלט...
דאָס נעבעל פאַלט טיעפער
אַראָב אויפ׳ן פעלד!

און אויבען, און אונטען,
אַלס גראָהליך, און שיטער...
ער זיפצט אַלס־אין־איינעם:
„די צייט איז גאָר ביטער!

שוואַך איז דיין שטימע
און טרויעריג אָהן אַ שיער...
איך הייס נישט, צי רעדט ער
צו זיך, צי צו מיר?...

.3

— „וואו נעמט מען די אַלטע...
וואו נעמט מען די יאָהרען,
מ׳פלעגט דאָך מיט פערדלעך
ווי לייבען צו פאָהרען!

„פון גאָט אַ פרנסה, —
ס׳איז גאָר נישט פערהאַנען....
אויבוואויל אין מיין וויעג
איז קיין בייטש נישט געשטאַנען...

„געלערנט אין אַ חדר...
נאָר — זעהט איהר שוין — תּיכּף!
אַבי אַ פרנסה,
און גאָט איז אַ פאָטער!

געווען דאָך אַ תענוג,
איהר מעגט עס מיר גלייבען...
אַ פּייף, און עס פליהען
די פערדלעך ווי לייבען...

„די בייטש נאָר פאַר גאווה...
קנאַקט אָבער, און אָבער....
קנאַקט אין דער לופטען;
עס פעהלט נישט קיין האָבער!

4.

„אוי, ס'איז געוועזען
גאָר אַנדערע צייטען;
אַ מענש האָט געלעבט
ווי עס לעבט זיך ביי לייטען

„זאַט דאָס פערדעל,
דער בעל־עגלה..
געשפּאַנט שוין די בריקע
באַלד נאָך הבדלה....

מע'אַרבייט — איין אייזעל,
עס פלעגט דאָך צו לוינען...
אהין געהט די בריקע
מיט קנאַפּ גאָר פאַרשווינען...

„נאָר טויזענדטער רובל
געטרויעט מען אַ יודעל!....
מע'זיצט אויף דער קעלניע,
מע'זינגט זיך אַ ליעדעל!

„זדאָראָוואָ די פערדלעך
קיין זאָלע, קיין סאַפּ...
נאָר: העיִטאָ און ווישטאָ...
נישט זעלטען — אַ קאַפּ...

„און דאָס איז געוועזען,
כ׳בין מודה, אַ זינד...
און אפשר בעצאָהלט מען
דערפאַר אונז אַצינד!...

„וואָרען (פערשטעהט איהר)
„אַ קאַפּ” איז די טייטש:
איין איבריגע קללה,
אומזיסטיגע בייטש

„אַ בעל־עגלה׳ס
אַ קונצידיג מאַיען
מ׳האָט נישט געקוקט שוין
אויף צער בעלי־חיים...

„מע׳האַקט אין די ־טען
מע׳מאַכט זיי שיער בלינד...
וואו נעמט מען די פערדלעך,
וואו נעמט זיי צינד!

„וואו נעמט מען די פערדלעך,
איך וואָלט זיי געקושט!”
ער האָט זיך בגנבה,
די אויגען געווישט...

5.

— „עס אַרען די פערדלעך
קיין שנײ און קיין רעגען,
פֿרײטאָג פאַר צװעלפֿען,
צוריק שוין די װעגען!

„פֿערשפּײזט דאָס שטעדטעל,
די קרעמער אַ רעדעל...
ס'האַפּט יעדער זײן פּעקעל....
איך זיץ שוין אין בעדעל.

„און גאָר אויף „ע ל י ו נ י ם",
און קום אַהײם פֿריש....
דער שמײסער שיט האָבער,
און פֿריידעל קאַכט פֿיש!

„און איך בעל־עגלה
בין רײכער װי קרח,
און נעם מיר אַהײם נאָך
אויף שבת אײן ארח....

6.

„אַ שוהל'כעל האָב־מיר
געהאַט גאָר בעזונדער;
אַ קלײנטשיקס, אַ פּיצעלס,
נאָר שײן גאָר אַ װאונדער!

„געמאָהלט — אַ מח'ה —
די טישען, די בענק...

פון יעדען וועג ברענגט מען
דער שוהל אַ געשענק!

„געהט אַייזען — נו ברענגט מען
אַ שלאָס צו דער טהיר;
געהט קופער — אַ צאַפּען
אַ נייעם צום כיור.

„אַ שייבעל צום מזרח
טרעפט זיך — אַז גלאָז...
און אַזוי פיהרט זיך;
דער יענם און דער דאָס!

„מע'קלאַפּט נאָך צוזאַמען,
צו גראָשען כמעט,
און ס'קריעגט שוין די תורה
אַ כתר, אַ יד.

„עס קלינגען די גלעקלעך....
איך פיהל מיך בעל־הבית....
דער ע נ ג פון ש ב ת,
איז אויך שוין גישט דאָס!

7.

„געוועזן גוטע יאָהרען,
וואָס פרעגט אידה אַ קשיא!
אַ קוגעל... אַ דרימעל....
און חומש מיט רש״י....

„מיר האַלטען אַ רבי'ן...
דאָס תורה'לע ציהט...

אַ שאָד — ר'איז געשטאָרבען...
אַ כשר'ער יוד...

„איהם האָב איך טאַקי
אין הדר געגעבען
צו די דריי יאָהר:
מיין גטע'ל זאָל לעבען;

„עס ווייזט זיך מיין גטע'ל,
אַ קעפּעל — נישט קשה!...
צו'ם פיערטען יאָהר — חומש....
אַ שמחה, אַ דרשה!

„דערנאָכדעם — בר־מצוה —
עס פליהען די יאָהרען.
דער רבי זאָגט: ממש —
אַ ווילדער זכרון...."

8.

„און ער איז געראָטען
אַריין אין דער מאַמען;
די אייגעלעך ברענען,
די בעקעלעך פלאַמען....

„דערצו נאָך אַ דימענט,
אַ שטילער, אַ מתון,
און גאָט האָט געהאָלפען —
ער ווערט שוין אַ חתן....

„איך פאָהר דאָך און פאָהר

און זעה אַ שטיק וועלט,
אין זוך נישט קיין יחוס,
חלילה, קיין געלד....

„איך טהו מיט אַ שוסטער....
איהר האָט געמוזט הערען
אַמאָל פון עקיבא'ן...
דער עקר — דאָס קרן,

„גאָר מאַכך אײן אוצר,
אַ מײדעל — אַ רויז....
עס פרעהט זיך מײן פריידעל
די שמחה גאָר גרויס!...

„פערזאָרגט איהר בן יחיד...
ווי גאָט האָט בעשערט!
זי האַפּט אַלע כּלים
און טראַסקעט אָן דר'ערד:...."

9.

געווים שוין די מעשה
נישט איינמאָל געהערט,
עס ווירקט דאָך דאָס „טראַסקען" —
זעהט אויס — אויפ'ן פערד;

עס הייבט אויף די פיסלעך
עס געהט שוין געשווינדער.
— „אוי — קרעכצט דער אַלטער —
דאָס נחת פון קינדער!

און אַז פון דער חופּה

מיר געהען צוריק....
ווער'מיר שיער ביידע
משוגע כאַר גליק....

צובעטשעט זיך פריידעל
און טאַנצט מיטען קוכען....
און מיך אַוש צוזעצט עס,
און הייב זיך צו פלוכען!..."

.10

– „אַ מענש וויל זיך נאַרען,
וויל אַלס פערזאָרגען;
היינט איז איהם ווייניג,
אַלץ שפּעטער, אַלץ מאָרגען....

אַ זוהן? נאָך איין אָנעק....
מ'האָפּט אויף משיה'ן,
ווינדעלעך, שניערען,
פון ליילעכער ציכען!..

און ס'איז געוועזען,
וואָס קלערט איהר, „ליה־דים"?!
איך שלאָף אויף דער קעלניע,
און טייל די כבודים!

און פיהר אין דער בריקע
אַ וויעג, אַ בלאַש ווין!...
אַ בראָך זאָל געשעהן נאָך
דער הינטישער באַהן!"

.11

„אוים בריקעס — וואַגאָנען!
עס פייפט שוין און קנאַקט!
טויט בעל־עגלה׳ס,
בעוואָקסען דער טראַקט..

עס בליהט אין אַ וייט גאָר,
עס פייפט און עס לויפט....
איינס נאָכ׳ן צווייטען
די פערדלעך פערקויפט....

דאָך נישט ווי עס רעדט זיך
נישט אַזוי באַלד;
יאָהרען לאַנג פאַלט מען...
מע׳פאַלט און מע׳פאַלט..

עס וויל נישט גלויבען...
מע׳וואָהנט נישט אין פעלן...
עס גערט קיין רציחות....
אַ וועלט איז אַ וועלט!

ביז ס׳איז געוואָרען
פון הייזעל אַ חורבן...
פערפוילט שוין די בריקע...
מיין פריידעל — געשטאָרבען..

12

— „ז׳איז נעבעך געגאַנגען
פאַר נויט פון דער וועלט....
און קיין מצבה

ייד היום געשטעלט...״

„ביים שכל געשטאָרבען....
זי זאָגט אַזוי גלייך:
איך וועל מיך מיהען,
אין הימעל פאַר אייך.

כ׳וועל מאַכען קולות,
זיין רחמים זאָל זיעדען!
און זאָל נישט פערלאָזען
אַיין עדה מיט יודען

זאָל שטאַרבען פאַר הונגער!
דאָס איז נישט קיין קונץ....״—
אַ זאָגערין איז זי
געוועזען ביי אונז

אין עזרת נשים...
געקאָנט האָט זי זאָגען!
נאָר ווער ווייסט, צי וועט זי
זיך דאָרט דערשלאָגען.

דאָרט איז מעהר ספּראַוועס,
ווי דאָ, מן הסתם...
אַ וועלטעל מיט יודלעך;
און כהול הים! —

פאַר איהר איז דאָך גלייכער
אַז זיהאָט נישט געזעהן..
די שפּעטערע זאַכען...
איז ניים נאָך געשעהן!...״

.13

דיין שטימע ווערט שוואַכער
אונ רייסט זיך איהם אָב.
עס גערט שוין געשווינדער
דאָס פעדערל בארג אָב.

בלאָס שווימט די בלאַסע
לבנה אין דער הייך,
ער דרעהט זיך איבער
צו מיר אַזוי בלייך

און טרויריג, און זאָגט:
„עס לעבט זיך נישט גרינג
עס שלעפּען זיך צרות,
אַ רינג נאָך אַ רינג.

אַ קייט אויפען האַלז!...
ענטלויפט מיר דער זוהן,
ענטלויפט דער בן יחיד...
גאָט ווייסט וואו אַהין...

לאָזט־איבער אַ טאַטען...
לאָזט־איבער אַ ווייבעל...
אַ פרומע נשמה,
אַ שטילע — אַ טייבעל.

זי וויינט נישט, זי רעדט נישט
זיצט איבערגעבויגען,
איבער דעם וויעגעל,
עס רעדען דאָך ד'אויגען...

און שלעפט זי דאָס קינד צו'ן

(אַ קול האָט זי — צוקער...)
וואָס זאָל איך אייך זאָגען —
עס פאַלט פון מיר שטיקער!"

.14

—„אָט, איין עגונה,
פערדאַקט און פערשניטען...
פריהר, האָטש אַ סמיכה!...
סטייטש... דער מחותן...

ער האָט דאָך אַ מחיה,
בעריהמט איז עקיבא'ס
וואַרשטאַט אין שטעדטעל,
אַרום די סביבות.

פון דיינ'ס אַ פּאָר שטיוועל,
פלעגט מען דאָך קוועלען.
עס זיצען ביי טישלעך
אַ צעהנדליג געזעלען.

און נישט צו געניגען —
עס פעהלען נאָך יונגען...
עד לב השמים —
דאָס קלאַפּען, דאָס זינגען.

און שוין פאַר'ן שטעדטעל,
און שטיוועל פאַר פויערן,
פאַר פריצים — קאַמאַשען....
שטאַרק! עס זאָל דויערן!

פון איגענע לעדער....
איך פלעג זי ברענגען,
ער פלעגט זי שניידען,
אויף ברייטען, אויף לענגען;

מע'האט איהם אויף כמה
וכמה געשאצט....
מאכט זיך דאס באהנ'דעל..
עקיבא'לע פלאצט...

ווארשוי פערפלייצט שוין...
קאן בעסער די תורה;
און בהצי הנם....
פון גנבה'שע סחורה;

און ס'זעצט אן עקיבא
מיין בידנענקער שנוה
די קעסט מיט'ן נדן,
צ'נד איז זי ביי מיר...

אלס בעסער ווי דארטען...
גאט זאל בעשיצען...
ער מאכט די כוס'ע...
דריי מידען נאך — ז'צען!...

.15

— „און נישט נאר מירביידע! —
אלע געהען טאנצען!
עס דוכקט, גאט זאל היטען
דאס שטעדטעל אין גאנצען;

אום בעל־מלאכה׳ס,
דעם קרעמער גישט גרינגער,
בוהרים און מעקלער
שטארבען פאר הונגער..

געמאכט אן א חורבה,
זאל זי נאר קרענקען!
ס זיצען בעלי־בתים,
פאר טרפה׳נע שענקען...

ווער האט אויף פאטענטען?...
מען האנדעלט מיט גנבות!...
פריהער זיצען זכרים,
דערנאך די נקבות

און ס׳שטעלט זיך ביי׳ם קווערטעל
א דיענסט, א משרת...
און — אל־מלך יושב...
וואס קלערט איהר? ס׳איז צרות

עס וואקסט נאר דער וואכער....
ער האט זיך פערלייגט
אויף אונזערע קברים,
און נאגט נאך, און זייגט...."

16

— „און מיך בלעגט מען שעלטען
און זידלען, און פלוכען...
וואו נעמט די באהן ישוין....
מען האפט אויף משיח׳ן!

איך בין דאָס גלות,
די באַהן איז משיח,
עס זאָל אידר אין טאַטענ'ס
טאַטען אַ רוח!...

ציגה קריכען פאַרשווינען
ווי קופּקעלעך ביינער;
און מעסטען די בלאָטע,
און צעהלען די שטיינער...

דער פּריץ ווייסט דאַנציג;
ער קאָן שוין די תורה!
מען דאַרף שוין קיין סקלאַדעס,
קיין לאַגער אויף סחורה...

מע'קויפט אַלץ אין וואַרשא,
אַ ראָק און אַ שטיוועל....
מע'דאַרף גאָר נישט פאָהרען;
מע'שרייבט נאָר אַ בריוועל...

און דאָ גערהט מען ליידיג,
און פּוסטע און פּאַס...
עס פאַלען בעלי־בתים
פאַר הונגער אין גאַס!"

—

.17

„מע'קריגט זיך פאַר צרות!
דער שעכט און דער אמר'ט,
און שלעג, און חרמות,
מע'ברענט און מע'מסר'ט,

אַ העק פונ׳ם שטעדטעל,
אַלץ אויפ׳ן פנים...
און פיערערליי שוחטים,
און פיערצען רבנים:

אַ הלול השם
זייט עטליכע יאָהרען...
צוויי פיהרט מען עטאַפּאָם,
דריי קומען צופאָהרען:"

.18

אָט ווייטער אַ מאָהל,
דער וועג איז שוין שווער!
עס רייסט זיך דאָס פערדעל
אַהין און אַהער!

און ליימיג, און גריביג,
טייל ערטער געפרווירען,
עס שפּרינגט שוין דער האָזאָנט
דעם פערד איבער ד׳אויערן.

עס סאָפּעט און רייסט זיך,
אָט, דאַכט זיך, עס פאַלט...
עס שווימט אַרוים פלוצלונג,
פון נעבעל אַ וואַלד...

איך הער שוין דאָס רוישען,
דאָס כוד׳ען, דאָס זשומען
— דער וועג וועט זיין בעסער,
נאָר מען טאָר נישט „דוימען".

אין וואַלד איז נישט רוהיג,
עס געהט היינט אַ געננעל:
"יַעֲקֹב צו'ם קווערטעל,
עֵשָׂו צו'ם דרעננעל"

.19

— "אוי, גוטע צייטען!
וואָס זאָל איך אייך זאָגען...
אַ גאַנצע וואָך — גאָר נישט...
אַ מענש איז דערשלאָגען!

דאָ געהט אַ רעצעפּטעל...
אַ ברייטעל גאָר נעהטיג...
קומט שבת־קודש —
אַ שרעקליכער וועהטיג!

אוי'ם בעלי־עגלות!
צווייעט, צושפּרייט...
גאָט זאָל נישט שטראָפען
מיך פאַר די רעד...

עס איז שוין אין קלייזעל
אויך גאָר הלשות,
איך איינער — איין אַלטער,
פול פנים חדשות...

אוי'ם בעלי־בתים...
ס'זויל קיינער נישט שווינען...
גאָר נישט, נישט זייער...
ס'איז שׂנאה פאַרשווינען!...

אַלדינג איז ברודיג,
פער׳מושב׳ט, פערפעצט....
די „יד" איז פערי׳שב׳עט,
דער כתר — פערזועצט...

זיי הייסען דאָך לומדים!...
אַלץ איז פערדאָרבען!....
און פונקט ווי אין קלייזעל —
אין שטעדטעל אַ חורבן!"

20.

— „עס איז געוואָרען
פון שטעדטעל אַ העק!
די כחות די יונגע
ענטלויפען אַוועק —

ווער קיין אַמעריקאַ,
גאָט ווייסט ווי כ׳גערהט׳ען...
און לאָזט זיך דאָך מאָהלען
מיט גאָלדענע קייטען...

עס ווערען פערשוואונדען
צו צעדן מיט אַמאָל...
מייל, זאָגט מען נאָך, פאָהרען
קיין ארץ ישראל...

ציים איך צו זאָגען,
וואָס גלייך איז, וואָס קרום?
איך האַלט מיך ביי מיינעם:
גאָט׳ס וועלט אומעטום...

איך פלעג מיט פארשווינען,
בײ בעסערע יאָהרען,
קײן לעמבערג, קײן קראָקא,
קײן פרייסען צו פאָהרען...

איך זעה נישט קײן צייכען...
איך זעה אַ זיאַנדאַר....
ער זאָגט מיר: גראַניצא,
נו, גלייב איך דעם האַרר!"

.21

— „איך וועל דאָ בלייבען...
אַיין אַלטער.... אַ שאַרבען,
דאָ בין איך געבוירען,
דאָ וועל איך שוין שטאַרבען!

איך וויים נישט, עס צידט דאָך,
דער הימעל, דער וואַלד...
וואָלט נאָר נישט געוועזען
נאַם אַזוי, קאַלט...

עס צידט מיך מיין הייזעל,
עס איז דאָך אַ וועהטיג!...
האָטש עס פאַלט כורעים...
אַ שינדעל דאַך — נעהטיג.

עס דאַרף אין די צייטען
אי קאַלעך, אי ליים...
איך פיהל דאָך מיך אינ׳עם
בײ מיר אין דערהײם!

און ווייטער — די מענשען,
אַ דאגה — די שכנים,
האָט'ש כ'האָב קיין נחת,
קיין כבוד פון קיינעם..

אַ בעל־עגלה...
אַ שלעפּער.... נו, טאַקי...
וואָס בין איך? וואָס טייטש איך?
עס ציהט דאָך — די מכה!

עס דאַכט זיך, מיין שרש
ליגט דאָ אין דער ערד...
ווייס איך? מיר דאַכט זיך!
און ווידער פערקעהרט:

זאָלט מען ביי פאָהרען....
דאַכט זיך מיר פּאָרט.
איז ארץ ישראל
דאָס איינציגע אָרט...

ד'וויל זעהן, למשל,
אָט, רחל'ס אַ קבר...
אויך ס'בית המדרש
פון שם און פון עבר...

דאָ ליגט אַ מלך...
אַ כהן... אַ נביא...
און היינט'זשע, די כותל,
די כותל מערבי...

און טויזענדער, טויזענדער
אַנדערע זאַכען...
מע'זאָל גאָר ענוונות

... צייט.

פון ווייבער נישט מאַכען!

איך גיב אויך צו שטייער!...
נאָר, עולם, געלאַסען,
עס איז דאָך א וועהטאָג
די ליידיגע גאַסען...

ס'זענען דאָ יודעלעך
אַלערליי סאָרטען...
עס וועט אייך נישט פעהלען,
ניט דאָ, און ניט דאָרטען...

שבת ערשט זעה איך...
אַז נישט נאָר מיין נטע'ל —
ווי זאַלץ אין אַ וואַסער
צוגעהט זיך דאָס שטעדטעל...

.22

— עט, וואָס איז לעבען?
אַ רגע, אַ חלום!...
אַט פאָהר'מיר פון וועלדעל
אַרויס שוין בשלום!...

נאָך אַ שטיק בלאָטע
און נאָך אַ שטיק ליים...
אַלץ נעהנטער ווי ווייטער,
שוין באַלד אין דער היים...

איך שעם מיך פאַר פריידלען.
איך האַפ מיך בגנבה

אַדורך דעם בּית-עלמין...
נאָך אָהן אַ מצבה...

אויך דאָרט קיין מנוחה!...
אָט, קוק איך אַצינד...
די אָרימע שנור...
דאָס אָרימע קינד...

גאָט וועט נישט שענקען...
ער וועט פערגעלטען..
מיך האָט זי בּעשוואָרען,
איך זאָל איהם נישט שעלטען..."

.23

— „זי בּעט מיך נאָך פּאַר'עם,
דאָס אָרימע טייבעל.
און צי געדענקט ער
אַמאָל האָטש דאָס ווייבעל?

דערמאַנט ער דאָס קינד זיך?..
אוי, דער ניט-גוטער!
זאָגט ער האָטש קדיש
אַמאָל נאָך דער מוטער?....

צי וועל איך איהם זעהן נאָך?
דאָ אָדער דאָרט?
זעהט איהר, איך האַלט מיך
און שעלט נישט אַ וואָרט!..."

האַלט ס'מויל!

דער הימעל איז בעדעקט מיט אַ בלייערן־בלאָהען חאָלקען. דער ווינד בלאָזט און שאָקעלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין הירכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עטליכע דערבער. די ערד איז גאָל און וויסט... דער קאַלטער ווינטער געהט!

ערשט דעמאָלט האָט זיך מיישב געווען אַ ר ו י ז, און האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצען איינע אַליין אויף אַ קרושאַק, אויפ'ן פרייען פעלד!

און שאַרלאַך־רויט איז זי געוועזען, געציטערט און געצאַפּעלט שוין פאַר קעלט. זי האָט מיט אַלע כחות איינגעצויגען איהרע לאַנגע, שוואַכע בלעטלעך צו האָפען נאָך אַ וואַרימען, נאָך אַ ליכטיגען שטראַהל... אומזיסט! צו שפּעט!

ערגעץ אַנדערש איז ציינד זומער! ערגעץ אַנדערש ערוואַכט ערשט דאָס נייע לעבען; נייע האָפנונגען, נייע פרייד, נייע לוסט! ערגעץ אַנדערש בליהען נייע, פרישע רויזען — אָבער דאָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבען...

דער ווינטער, דער מלאך־המות געהט! זיין אטהעם איז פראָסט, זיין הויך איז שנעע...

— „אַך, גאָט! — וויינט די רויז — האָב רחמנות אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך וויל אַזוי לעבען! פאַרוואָס בעהאַלט זיך פאַר מיר די זון? פאַרוואָס זאָל מיך פאַר דער צייט אונטערשניידען דער פראָסט, פערשיטען דער שנעע? וואָס בין איך שולדיג, אַז איך בין צו שפּעט גערופען, צו שפּעט געקומען? פאַרוואָס זאָל איך שטאַרבען גאָר אום געלעבט? פאַרוואָס זאָל איך אַוועקגעהן פון דיין וועלט אָהן אַ שטראַהל פון דער זון, אָהן אַ וואַרימע, גוטע רגע?"

— „האַלט ס'מויל!" — האָט אַ פייף געגעבען דער בייזער ווינד, און האָט פערשיט די וויינענדיגע בלום מיט שטויב און פוילע בלעטער... לעבעדיגערהייד האָט ער זי בעגראָבען! —

דאס ארימע יונגעל.

(אַ מעשה, פערצעהלט דורך אַ „מענש" פון אַ „קאָמיטעט".)

— גיט מיר אַכט גראָשען אויף אַ נאָצלעג [1].

„ניין!" — ענטפער איך האַרט און געה אַוועק.

ער לויפט מיר נאָך מיט אַ הינדטישער בקשה אין די ברענעדיגע אייגלעך, ער קושט מיר דעם אַרבעל, — עס העלפט נישט! „מיינע הכנסות טראָגען נישט אויף אַזוינע נדבות יעדען טאָג!"

„אָרימע לייט — טראַכט איך, אַרויסגעהענדיג פון דער „אָרימע קיך" וואו איך בין מיך אַזוי האַרט בעגאַנגען מיט'ן בעטלערישען יונגעל, — אָרימע לייט עסען זיך געשווינד צו".

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב דערזעהן דאָס אויסגעדאַרט=ברוּדיגע, יונגע פנימ'ל, מיט די טיעף=איינגעפאַלענע, שוואַרץ=ברענעדיג=טרויעריגע נאָר קלוגע אייגעלעך, האָט עס מיך אָנגעהאַפּט בי'ם האַרץ. איידער איך האָב זיין בקשה אויסגעהערט, האָט עס מיר שוין געגעבען אַ בריה, און אַ צעהנערל איז „אַרויסגעפלויגען" פון מיין טאַש אין זיינע דאַרע הענדטלעך אַריין.

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז די האַנד מיינע האָט עס אַליין געטהון. זי האָט נישט געפרעגט דאָס האַרץ, צי עס האָט רחמנות, נישט דעם רואה=חשבון — דעם מוח, — צי ביי'ן אַ פענס'ע פון 41 רובל מיט

---

1) א הויז פאַר אָרימע לייט צו'ם איבערנעכטיגען.

66 קאָפּיקעס אַ חודש, קאָן מען געבען פינף קאָפּיקעס צדקה.

זיין בקשה איז געוועזן אַיין יילעקטרישער פונק, ער האָט ערשיטערט יעדעס אֵבר אין מיר, יעדעס קעמערל אין יעדען אֵבר, און מיין רואה־חשבון, דער מוח, האָט ערשט שפּעטער געקריגען אַ „ידיעה" פון דער נייער הוצאה; ערשט שפּעטער, ווען דאָס יונגעל איז שוין, אונטערשפּרינגענדיג פאַר שמחה, אַרויס פון „טאַניאַק"[2].

פעריאָגט אין אייגענע און אין פרעמדע געשעפטען, האָב איך באַלד אינ'ם יונגעל פערגעסען. נאָר, אַ פּנים, נישט אין גאַנצען. נישט וויסענדיג דערפון, האָט דאָך אין מיר ערגיץ געמוזט זיין אַיין „אספה" פון פּראַקטישע מחשבות. וואָרען באַלד דעם צווייטען אָבענד, אַז דאָס יונגעל האָט מיך ווייטער אָבגעשטעלט, אַז דאָס אייגענע יונגעל, מיט'ן ציטערדיג־אָבגעריסענעם קול, האָט מיך ווייטער געבעטען אויף אַ „נאָצלעג" — זענען מיר שוין אַרויסגעשוואומען, פון ערגיץ אין מיר, גרייטע מחשבות: אַ 7 — 8 יאָהריגער יונגעל דאַרף נישט בעטלען.... נישט האַלטען זיך אין קיך.. דאָס עסען אין קיך פאַר'ן צוזאַמענעמען די כלים, מאַכט איהם נאָר פאַר אַ לעדיג־געהער, פאַר אַ בעטלער; אַזויערנאָך וועט פון איהם קיין מאָל קיין לייט נישט זיין...

די האַנד מיינע האָט זיך ווייטער גערוקט אין קעשענע אַריין, נאָר איך האָב זי דאָרט דערטאַפּט און פערהאַלטען. וואָלט איך פרום געוועזן, וואָלט איך אפשר אַזוי גערעכנט: צי די מצוה איז ווערט די 8 גראָשען? צי וואָלט איך נישט יוצא געוועזן אויף דעם אָרט מיט מנחה־דאַווענען? אָדער מיט אַהייסערען קרעכץ ביים דאַווענען? נישט פרום, האָב איך נאָר דעם יונגעל'ס טובה געהאַט אין זינען; מיט מיינע 8 גראָשען וועל איך איהם נאָך אַרעה טהון! אַיין אייביגען בעטלער פונ'עם מאַכען!

און דאָך האָב איך איהם דעמאָלט געגעבען! די האַנד האָט זיך געריסען פון קעשענע אַרויס און איך האָב זי לענגער נישט פערהאַלטען; עפּיס האָט מיר אַרום האַרץ וועה געטהון, די אויגען זענען מיר פייכט געוואָרען. ער איז ווייטער אַרויס פון קיך מיט אַ שמחה, און איך האָב געפיהלט, אַז מיר איז גרינגער און לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, איך האָב דערפיהלט אַ שמייכעל אויף מיין פּנים.

---

2) א ייד פאַר אָרימע לייט.

דאָס דריטע מאָל האָט שוין לענגער, אַסך לענגער געדויערט. איך האָב שוין בערעכענט, אַז מיין פּענסיע ערלויבט מיר נישט אויסצוגעבען 8 גראָשען אַ טאָג; עס איז טאַקי אַ פערגניגען צו זעהן דאָס פערוויינטע, ניט־דרייסטע יונגעל אונטערטאַנצען פאַר שמחה, צו זעהן, ווי עס צינדען זיך די ליכטלעך אין זיינע יונגע אייגען אָן, צו וויסען, אַז פאַר דיינע 8 גראָשען וועט ער נישט נעכטיגען אין גאַס, נאָר אין „נאָצלעג", וואו עס וועט איהם וואַרעם זיין און ער וועט נאָך אין דערפריה קריגען אַ גלאָז טהיי מיט אַ זעמעל — דאָס אַלעס איז אַ פערגניגען, נאָר איך, ביי מיינע הכנסות, טאָר מיר נישט ערלויבען אויף אַזוינע „שמחות"! — קיינעס וועגס!

נאַטירליך, האָב איך דאָס אַלעס דעם יונגעל נישט געזאָגט! איך האָב איהם בעסער געמוסר'ט, ווי דען!

איך האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז מיט'ן בעטלען פיהרט ער זיך איבער... אַז יעדער מענש, און פון איהם דאַרף אויך אַרויסוואַקסען אַ מענש, דאַרף, איז מחויב צו אַרבייטען.... אַרבייט איז אַ היילינגע זאַך! און — אַז מען זוכט אַרבייט, געפינט מען זי! און דער־גלייכען געלעזענע גוטע זאַכען, וואָס האָבען דעם יונגעל נישט געקאָנט פערטרעטען דעם „נאָצלעג", נישט דיענען אפילו פאַר אַ געליהענעם שירם, געשיצט צו זיין איבער נאַכט פאַר'ן רעגען אָדער שניי...

ער איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט מיר דעם אַרבעל... און אַלץ אויפגעהויבען די אויגען צו מיינע צו זעהן, אויב עס ווייזט זיך נישט אין די אַ פונק רחמנות, אויב זיינע ווערטער פאַלען נישט ווי אַרבעס אויף דער וואַנד! און איך האָב געפיהלט, אַז ער האָט נישט אומ־זיסט, אַז מיינע קאַלטע מחשבות ווערען וואַרעם, אַז זיינע הינטיש־בעטענ־דיגע אויגען האָבען אויף מיר אַ פעולה, אַז איך מיט מיין גאַנצער באַ־טערעיע פון השבונות און מוסר וועל מיך, אין קורצען אונטערגעבען... און איך האָב אַ ישוב געהאַט: איך וועל איהם געבען, נאָר אָנזאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ער זאָל שוין מעהר נישט בעטלען. אָנזאָגען האַרט און שאַרף, ער זאָל געדענקען! איך האָב קלענער געלד פאַר פינף־קאָפּעקען־שטיק נישט געהאַט, איך האָב אַ מטבע אויסגעטוישט און געגעבען איהם אַכט גראָשען.

— נאַ! נאָר מעהר, הערסט דו, זאָלסט דו ביי מיר נישט בעטלען! פון וואַנען האָט זיך דער „ביי מיר" גענומען? איך האָב איהם,

דאַכט זיך, נישט אין זינען געהאַט; על כל פנים, האָב איך די צווי ווערטער נישט געוואָלט זאָגען; איך וואָלט זיי גערנוויליג פאַר וועלכע קאָפּיקע צוריק איינגעשלונגען? עס איז מיר אַביסעל קיהל געוואָרען אויף דער נשמה, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב איהר פון ערגי׳ץ איין אָרט אַלאַפּען אָבגעריסען, און דאָס אָרט איז נאַקיט געבליבען! נאָר דאָס איז דורך ווי אַ בליץ; מיין שטרענג פנים, מיין שאַרף־מעטאַלען קול, מיין אויסגעשטרעקטע רעכטע האַנד און אַרויסגעשטעלטער לינקער פוס, האָבען זייערס געטהון! איך האָב אַ שטאַרקע פעולה געהאַט אויפ׳ן יונגעל! שטעהענדיג, ווי אויף ברענענדיגע קויהלען, ווילענדיג זיך אויסרייסען פון קיך כדי פריה צו קומען צו׳ם „נאָצלעג״, איז ער דאָך פון מיינע ווערטער בלאַס און בלאַסער געוואָרען, אַ טרעהר האָט אָנגעהויבען ציטערן אין דער יונגער ברעם...

— נאָר נישט מעהר בעטלען, האָב איך מיין מוסר געענדיגט, הערסט? דאָס לעצטע מאָל!

דאָס יונגעל האָט אָבגעעטהעמט און ענטלאָפען!

היינט — היינט האָב איך איהם שוין טאַקי נישט געגעבען! מיין וואָרט וועל איך נישט ברעכען; ביי מיר איז נישט דאָ קיין „בלי נדר ובלי מסקנא״ — איך לעג פאַר מיינע ווערטער קיין „עירוב״ נישט, איך זאָל קאָנען ווייטער אַריבערגעהן, אַ וואָרט — איז טייער! מען דאַרף זיך האַלטען פעסט, אַ ניט, וועט קיין מאָל אין קיין זאַך קיין „אָרדנונג״ נישט זיין!

איך בערעכען נאָך אַמאָל, וואָס איך האָב געטהון און געזאָגט, און בין זעהר צופריעדען פון זיך.

איך קאָן נישט יעדען טאָג געבען 8 גראָשען צדקה, און דאָך איז נישט דאָס געווען דער עיקר; דער עיקר האָב איך זיין טובה געמיינט, טובת הכלל אויך! וואָרען וואָס איז ווערט צדקה אָהן אַ סדר, און ווי קאָן זיין אַ סדר אָהן אַ פעסטער דעה?

מיט׳ן יונגעל האָב איך פּראָסט יודיש גערעדט, מיט מיר אַליין רעד איך אַביסעל געלעהרטער; אַרויסגעהענדיג פון קיך טראַכט איך: „דער ערגסטער מיקראָב אין דער חברה׳ס גוף איז בעטלעריי. דער, וואָס אַרבייט נישט, האָט נישט קיין רעכט אויפ׳ן לעבען, א. ז. וו.״

קוים האָב איך די טהיר פון „טאַניאַק" הינטער מיר פערמאַכט, בין איך אַריין מיט די פיס אין בלאָטע, מיט׳ן פנים אין וואַנד און מיט „לייב און לעבען" אין דער פינסטערער נאַכט!

עס איז אַ שרעקליכער ווינד, עס ציטערן די פלאַמען אין די גאַסען־לאָמפּען ווי פאַר קעלט, און זייער ציטערדיגער שיין שלאָגט זיך טויזענד־פאַך אָב אין די נאַסע בלאָטע־גריבלעך אין גאַס, אַז עס שווינדעלט פאַר די אויגען.

עס פייפט מיט אַ יעמערליך קול, גלייך טויזענדער נשמות בעטען זיך „תקון", אָדער טויזענד יונגלעך — צו 8 גראָשען אויף נאָצלעג.

פוי! ווייטער דאָס יונגעל...

עס איז איין עברה אַ הונה אַרויסצוטרייבען אין גאַס אַריין!.. און דאָך וועט דאָס יונגעל נעכטיגען אין גאַס!... נאָר וואָס זאָל איך טהון? ווייניג פאַר מיר 3 מאָל? זאָל צונד איין אַנדערער געבען! עס איז גענוג פון מיין זייט, אַז איך האָב מיט׳ן קראַנקען האַלז און הוסטענדיג אין אַזאַ וועטער דעם טאַניאַק בעזוכט. איך בין טאַקי אַ „קאָמיטעט־מענש", נאָר קיינער האָט פון מיר נישט פערלאַנגט, איך זאָל אַכטונג געבען, בפרט אין אַזאַ וועטער, אָהן אַ פעלץ... וואָלט איך פרום געווען, וואָלט עס פון מיין זייט אייגענטליך געווען; איך וואָלט געמיינט חאָטש מיין טובה דערביי: איך וואָלט געשווינד אַהיים געלאָפען, אַריינגעוואָרפען זיך אין בעט און איינגעשלאָפען, די נשמה זאָל געשווינד אַרויספליהען אין הימעל אַריין און פערשרייבען אויף איהר קאָנטאָ אַ מצוה׳לע.... דאָס מצוה׳לע איז „קרעדיט", דער „דעבעט" וועט זיין אַ פעט שטיקעל לויתן... איך — האָב געהענדיג אין „טאַניאַק" אַריין קיין לויתן נישט אין זינען געהאַט... מיין גוט האַרץ האָט מיך געפיהרט...

מיך אַליין לויבענדיג איז מיר עפּיס וואַרימער געוואָרען אין דער געגענד פון האַרץ; ווען יענער לויבט מיך, וואָלט איך מיך געמוזט פערשעמען און צוזעקמאַכען מיט דער האַנד.... מיך אַליין קאָן איך הערען אָהן בושה... און איך וואָלט מיך אפשר לענגער נאָך געלויבט, נאָך מעלות טובות אין זיך געפונען, נאָר, ליידער, בין איך מיט מיינע „האַלבע־פּאָרע־שויכ" — איין גאָט ווייסט, אַז די אַנדערע צוויי העלפטען האָב איך אויסגעריבען אויפ׳ן וועג צו׳ם טאַניאַק! — בין איך מיט מיינע האַלבע פּאָדעשוועס אַריין אין אַ בלאָטע...

„שליחי מצוה אינן ניזוקין" — נאָר דאָס איז, אַ פנים, נאָר אַהין־

צו־וועגס; צוריק צו־וועגס, בשעת ווען דער ניי־בעשאַפענער מהאך יאָגט דך שוין צוריק אין הימעל אַריין, קאָן מען אַפילו האַלז־און־לייב ברעכען.

עס ווערט מיר נאַס אין די פיס און קאַלט אין אַלע אברים; איך פיהל פּאָזיטיוו, אַז איך וועל מיך פערקיהלען, אַז איך האָב מיך שוין פערקיהלט; אָט באַלד וועל איך מיך צוהוסטען, עס וועט מיך אָנהייבען שטעכען אין דער ברוסט! עס פאַלט אויף מיר אַ שרעק... ערשט נישט לאַנג 4 וואָכען אָפּגעלעגען!

— מען טאָר נישט אַזוי! מאַכט אין מיר עפּיס געגען מיר אַליין אַ מרידה, ניין! דיך מאָגסט דו מקריב זיין! נאָר דיין ווייב און קינד? ווי האָבט דו אַ רעכט זייער שטיין איינצושטעלען?

ווען דער זאַץ זאָל זיין אַ געשריבענער, איך זאָל דעם פרעמדענ'ס זאַץ'ס לעזער זיין און האַלטען דערביי אַ בליישטיפט אין דער האַנד, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס מיט איהם צו טהון... נאָר דער זאַץ איז מיין אייגענער געוועזען...

און איך פיהל מיך פאָרט פערקיהלט, און אַהיים איז נאָך וויט, און די קאַמאַשען זענען פול מיט וואַסער, קאַלט און שווער... געגענאיבער לייכטען עטליכע פענסטער פון אַ קאָנדיטאָריי... די ערגסטע אין גאַנץ וואַרשוי. שענדליכער טהיי, נאָר ביי'ן „אין ברירה”!....

איך שפּרינג אַריבער די גאַס און פאַל אַריין אין אַ וואַרעמען נעפּעל.

איך האָב בעשטעלט אַ גלאָז טהיי און געהאַפּט אַ „פלוג־בלאַט”.

דער ערשטער אילוסטרירטער וויץ, וואָס פאַלט מיר אין די אויגען אַריין, זעהט מיר אויס אַלס אַ המשך פון דרויסען. דער וויץ הייסט: „ווער אין וואָס האָט איבערפלוס?” אויפ'ן בילד איז אַ וועטער ווי איצט אין גאַס. צוויי פערזאָנען קומען זיך אַקעגען אויפ'ן טראָטואַר: פון איין זייט אַ דיקע פרוי אין די מיטעלע יאָהרען, „איין אָנגעגעסענע”, אין אַ זיידען קלייד, אַ סאַמעטענעם מאַנטעל און אַ ווייסען פעדער־הוט. זי איז, אַ פּנים, ביי'ם גוטען וועטער אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען, אָדער מיט אַ וויזיט, און דאָס אונוועטער האָט זי אומגעריכט געטראָפען; דאָס פּנים איהר'ס איז איבערגעשראָקען: זי שרעקט זיך פאַר רעגען און קעלט פאַר זיך, אויך אפשר — נאָר פאַר'ן מאַנטעל; זי אַיילט, עס קומט איהר עט־

ליכע טראָפּען שווים זויפ'ן ווייסען שטערען אַרויף; זי אײלט, נאָר איהרע טריט זענען דאָך נישט זיכער. זי האָט ביידע הענד פּערנומען. אין דער לינקער האַנד, דורכגענומען דורך דער מופּע, האַלט זי די ויידענע שלעפּ, שוין גוט מיט בלאָטע פּערבּרעמט; און אין דער רעכטער האַנד — אַ קליי־נעם זיידענעם שירם, וואָס פּערדעקט איהר קוים דעם פּעדער־הוט אי־בּער'ן קאָפּ! דער דאַמע פּעהלט נאָר אַ שטיק שירם! פאַר דאָס האָט זי איבּערפּלוּוס — אין אַלעם אַנדערן. עס איז אַ פּנים אָהן זאָרג, פון אַ זיעבּענטער זעט, פון אַלדאָס גוטס!

געגענאיבּער דער דאַמע קומט אָן אַ יונג מיידעל — הויט און ביין! זי האָט אמשר לאַנגע און שענע האָהר, נאָר זי האָט געווים ווענינ צייט צו זיי; זיי זענען צערפּלאָמען, צעשויבּערט, און דער ווינד יאָגט זיך אַרום מיט גאַנצע פּענקעס האָהר און קלאַפּט זי מיט זיי אויף די דאַרע פּלייצעס. זי טראָגט אַ שטאַרק געלאַטעט דין קליידעל, און דער ווינד האָט זיך צוּ'ן איהר צוגעציעפּעט און זוכט נאָר אַ שפּאַרע, זיך אַריינצו־גנבע'ענען, זיך צו ציהען צו'ם דאַרען לייב. אויף די פים האָט זי אַ פּאָר הויכע שיך — פון בלאָטע! זי געהט אויך נישט זיכער אויפ'ן ווינד; ערשטענס, איז איהר דער ווינד גלייך אין פּנים אַריין, צווייטענס, האָט זי אויך ביידע הענד פּערנומען: אין דער לינקער האַנד טראָגט זי אַ פּאָר גרויסע מענישע — געווים דעם פּאָטער'ס — שטיוועל, צו פּעררינכטען... די אויפגעשפּאַלטענע פּאָדעשוועס לאָזען מיך זי נישט הושד זיין, אַז זי טראָגט זיי אין אַ שענק, פאַר אַ פלאַש בראָנפען צו פּערזויפען... געווים איז דער פּאָטער אַהיים געקומען מיעד פון דער אַרבייט, די מו־טער קאָכט וויעטשערע, און זי, די עלטסטע טאָכטער, האָט מען אַרוים־געשיקט פּעררינכטען די שטיוועל — אויף אין דערפריה מוזען זיי זיין פּערטיג. זי אײלט, זי ווייסט, אַז אויב דער שוסטער וועט אויף מאָר־גען נישט פּערטיג מאַכען די שטיוועל, וועט אַ גאַנצען טאָג קיין פייער אויפ'ן קומען נישט זיין... זי סאָפּעט — די גרויסע שטיוועל זענען צו אַ שווערע לאַסט פאַר דעם קליינעם קינד, נאָר נאָך שווערער איז די משא אין דער לינקער האַנד: זי טראָגט — איין אונגעהייערן וועגס־שירם אי־בער זיך! און זי טראָגט איהם מיט שטאָלץ — דער פּאָטער האָט איהר דעם שירם געטרויט!

דעם קינד פעהלט אַ סך זאַכען: ווינטער — וואַרימקייט, זומער און ווינטער — קליידונג, אַ גאַנץ יאָהר — עסען צו דער זעט... דערפאַר

האָט די איבערפּלוס אין שירם!

איך בין דיכער, אַז אין דער רגע איז איהר די רייכע דאַמע מיט'ן שירם מקנא!

דאָס קליינע דאַרע מיידעלע מיט די שעלמיש-לאַכענדיגע אויגען, האָטש זי קעהרט זיך יעדע מינוט שיער נישט איבער פון ווינד, — שמייכעלט מיר אַקעגען פון בלאַט אַראָב:

„נו, זעהסט? מיר האָבען אויך אַמאָל נחת!"

„אַט, לאַך איך אויס יענער דאַמע!"

נאָר, בעצאָהלענדיג פאַר דעם נישט-דערטרונקענעם טהיי, דערמאַן איך מיך ווייטער אָן מיין בעטלערישען יונגעל.

ער האָט נישט קיין שירם, אויף איהם וואַרט נישט קיין היים, זאָל זיין מיט טרוקענע קאַרטאָפעל, אָהן פוטער! אויף איהם וואַרט נישט קיין פיצעל בעט, אַ טאַטען אָדער אַ מאַמען צו פיטענס... און אפילו די אונגליקליכע דאַמע וואָלט איהם נישט געדאַט מיט וואָס מקנא צו זיין!

ווי אַזוי האָט ער זיך מיר דערמאַנט? אַהאַ! איך געדענק: עס איז מיר דורכגעפלויגען אַ מחשבה, אַז פאַר דעם צעהנערל, וואָס איך האָב בעצאָהלט פאַר דעם כמעט נישט פערזוכטען טהיי, וואָלט דאָס אָרימע יונגעל געהאַט: פאַר אַ צווייער אַ האַלבע פּאָרציע זופּע אָדער אַ שטיקעל ברויט און — איין אָרט, וואו צו נעכטיגען...

פאַר וואָס האָב איך טהיי בעשטעלט? אין דער היים קאָכט, וואַרטענדיג אויף מיר, דער סאַמאָוואר, עס זיצט עמיצער מיט אַ גרייטען שמייכעל אויפ'ן פּנים, אויפ'ן טיש ליעגט אָנגעגרייט עפּעס צו פערבייסען — איך האָב מיך אָבער געשעמט נישט צו בעשטעלען קיין טהיי.

— נו, מיין בושה איז אויך עפּעס ווערט! — טרייסט איך מיך.

אין גאַס האָט אויף מיר געוואַרט נאָך אַ שטאַרקערער ווינד.

ער רייסט די דעכער מיט אַ כעס, גלייך ער וואָלט איין אַנטיבעמיט אונזוי — יודען געוועזען; נאָר די דעכער זענען אייזען און בלייבען זיך אין דער היים. ער לאָזט זיך אַראָב מיט רציחה צו די לאַמטערן אין גאַס, זיי האַלטען זיך דאָך גלייך און לייכטען הייטער, ווי געלעהרטע העלדען אין דער אינקוויזיציע־צייט! ער לאָזט זיך אַראָב נאָך טיעפער און רייסט דעם ברוק פון גאַס, נאָר די שטיינער זיצען טיעף איינגע־גראָבען, און די ערד לאָזט איהרע שכנים נישט אַזוי לייכט אַרויס; ער הייבט זיך צוריק אויף מיט אַ כעס, אַרויף, ארויף אין דער הייך, נאָר די הימלען זענען הויך, און די שטערן קוקען צו אַראָב גלייכגילטיג אָדער מיט הוזק...

די מענשען אין גאַס בייגען זיך, נייגען זיך, ציהען זיך צוזאַמען, ווייניג אָרט צו פערנעמען, הרעהען זיך אַלע מאָל איבער, דעם אָטהעם צו האַפען, און געהען דאָך ווייטער זייער זיכערן וועג...

— נאָר דאָס אָרימע, שוואַכע יונגעל — קריג איך מורא — ווי וועט עס מיט איהם דערגעהן?!

מיין גאַנצע פילאָזאָפיע האָט מיך פערלאָזט, און מיין גאַנץ רחמנות האָט זיך דערוועקט...

ווען דאָס איז מיין קינד? ווען איך זאָל קלערען, אַז דער ווינד קעהרט איבער מיין אייגען פלייש און בלוט? ווען מיין קינד דאַרף אין אַזאַ ווינד נעכטיגען אין גאַס... אָדער, ווען אפילו ער האָט שוין שפעטער אויסגעבעטעלט אַכט גראָשען, געהן אין אַזאַ שטורם קיין פראַגע, איבער דער ווייכסעל, איבער דער בריק!...

צי וויל ער איז נישט מיין, איז ער דעריבער ערגער? צי וויל די, וואָס ער איז זייער, ליעגען ערגיץ אין אַ קבר אונטער אַ מצבה, פיהלט ער ווייניגער דעם ווינד? ציטערט ער ווייניגער פאַר קעלט?

איך פערליר דעם חשק אַהיים צו געהן; מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב נישט קיין רעכט נישט צו דער וואַרימער שטוב, נישט צום קאָ־כענדיגען סאַמאָוואַר, נישט צום וואַרימען בעט, און בפרט — צום שמייכעל פון די, וואָס וואַרטען אויף מיר אין דער היים. מיר דאַכט זיך, אַז אויף מיין שטערן מוז שטעהן אויסגעשריבען איין עהנליך וואָרט ווי „רוצח”, „קין”... מיר דאַכט זיך, אַז איך דאַרף מיך קיינעם אין די אויגען אַריין נישט ווייזען...

און עס פאַלט מיר ווייטער איין צו קלערען וועגען פרומקייט.

— אַ מיין וואָלט איך, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, — שעלט איך מיך, — פֿרום געוועזען! וואָס וואָלט מיר געשאַדט, איך זאָל זיכער זיין, אַז דער, וואָס וואָהנט העכער איבער אַלע שטערן, איבער אַלע הימלען, קוקט קיין רגע נישט אַוועק פֿון אונזער וועלט... אַז ער וועט קיין רגע אָנ'ם יונגעל נישט פֿערגעסען?...

פֿאַר וואָס זאָל ער ליעגען מיר אויפֿ'ן האַ"ץ, איך וואָלט איהם בעסער פֿראַנק און פֿריי אויפֿ'ן האַרץ פֿון דער גאַנצער וועלט געוואָרפֿען; ער וואָלט מיר קיין רגע פֿאַר די אויגען נישט געשטאַנען, ווען איך זאָל וויסען, אַז ער איז זיכער אונטערן גרויסען קאָסמאָס-אויג, וואָס, ווען עס זאָל זיך, חלילה, אויף איין רגע צומאַכען, וואָלט גאַנצע וועלטען דער טייוועל גענומען, אָבער, כל זמן עס איז אָפֿען, וועט דאָס קלענסטע ווערמעל אָהן חשבון, אָהן משפט, אָהן יושר נישט פֿערלאָרען ווערען...

צונד, מוז איך מיט'ן קראַנקען האַלז, מיט נאַסע פֿיס, ביי'ן אַזאַ וועטער צוריקגעהן אין „טאַניאַק" אַריין זוכען דעם פֿרעמדען יתום... עס איז אַ חרפּה און אַ בושה!...

וואָס די „חרפּה" און די „בושה" זענען געוועזען, מיט וואָס און פֿאַר וועמען איך האָב מיך געשעמט — ווייס איך נישט עד היום. און דאָך, דער חרפּה און דער בושה צוליעב, בין איך געגאַנגען צום „טאַניאַק" נישט אין גלייכען וועג; איך האָב אַרומגעקאָלעוועט עטליכע גאַסען און ענדליך — געקומען.

די ערשטע שטוב, די שפּייז-זאַל, איז לעער. דאָס „גיהנם" פֿון אַ גאַנצען טאָג הייבט זיך אָן אָפּקיהלען, און די פּאַרע הייבט זיך העכער און העכער פֿון איבער דער נאַסער פּאָדלאָגע און בילדעט אַ נייעם „הימעל", אַ נייע „אויסשפּרייטונג" צווישען די אונטערשטע וואַסערן פֿון די אָרימע לייט'ס פֿיס, און די אייבערשטע — פֿון דער ועטריפּטער פּאַרע. ערטער-ווייז רעגענען די טראָפּען אַראָב, דורכ'ן אָפֿענעם פֿענסטערל אין קיך אַריין זעה איך די פֿערשלאָפֿענע קעכין מיט'ן פֿערדוקטען שייטעל שטעהן אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער האַנד אויפֿ'ן גרויסען קעסעל, פֿיהרענדיג מיט דער רעכטער האַנד גאַנץ פֿויל דעם גרויסען קאָך-לעפֿעל צו די ליפּען. די צווייטע, די „אונטער-קעכין", בראָקט לאָקשען אויף מאָרגען, אויך פֿערשלאָפֿען. דער „ממונה" צעהלט די קוויטלעך אויף מיטאָגען אויפֿ'ן קאָמיטעט'ס חשבון... מעהר איז קיינער נישט דאָ. איך

וואַרף אַיין אויג אונטער די טישען — עס איז פון יונגעל קיין זכר נישט דאָ!

איך בין צו שפּעט געקומען!

— האָטש גוט, — טראַכט איך, אַרויסגעהענדיג פון קיך, — וואָס קיינער האָט מיך נישט בעמערקט...

ראַפּטום דערמאַן איך מיך, אַז איך בלאָנדזע שוין עטליכע שטונדען אין גאַס.

— וואָס איז פאַר אַ טייוועל מיט מיר? — ווער איך בייז, און הייב אָן צו שפּרייזען אַהיים.

איך בין צופריעדען, וואָס אַלע שלאָפען שוין, איך וואַרף אַראָב די קאַמאַשען אין פעדערהויז, גנב'ע מיך אין שטוב און אין בעט אַריין — נאָר איך האָב אַ שלעכטע נאַכט געהאַט.

מיעד, פערקיהלט און דורכגענעצט, האָט לאַנג געדויערט איידער איך האָב מיך אויסגעהוסט און דערוואַרימט, צווישען די ביינער האָט מיר אַרומגעבלאָנדזעט אַ מין שוידער.. רעכט איינגעשלאָפען בין איך גאַנץ שפּעט און דאַן ערשט האָבען מיך שלעכטע חלומות געמוטשעט.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, באָדענדיג זיך אין קאַלטען שוויס און בין אַרויסגעשפּרונגען פון בעט גלייך צו'ם פענסטער צו.

איך קוק אַרויס — דער הימעל איז אויסגעשטערנט... די שטערען זעהען אויס, ווי בריליאַנטען אין אַיין אַייזערנעם הימעל געפּאַסט... זיי בלאָנדזען אַזוי שטאָלץ, אַזוי רוהיג און אַזוי הויך!

הינטען רייסט דער ווינד; עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז.

איך בין צוריק אין בעט אַריין, געשלאָפען בין איך שוין נישט מעהר, נאר געדרימעלט, איך האָב שוין נאָר האַלבע חלומות געזעהען, און אַלץ מיט'ן יונגעל אין דער מיט...

וואָס אַמאָל האָב איך איהם געזעהען אויף אַיין אַנדער אָרט. דאָ שלעפּט ער זיך ערגיץ אין גאַס, דאָ זיצט ער אַיינגעהויקערט אויף עטליכע טרעפּליך אונטער אַ דעכיל פון אַ געוועלב, אַמאָל שפּיעלען גאָר מיט איהם טייתלאַנים אין באַל... ער פליהט אין דער לופט פון אַיין האַנד

אין דער צווייטער אַריין... שפּעטער טרעף איך איהם שוין געפרוירען פערשטאַרט אין ערגיץ אַ מיסט-קאַסטען...
איך האָב קוים דעם מאָרגען דערלעבט און גלייך געלאָפען אין טאַניאַק אַריין.

ער איז דאָ!
איך זאָל מיך נישט געווען שעמען, וואָלט איך איהם די בלאַטע פון פּנים מיט דאַנקבאַרע טרעהרען אָבגעוואַשען; איך זאָל נישט מורא האָבען פאַר'ן חייב, וואָלט איך איהם אַלס אייגען קינד אַהיים געפיהרט....
ער איז דאָ, איך בין נ י ש ט קיין רוצח!
— נאָ!
און איך האָב איהם אַ צעהנערל דערלאַנגט.
ער נעהמט עס פערוואונדערט; ער ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר אַ טובה ער האָט מיר געטהון...
לעבען זאָל ער!

און דעם צווייטען טאָג, אַז ער האָט ווייטער ביי מיר געבעטעלט אויף אַ נאָצלעג, האָב איך איהם נ י ש ט געגעבען, אָבער שוין קיין וואָרט מוסר נישט געזאָגט. נאָך מעהר — איך בין אַוועקגעגאַנגען פערשעמט, נישט צופריעדען פון זיך אַליין.
געבען קאָן איך באמת נ י ש ט, נאָר דאָס האַרץ טהוט דאָך וועה: פאַר וואָס קאָ ן איך נישט?
נישט אומזיסט פלעג מיין זיידע, עליו השלום, זאָגען:
„ווער עס איז נישט פרום, לעבט מיט האַרץ-ווערטאָג און שטאַרבט אָהן טרייסט".

XII.

צייטען און דורות.

XII צייטען און דורות.

בײ׳ם פּאַקיער (אַ מעשה׳לע) 293

משיח׳ס צייטען (אַ מעשה׳לע) 299

דער אויסלענדישער פויגעל (אַ מעשה׳לע) . 308

פיער דורות—פיער צוואות (נאָוועלעטע) . . 313

וואס אַ מאָל וועניגער (יוחנן מלמד׳ס אַ מעשה׳לע) 319

דריי מאל געדופען (פון איין אלטען כתב־יד) . . 330

אַ רייזע אין דער צייט (הומאָרעסקע) 344

ביים פאקיער.

צו'ן אַ פאַקיער קומט אַריין אַ מענש, וואָס לאָזט זיך זעהר שווער־ליך בעשרייבען: באָרפוס, מיט אַלט־צעריסענע קליידער אויפ'ן דאַרען לייב; און דאָך איז יעדע בעוועגונג זיכער, כמעט שטאָלץ. די גערונצעלטע פאַרמיט־הויט אויפ'ן געזיכט זאָגט, אַז ער איז אַלט, זעהר אַלט, און דער בליק פון גרויסע, שוואַרצע אויגען איז שטרענג און פול קראַפט פון אַ יונגען מאַן. די ליפען בלאָהליך און צופלאַצט, און ביי די ווינקלען פון שמאָלען מויל בלאָנדזעט דאָך אַ שמייכעל פון בענגשאַפט, איראָניע און גוטקייט צוזאַמען.

דער פאַקיער שטעהט אויף און געהט איהם אַקעגען, וואָס ער טהוט אלטען פאַר רייכע און גרויסע לייט.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה; — זאָגט דער גאַסט —

— זאָג, וואָס דיין פערלאַנג איז, ענטפערט דער פאַקיער.

— וועסט דו מיר טהון, וואָס איך וויל?

— אויב איך וועל וועלען, — ענטפערט דער פאַקיער, און גיט־צו מיט ענוות: — און אויב איך וועל קאָנען.

— דו קאָנסט, דאָס ווייס איך, — זאָגט דער גאַסט, און זיין שטימע קלינגט וואָס אַמאָל העלער און ערנסטער צוזאַמען. — איך האָב עס פון דיר נישט איינמאָל געזעהן, נאָר נישט אומזיסט. .

— און דו קאָנסט נישט בעצאָהלען?

— פיליי כט... דאָך...

— מיט וואָס? — פרעגט דער פאַקיער און מוסטערט נאָך אַמאָל דעם אָבגעריסענעם שטאָלצען גאַסט... האָסט דו נישט, מיין קינד, ערגיץ... געגנב'עט? ניין... נישט מיט געלד וויל איך דיר בעצאָהלען... מיט מיין אייגענער געשיכטע.

— די איז אַזוי וויכטיג? זי וועט מיר צונוץ קומען?

— וויכטיג, ווי פּאַר איינעם... צי ד' וועט דיר צונויף קומען, ווייס איך נישט... דאָך וועט זי דיך בעפרייען פון מיה זון מאַטער.

— ווי אַזוי?

— מיין אַריינקומען, מיין פּערזאָן, האָט אויף דיר איין איינדרוק געמאַכט. איך האָב דיך פּעראינטערעסירט... אַז איך וועל אַוועקגעהן מיט אַ פערשלאָסען מויל, וועסט דו נישט איינמאָל פערטראַכטען זיך און קלערען: ווער איז ער געוועזען? וואָס האָט ער געקאָנט וועלען? און אַ פּאַקיערס צייט איז טייער, זיינע געדאַנקען— נאָך טייערער! פון צייט און געדאַנקען לעבט אַ פּאַקיער!

דער פּאַקיער האָט געקלערט אַ ווייל, ער האָט זיך געפּרובט, ווי ווייט ער איז ווירקליך פעראינטערעסירט מיט'ן גאַסט, צי ער וועט ווירקליך דעריבער קלערען.—

די צייט בענוצט דער גאַסט און זאָגט ווייטער:

— דו ביזט אַלט, פּאַקיער, זעהר אַלט! אַלע דיינע געפיהלען זענען אויסגעטרוקענט... דיין האַרץ געפינט שוין אין גאַר נישט קיין פרייד... מיט'ן קאָפּ לעבסט דו נאָך... דאָס געהירן איז נאָך דאָס איינציגע גליעד אין דיר, וואָס לעבט, נישט נאָר אויס לויטער געוואָהנהייט; נאָר דיין מח האָט נאָך זיינע ליידען און פריידען, ער קלערט און וויל וויסען... טהו דיין קאָפּ צוליעב,— זאָל ער האָבען נאָך איין איינדרוק פון דער וועלט איידער ער וועט אויך בלייבען מיעד און פויל צו שטאַרבען...

— גוט! — בעשטעהט דער פּאַקיער.

זיי זעצען זיך, דער גאַסט פערצעהלט:

— קליינערהייט האָב איך אַמאָל שפּאַצירט מיט מיין פאָטער צווישען די בערג אונטערן שלאָס...

— איהר האָט אין אַ שלאָס געוואָהנט?

— יאָ. מיר האָבען איבערגעשראָקען איין אָדלער, און ער איז אַרויסגעשאָסען צום הימעל. „איך וואָלט אויך געוואָלט אַזוי פליהען"— האָב איך הויך געטראַכט. „דו וועסט עס אויך טהון"— האָט מיר דער פאָטער געענטפערט,— „נאָר נישט אין דער לופט. די לופט איז נישט אונזער עלעמענט; מיר קאָנען אין איהר, און דעריבער — פון איהר, נישט לעבען"...

„און פליהען— זאָגט ער ווייטער — וועסט דו צום הימעל— דאָס זענען די בלאָהע, די זיידענע בלאָהע, מיט גאָלדענע שטערן אויסגעשטיקטע טאַפּעטען אין אונזער קעניגליכען פּאַלאַץ... און גלייך צו דער זון— דאָס איז דער קעניג אַליין... די שטראַהלען פון זיין גנאָד זענען ליכטיגע און וואַרימער, און זיי זענען נישט פאַר אַלע, נישט פאַר יעדען בעסטען"...

איך האָב די ווערטער דערנאָך איבערגעגעבען מיין לעהרער, אויף „אַ פּאַקיע" ווי דו. זיין געזיכט האָט זיך דערביי נישט געענדערט. קאַלט און שטרענג האָט ער מיר געזאָגט: „דער אָדלער, אויב ער וויל לעבען, מוז ער עסען, און עסען— מוז ער אַראָב אויף דער ערד... עסען־וואַרג ליעגט נידריג, אָפט אין בלאָטע".

— זעהר קלוג.

— איך האָב איהם דאָך נישט פערשטאַנען און אינ׳ם גאַנצען גע־שפּרעך פערגעסען.

צוריק אויף די געדאַנקען זענען מיר די ווערטער געקומען ערשט בעמאָלט, ווען איך בין ערשטער מיניסטער געוואָרען.

— מאַנציפּוצי?

— אַזוי פּלעג איך הייסען——

— און היינט?

— האָב איך קיין נאָמען נישט.

— ווען איז עס געשעהען?

— שוין אייניגע יאָהר... עס פרעהט מיך פאַר דיר, אַז דו האָסט פון דעם אַלעם נישט געוואוסט... אַז דו לעבסט אַזוי הויך, אַזוי טיעף אָדער אַזוי ווייט פון מיין געוועזען לעבען!

איינמאָל בין איך געשטאַנען אַזוי לאַנג און אַזוי טיעף געבויגען פאַר דער זון, אַז עס איז מיר, נישט ווילענדיג, געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ אַריין, מקנא צו זיין די זיילען אין פּאַלאַץ, וואָס האַלטען איהם אויף אונטער און בייגען זיך נישט...

— דו האָסט עס געזאָגט?

— ניין; מיינע ליפּען זענען נאָך נישט געוואוינט געוועזען דערצו; נאָר דער מאַרך־ביין!... אַ אומגעדולדיגע בעוועגונג האָב איך געמאַכט... די זון האָט עס בעמערקט...

— און דו לעבסט?
— גרויס איז געוועזן זיין ליעבשאפט צו מיר; מען האט מיך נאך פאר א לבנה געמאכט, א פראווינץ איבערגעגעבען..
— ביזט צופריעדען געוועזען?
— א צייט... ביז די זון איז דורכגעפאהרען און די לבנה האט זיך וועניג געבוקט...
— און?
— מען האט מיך דעגראדירט אויף א שטערן... א שטאדט האב איך בעקומען...
— און האסט רעגירט, ביז די לבנה איז געקומען...
— ריכטיג... דער מארך־ביין האט וואס אמאל זיך וועניגער געבויגען... איך בין אריין אין דער מילך־שטראסע; צווישען מיליאנען קליינע שטערנדלעך —
— און?
— אלץ דער מארך־ביין!... מען האט מיך בעקאנט געמאכט מיט'ן באמבוס און ארויסגעווארפען פון — הימעל!
— און דיין פאטער, דער שטאלצער שלאס־הערר.
— ער האט עס נישט אויסגעהאלטען, און האט מיר א גרויסע ירושה געלאזט; איך האב מיר געקאנט פאר זיך אליין א קליינעם הימעל מאכען...
— האסט עס נ י ש ט געטהון?
— ניין, איך האב איין אנדערע לידענשאפט געהאט. איך האב געוואלט, וואס אלע, אייגענטליך, ווילען: אנדערע זאלען עהגליך זיין צו מיר; מען זאל זיך אויפהערען בוקען.
— א געפעהרליכע ליידענשאפט...
— איך האב איינגעקויפט עסענווארג און קליידער, געעפענט די טויערן פון שלאס און אויסגערופען אויס'ן לאנד: ווער עס וויל, זאל קומען נעהמען, וואס ער וויל... נאר א בעדינג האב איך געשטעלט: קיינער טאר נישט דאנקען. ווער עס וועט עס טהון, וועט מוזען בעצאהלען...
— פיעל האבען געקאנט?
— וועניג. דאך מיט דער צייט איז די צאהל פון נישט־דאנקענדיגע געוואקסען, גרעסער געווארען; נאר מיט דער צייט האט מען מיך — —
— ארעסטירט?
— ניין; אין דול־הויז געשיקט..

י. צ"ם.

— ריכטיג, אַלס פערשוועגדער..

— אַז איך בין אַרוים פון דול־הויז, איז פון מיין ירושה קיין צייכען נישט געבליעבען... פריינד און בעקאַנטע האָבען זיך בעמיהט; שולדען האָבען זיך בעוויזען, דאָס אויפהאַלטען אין קעניגליכען דול־הויז, איז גע־גוג טייער...

„געה אַרבייטען" — האָט מען מיר ביי'ם אַרויסלאָזען געזאָגט...

— און דאָס איז, נאַטירליך, דעם געוועזענעם מיניסטער נישט גע־פעלען.

— אימגעגענטייל, נאָך אַזוי פיעל רוהען האָב איך געבענקט נאָך אַרבייט... נאָר אויסבעטלען זי האָב איך נישט געקאָנט.. בעטלען און בוקען זיך איז מיר שוין אונמעגליך געוואָרען....

דער גאַסט שווייגט אַ ווייל, און דער פאַקיער פרעגט:

— ווילסט, איך זאָל דיך אויסלערנען?

— דאָס, — ענטפערט שטאָלץ דער גאַסט, — וועסט דו נישט קאָנען; הונגער און דאָרשט האָבען עס נישט געקאָנט... נאָר דאָס לעבען איז מיר שוין איבערדריסיג....

— ווילסט איך זאָל דיך דערפון בעפרייען?...

— אָה. ניין! צו דעם דאַרף מען נישט דיין הילף... דאָס ערשטע בעסטע וואַסער, די ערשטע בעסטע צווייג... זיי וואָלט איך זאָגאר נישט געדאַרפט קיין מעשיות צו פערצעהלען...

— וואָס דען?

— איך גלויב, פאַקיער, — יעדער מענש האָט זיין גלויבען, דאָס איז דער פאָדעם, מיט וועלכען די געטער בינדען אונז צו צו'ם לעבען — איך גלויב, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט פון גראַדע מענשען, מיט האַרטע מאַרך־ביינער; פון מענשען, וואָס וועלען נישט וועלען און נישט קאָנען זיך בייגען... איך וויל עס דערלעבען!

— אַזוי לאַנג לעבען ווילסט דו?

— ניין... פאַר דעם שפּעטערן גליק, וואָלט איך אַזוי פיעל נישט בעצאָהלט... שלאָפען וויל איך, איבערשלאָפען!...

י. י. טרק.

דו קאָנסט עס! שלעף מיך איין, פּאַקיער!...

דער פּאַקיער שווייגט.

— ווילסט דיין וואָרט נישט האַלטען? — פרעגט דער גאַסט.

— נישט דאָס, — ענטפערט דער פּאַקיער, — איך קלער נאָר, ווער דיך וועט וועקען? איך — נישט, מייגע קינדער און קינדס-קינדער — אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?

— שרעק נישט... מיך וועט וועקען די צייט; גאָה שטיל וועט זי נישט קומען!

משיח'ס צייטען.

אַזוי ווי אין אַלע יודישע שטעדט און שטעדטלעך אין גאַליציען, איז אויך געווען אין דער קהלה, וואו מיינע עלטערן האָבען געוואוינט — אַ משוגענער.

ווי געוועהנליך האָט דער משוגע'נער פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט, נישט פאַר'ן קהל, נישט פאַר'ן רב און דיינים, אפילו נישט פאַר דעם בעדער מיט'ן קברות-יוד, פאַר וועלכע די גרעסטע גבירים שרעקען זיך. פאַר דאָס האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל, גאַנץ קהל מיט דעם גאַנצען כלי-קדש, מיט'ן בעדער און מיט'ן קברות-יוד, געציטערט פאַר דעם משוגענעם און פערמאַכט פאַר איהם טהיר און טויער. און אויבוואָהל דער ארימער משוגע-נער האָט קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט אָנגערידהרט מיט'ן מינדסטען פינגער; האָבען אויף איהם אַלע געשריגען, מאַנכע גע-שלאָגען, און די גאַסען-יונגען פלעגען איהם גאָכוואַרפען בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגע'נעם. עס האָט מיך עפּעס צו איהם געצויגען, איך האָב מיט איהם געוואָלט רעדען, איהם טרייסטען, אַ גלעט טהון, נאָר צוגעהן צו איהם איז געוועזען אונמעגליך. איך וואָלט בעקומען אַ טייל פון דער בלאָטע און די שטיינער, מיט וועלכע מען פלעגט איהם באָמבאַרדירען. איך בין געווען אַ יונג קינד, איך האָב געטראָגען אַ פיינעם אַנצוג פון לעמבערג אָדער פון קראקא; און האָב מיר אָבגעהיטען מיינע פלייצעס פון שטיינער און מיין אַנצוג פון בלאָטע, און דיך געהאַלטען פון ווייטענס.

דאָס שטעדטעל, וואו מיינע עלטערן האָבען געוואוינט און איך האָב איבערגעלעבט מיינע קינדער-יאָהרען אין אַנציגע פון לעמבערגער און קראָ-קאָווער שניידערס, איז געווען אַ פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַ-סער, וואַלען און הויכע מויערן. אויף די מויערן זענען געשטאַנען אַרמאַטען,

און זעלנער מיט ביקסען האָבען זיי געהיטען, מאַרשירענדיג אויף און אָב ערנסט און שווייגענדיג. קוים איז נאָר צוגעפאַלען די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבען די אַייזערנע איבערין בריק וואַסער, פערשלאָסען אַלע טויערן און אָבגעריסען דאָס שטעדטעל פון דער רעשט וועלט ביז אין דער־פריה. ביי יעדען פערמאַכטען טויער איז געשטאַנען אַ וואַך, בעוואָפענט פון קאָפּ ביז פוס.

ערשט נישט לאַנג, ביטאָג, זענען מיר אַלע פריי געוועזען, מען האָט געמעגט געהן אַרויס און אַריין, נישט אָנגעפרעגט צו'ערשט ביים פלאַץ־כאַיאָר; מען האָט זיך אויך געמעגט באָדען אין טייך אונטער דער שטאָדט, אפילו זיך אויסציהען אויף דער גרינער לאָנקע ביים טייך און קוקען אין הימעל אַריין, אָדער ווייט ערגיץ אין דער וועלט אַריין, ווי איינער האָט געוואָלט. קיינער האָט נישט פאַר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמיץ אפילו נישט צוריקגעקומען, האָט מען אויף איהם נישט געפרעגט. נאָר ביינאַכט, האָט מען געוואָלט, זאָל זיין שטיל אין שטעדטעל, מען זאָל זיך נישט אַרויס און נישט אַריין דרעהען. אַ „גליק", פלעג איך דעמאָלט קלערען ביי מיר, „וואָס מען לאָזט אונז האָטש אַריין די לבנה"...

און אַזוי לאַנג איך וועל לעבען, וועל איך נישט פערגעסען דעם „בין־השמשות", דאָס צופאַלען פון דער נאַכט. צוזאַמען מיט דעם אָבענד־ליכען שאָטען פערשפּרייט זיך אַ שוידער איבער דעם גאַנצען שטעדטעל, מענשען און הייזער ווערען פלוצלונג ווי אַיינגעהויקערטער. מען ציהט די בריק, די אַייזערנע קייטען רייבען זיך אָן די אונגעהייערע בלאָקען; דאָס אַייזערנע קראַצען, די האַרטע, אָבגעריסענע טענער פאָהרען דורך די ביינער. דערנאָך פאַלט־צו אַ טויער נאָך אַ טויער. יעדען אָבענד געשעהט דאָס זעלבע, און דאָך ציטערן יעדעס מאָל די פיס אונטער דעם מענש, אַ שטומפיגע מיעדקייט לעגט זיך אויף אַלע פּנימ'ער, אַלע אויגען לעשען זיך אויס ווי ביי טויטע, די ברעמען פאַלען אַראָב ווי בלייערנע, דאָס האַרץ בלייבט שטיל און מען אָטהעמט קוים. דערנאָך הייבט־אָן דער פּאַטרול צו קורסירען אין די גאַסען, עס קלאַפען די נאָכגעלאָזטע שווערדען אָן די גרויסע וואַסער־שטיוועל, די באַגנעטען בלישטשען און מען שרייט: „ווער־דאַ?" אויף דעם מוז מען ענטפערן: „אַ היימישער, איין איינגענער!" אַז נישט, זיים גאָט צו וואָס עס קאָן קומען. מאַנכע פלעגען זיך שוין בעסער פערמאַכען אונטער שלאָס און ריגעל, זיי האָבען מורא, זיך אַפילו אַרויסצוווייזען אויף דער גאַס...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ צופאַל: איך האָב מיך געבאָדען אונטער דער שטאָדט, איך האָב מיך פערקוקט, צו פערטראַכט, צו גלאַט אַזוי פערגעסען, אַז נאָך טאָג געהט נאַכט; פלוצלונג זעה איך, ווי מען הייבט די בריק; עס שנייט אין די אויערן, עס פאַלען צו די נויערן, עס קנאַקט און שלאָגט זיך אָב מיר אין האַרץ. פערפאַלען! איך מוז שוין בלייבען איבער נאַכט אונטער דער שטאָדט... און אַ וואונדערליכע זאַך: ליעגענדיג אין דער היים, אין וואַרימען בעט, פלעגט זיך מיר נאַכט אויף נאַכט חלומ'ען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג; און דאָס ערשטע מאָל, אַז מיין חלום איז מקוים געוואָרען, איז מיך בעפאַלען אַ שרעק: עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בעוואוסטער שטרייט צווישען קאָפּ און האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופען: רוהיג, געניס אויך אַמאָל די ריינע, פרייע לופט, דעם אויסגעשטערנטען פרייען הימעל. און דאָס האַרץ האָט זיך געטהון זיינס, געוואָרפען זיך און געצאַפּעלט, צום אַרויסשפּרינגען. דערנאָך האָט זיך מיר אויפגעהויבען ווי אַ דונסט, ווי אַ נעפּעל פון שווערען האַרץ און איז מיר געשטיגען אין קאָפּ אַריין. דער פרייער געדאַנק איז געוואָרען טונקעל און טונקעלער, און איז באַלד אונטערגעגאַנגען אונטער דעם וואָלקען. עס האָט מיר אָנגעהויבען צו קלינגען אין די אויערן און צו פינטלען אין די אויגען. מיט יעדען לייכטען גערויש, פון יעדען לייכטען שאָטען פון אַ צווייג, פון קלענסטען גרעזעל, האָט זיך מיר אַריינגעזאַפּט דורך די אויגען, ווי דורך די אויערן, אַ מין שוידער, אַ שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפען אויף דער ערד!

איך האָב בעהאַלטען דאָס פנים אין זאַמד..

צי בין איך געשלאָפען צי ניין, און ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגען — אסור אויב איך וויים! נאָר פלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז מען אָטהעמט נאָהנט נעבען מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אַליין. צווי גוט בעקאַנטע, טיעפע, שוואַרצע אויגען קוקען אויף מיר האַרציג און געטריי.

עס איז געווען דער משוגענער.

— וואָס טהוסט דו דאָ? — פרעג איך מיט אַ דומפּיגער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָדט! — ענטפערט ער מיר טרויעריג, און דער בליק זיינער איז אַזוי וויך, די שטימע אַזוי ברידערליך, אַז איך קום צו מיר אין גאַנצען און פערגעס מיין שרעק.

אַמאָל, דערמאַן איך מיך פלוצלונג, פלעגט מען האַלטען משוגעים פאַר נביאים — אין די מאָרגענלענדער איז דאָס נאָך ביז היינט — און איך,

פרעג מיך: צי איז ער נישטווירקליך איינער פון זיי? צי יאָגט מען איהם נישט ווי אַ נביא? צי וואַרפט מען איהם נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צי לייכטען איהם נישט די אויגען ווי די שטערן? צי קלינגט נישט זיין שטימע ווי די פיינסטע האַרפע? צי ליעגט נישט אין איהם דער שמערץ פאַר אַלע, דאָס ליידען פאַר'ן גאַנצען דור? אפשר ווייסט ער טאַקי אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין?...

איך פּרוב און הייב־אָן צו פרעגען, און ער ענטפערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז עס איז נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום פון אַ זומער־נאַכט אויף יענער זייט פעסטונג.

— די גלויבסט אין משיח'ס צייטען? — פרעג איך איהם.

— געוויס! — ענטפערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען!

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטען אויף איהם, אפילו הימעל און ערד וואַרטען! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבען, צו טהון די האַנד אין קאַלט וואַסער... און, אויב מען לעבט און מען טהוט, גלייך מען וויל לעבען, איז אַ סימן, אַז אַלע פיהלען, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פרעג איך ווייטער, — אַז פריהער וועלען זיין שרעקליכע מלחמות איבער פאַלשע משיח'ען, די מענשען וועלען זיך אַרומרייסען ווי ווילדע חיות, די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערען מיט בלוט; טייכער בלוט וועלען פליעסען פון מזרח קיין מערב און פון דרום קיין צפון, אַלע חיות, בהמות וועלען טרינקען מענשען־בלוט; אַלע פעלדער, אַלע גערטנער, אַלע טראַקטען און אַלע וועגען וועלען פערגאָסען ווערען מיט מענשען־בלוט... און אין מיטען דער צייט פון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט בעוויזען דער אמת'ער משיח, דער ר ע כ ט ע ר... איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מען וועט איהם דערקענען?

— יעדער וועט איהם דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבען קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדען וואָרט, מיט יעדען בליק. ער וועט נישט האָבען קיין היילות, ער וועט נישט רייטען אויף קיין פערד, און אַ שווערד וועט איהם נישט הענגען אויף די לענדען...

— וואָס דען?

— פליגעל וועט ער האָבען... משיח וועט האָבען פליגעל, און אַלע

װעלען דערנאָך בעקומען פליגעל. עס װעט זײן אַזױ: פלוצלונג װעט געבױרען װערען אַ קינד מיט פליגעל, דערנאָך — אַ צװײטס, אַ דריטס און אַזױ װעט עס שױן געהן כסדר... פריהער װעלען זיך די מענשען דערשרעקען, דערנאָך װעט מען זיך צוגעװױהנען, ביז עס װעט אַרױסקומען אַ גאַנץ דור מיט פליגעל; אַ דור, װאָס װעט זיך נישט מעהר װעלען װאַלגערן אין דער בלאָטע, און װעט זיך נישט מעהר רײסען איבער אַ פרנסה־װערמעל...

לאַנג נאָך האָט ער אַזױ גערעדט, נאָר איך האָב איהם אױסגעהערט צו פערשטעהן. זײן שטימע איז דאָך געװען אַזױ אומעטיג־זיס, אַז איך האָב זי אײנגעזאַפּט אין מיר װי אַ שװאָם. אַז ער האָט אױפגעהערט צו רעדען, האָט שױן געטאָגט, מען האָט שױן די טױערן געעפענט און די בריק אַראָבגעלאָזט...

זײט יענער נאַכט אױסער דער פעסטונג איז מיר דאָס לעבען אין איהר נאָך שװערער, נאָך אונערטרעגליכער געװאָרען. די אַלטע מױערן, די קראַצענדיגע אױפגעצױגענע בריק, די אײזערנע טױערן, די װאַכטען און פאַטרולען, דער הײזעריג־צאָרניגער: „װער־דאַ?“, דער אונטערטהע־ניג־פאַלשער: „אַ הײמישער, אײן אײגענער!“, דאָס אײביגע ציטערן פון די לײמיגע פּנים׳ער, די איבערגעשראָקענע האַלב־פערלאָשענע אױגען, דער מאַרק מיט די פערבלאָנקעטע, ציטעריג־פױלע שאָטען, — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלעגט װי אַ בלײ אױף דער נשמה, נישט אָבצוּעטמען, נישט פרײ צו װערען... עס האָט מיך אָנגעהאַפּט אַ האַרץ־װעהטאָג, עס האָט מיך דורכגענומען אַ שרעקליכע בענגשאַפט. און איך האָב בעשלאָסען, משיח׳ן אַקעגען צו פאָהרען....

איך זעץ מיך אױף דעם ערשטען בעסטען װאָגען. דער בעל־עגלה דרעהט זיך צו מיר איבער און פרעגט:

— װאו־אַהין?

— װאו דו װילסט! — ענטפער איך — נאָר אַװעק, װײט, װײט פון דאַנען!

— אױף װי לאַנג?

— װי לאַנג דאָס פערד װעט אױסהאַלטען!...

דער בעל־עגלה נעמט די לײצען אין האַנד און מיר פאָהרען.

מיר פאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער. אַנדערע פעלדער, אַנדערע וועלדער, אַנדערע דערפער, אַנדערע שטעדט, אַלסדינג אַנדערש; עס איז אָבער נאָר אַנדערש פון אויבען, דער תוך איז שטענדיג דער זעלביגער. אַז איך האָב מיך גוט איינגעקוקט, איז איבעראַל און אויף אַלעם געלעגען די זעלבע מרה־שחורה, יעדער מענשען־בליק איז געווען ציטערדיג־פאַלש, יעדער טאָן — איבערגעבראָכען און שטאָלפּעריג... אויף אַלעם איז געלעגען אַ טרויעריגער נעפּעל, וואָס האָט פערשטעלט יעדען שיין און האָט געלאָשען יעדע פרייד. אַלעס איז געווען צוזאַמענגעדריקט און פערשטיקט. און איך שריי אַלץ אין איינעם: „ווייטער!"... איך הענג אָבער אָב פון בעל־עגלה און דער בעל־עגלה פון פערד... דאָס פערד וויל עסען, און מיר מוזען זיך אָבשטעלען.

איך קום אין אַ קרעטשמע אַריין. עס איז אַ גרויסע שטוב, איבער־געטיילט אין דער העלפט מיט איין אַלטער פאָרהאַנג, וואָס געהט פון איין וואַנד צו דער צווייטער. אין דער זייט פאָרהאַנג זיצען דריי מענער ביי אַ גרויסען טיש. זיי בעמערקען מיך נישט, און איך האָב צייט, זיי צו בעטראַכטען. עס זענען דריי דורות. דער עלטסטער איז גראָה ווי אַ טויב, דאָך זיצט ער גלייך און קוקט מיט שאַרפע אויגען, אָהן ברילען, אין אַ גרויס ספר, וואָס ליעגט פאַר איהם אויפ'ן טיש. דאָס אַלטע פנים איז ערנסט, די אַלטע אויגען קוקען זיכער, און דער אַלטער מענש מיט דעם ספר גיסען זיך צוזאַמען דורך דער ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך צולעגט מיט איהרע זילבערנע עקען אויף די בלעטער פונ'ם ספר. — נעבען איהם רעכטס זיצט אַ יונגערער, געוויס אַ זוהן זיינער: דאָס זעלבע געזיכט, נאָר יונגער, ריהרעוודיגער, נערוועזער, סעקונדען־ווייז מיעדער און צעגאָסענער. ער קוקט אויך אין ספר אַריין, נאָר ער קוקט שוין אויף אַ ברילֿ. דאָס ספר איז קלענער און ער האַלט עס נעהנטער צו די אויגען, אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ראַנד פונ'ם טיש. ער איז אין די מיטעלע יאָהרען; באָרד און פאות — האַלב זילבערנע. ער שאָקעלט זיך אַהין און צוריק. זיין גוף, דאַכט זיך, וויל זיך יעדעס מאָל אָבצייסען פונ'ם ספר, נאָר דאָס ספר ציהט איהם צו זיך צוריק. ער שאָקעלט זיך און די ליפּען ציטערן שטיל. אַמאָל קוקען די אויגען אַהין צום אַלטען; יענער דאָך בעמערקט עס נישט. — לינקס פונ'ם אַלטען זיצט דער יונגס־טער, דאַכט זיך — איין אייניקעל פונ'ם אַלטען. אַ יונגער מאַן מיט שוואַרץ־גלאַנצענדיגע האָר און אַ ברענענדיג־צעוואָרפענעם בליק. ער קוקט

אויך אין אַ ספר אַריין, נאָר דאָס ספר איז קליין און ער האַלט עס נאָהנט צו די לעבעדיגע אויגען. גאַנץ אָפט רוקט ער עס אַוועק פון זיך, וואַרפט אַ בליק, אויסגעמישט פון שרעק און דרך־ארץ אויפ׳ן אַלטען, קוקט אַריבער צו׳ם פאָטער מיט אַ האַלב־איראָנישען שמייכעל און בייגט זיך איבער צו הערען, וואָס עס טהוט זיך אין יענער זייט פאָרהאַנג. און פון יענער זייט פאָרהאַנג הערט זיך קרעכצען, גלייך עמיץ געהט דאָרט צו קינד....

איך וויל הוסטען, מען זאָל מיך בעמערקען. אין דער זעלבער סעקונדע פערבייגט זיך אַ שטיק פאָרהאַנג און עס בעווייזען זיך צוויי פרויען. איינע אַיין אַלטע מיט אַ שאַרף בייזערדיג פנים און שאַרפע אויגען, די צווייטע אַ יונגערע פרוי אין די מיטעלע יאָהרען, מיט אַ ווייכער אָבגעשמאָלצען פנים און אַ נישט־זיכערן בליק. זיי שטעהען, קוקען צו די מענער און וואַרטען, מען זאָל זיי פרעגען. דער עלטסטער בעמערקט זיי נישט. זיין נשמה האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער נשמה פונ׳ם ספר. דער מיטעלער בעמערקט די פרויען און קלערט, ווי אַזוי דעם פאָטער צו וועקען; דער יונגסטער שפרינגט דערווייל אויף...

— מאַמע! באָבע! נו?...

זיין פאָטער שטעלט זיך אויף אונרוהיג, דער זיידע רוקט נאָר אַביסעל אַוועק דאָס ספר און הייבט אויף די אויגען צו די פרויען.

— וואָס טהוט זי? — פרעגט ווייטער דער יונגסטער מיט אַ ציטערדיגער שטימע.

— איבערגעקומען! — ענטפערט די אַלטע רוהיג.

— איבערגעקומען? איבערגעקומען? — שטאַמעלט דער יונגער.

— זאָגסט נישט, מאַמע, „מזל־טוב״? — פרעגט דער מיטעלער. דער אַלטער קלערט־איבער און פרעגט:

— וואָס איז געשעהן? און ווען אפילו אַ מיידעל...

— ניין! — ענטפערט ערשט אַצינד די אַלטע — אפילו אַ יונגעל...

— אַ טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפערט די אַלטע. אין דעם קול קלינגט דאָך נישט קיין פרייד.

— אַ קריפּעל? אַ קאַליקע?

— צייכען האָט ער! אויף ביידע אַקסעל...

— וואָס פאַר אַ צייכען?

— פון פליגעל...

— פון פליגעל?

— יאָ, פון פליגעל, און זיי וואַקסען...

דער אַלטער בלייבט זיצען פערזאָרגט, דער מיטעלער — פער־וואונדערט, דער יונגסטער נאָר שפּרינגט־אונטער פאַר פרייד.

— וואויל, וואויל! זאָלען זיי וואַקסען, זאָל פון זיי ווערען עכטע פליגעל, גרויסע, שטאַרקע פליגעל, וואויל, וואויל!

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט דער מיטעלער.

— אַ שרעקליכע קאַליקע! — זיפצט דער אַלטער.

— פאַרוואָס? — פרעגט דאָס אייניקעל.

— פליגעל — ענטפערט דער אַלטער שטרענג — הייבען אין דער הייך... מיט פליגעל קאָן מען זיך נישט דערהאַלטען אויף דער ערד.

— אַ חיכטיגע זאַך! — מאַכט דאָס אייניקעל טראָציג — איז מען פטור דאָס מושב, וואַלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע, לעבט מען אין דער הייך... צי איז דען דער הימעל נישט שענער פון דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס, און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט:

— נאַריש קינד! פון וואָס קאָן מען לעבען אין דער הייך? לופט שלינגען איז ווייניג... אין דער הייך איז נישט דאָ צו דינגען קיין קרעטשמע, אין דער הייך קאָן מען נישט איבערנעמען קיין „פּאַדריאַד"... אין דער הייך האָט מען אפילו נישט ביי וועמען אַ האָזן־פעלעכעל צו קויפען... אין דער הייך...

דער אַלטער שלאָגט איהם איבער:

— אין דער הייך — זאָגט ער פעסט און האַרט ווי אייזען — איז נישט דאָ קיין שוהל, קיין בית־המדרש, קיין קלויז צום דאַוונען, צום לערנען; אין דער הייך איז נישט דאָ קיין שטעג, אויסגעטרעטען פון קדמונים! אין דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזעט מען, ווייל מען ווייסט נישט דעם וועג... מען איז טאַקי אַ פרייער פויגעל, נאָר ווער דעם פרייען פויגעל, אַז עס בעפאַלט איהם אַ ספק, אַ מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפּרינגט אויף דער יונגסטער מיט הייס בלוט און ברענענדיגע אויגען.

ליידער קומט ער נישט צום וואָרט, די באָבע האַקט איבער:

— נאַרישע מאַנסבילען! — מאַכט זי — וועגען וואָס זיי קלערען...

די צייט.

און דער רבי? צי וועט איהם דער רב לאָזען מליץ זיין? צי העט ער לאָזען אַ ברכה מאַכען איבער אַ קינד מיט פליגעל?...

איך ג״ב מיך אַהאַפּ אויף. מיין איבערגעכטיגען אויסער דער שטאָדט, די נסיעה און דאָס קינד מיט די פליגעל זענען נאָר אַ חלום געווען.—

דער אויסלענדישער פויגעל.

(פאַבעל פאַר גרויסע.)

אין אַ זומפּ, אויף אַ פערגעלטען מאָך, איז אַמאָל אַ שטיין געלעגען. דאַכט זיך: אַ שטיין, ווי אַלע שטיינער.

נישט זיין זאָרג, ווי דער הימעל זעהט אויס, וואָס וואַלד און טייך, זיינע נאָהענטע שכנים, טהוען.

זאָל דער הימעל אַראָבקוקען אויף דער זינדיגער ערד מיט טויזענדער לייטזעליג-באַרמהערציגע אויגען; זאָל ער, ברוגז, פערשטעלען זיך פאַר איהר מיט וואָלקען- און נעפּעל-שלייער, אָדער אין גרימצאָרן זי שרעקען מיט דונער און בליץ! — —

זאָל דער וואַלד זיין מיט ליעבע און געזאַנג, אָדער מיט געשרייען און האָרהלען; אָדער שטעהן וויסט און אָבגעשטאָרבען, איינגעהילט אין ווייסע תכריכים — — —

זאָל דער טייך ריזלען קריסטאָלען-קלאָר, האָבען זיין אייגענעם הימעל און שטערן אין שוים, אָדער רינצלען זיך, צערנען און שפּייען מיט שוים צום הימעל אַרויף, וואָס וויל אויף איהם דעם בייזען ווינטער שיקען, אין אייז פערקאָוועןן!

שטיין בלייבט שטיין; און שטיל איז אַ שטיינערן האַרץ אויך דעמאָלט, ווען נאַס-גליטשיגע פרעש שפּרינגען פון זומפּ אַרוים, מאַכען התונה אויף זיין רוקען און זינגען זייערע ליעדער.

און דער שטיין מיט'ן שטיינערנעם האַרץ, גראָבט זיך, מיט זיין אייגענער פוילער שווערקייט, אַלץ טיעפער און טיעפער אַריין אין מאָך, אין דער עהד אַריין — — —

— אָבער אַ שטיין! — זאָגען יונגע...

די אַלטע שמייכלען טרויעריג:
זיי געדענקען די צייט, ווען דער שטיין איז נאָך קיין שטיין נישט געווען...

און, אַז מען פרעגט זיי:

— אַלטע, גראָהע לייט, וואָס דען איז ער געווען?

האָט יעדערער זיין נוסח, זיין פּאַבעל צו דערצעהלען... — — —

— עס איז אַ לייב געווען! — דערצעהלט איינער, גראָד אַ בלינדער, אַ ווילדער לייב אין וויסטען סטעפּ.

אין ראָזיגע זאַמד־נעפּעל געהילט, פליהט ער דורך דעם סטעפּ און קוקט פון נעפּעל אַרוים מיט אויגען, ווי ברענענדיגע זונען; און ברילט ער, קאָלערט עס זיך איבער'ן סטעפּ, ווי אַ דונער...

נאָר איינמאָל איז קראַנק געוואָרען דער לייב. ליגט ער פערשמאַכט, און הערט, אַז דער אייזעל איז אַרויסגעוואַנדערט פון שטאָדט, ער געהט צו איהם, און וועט קומען און שטעלען זיין פוס אויפ'ן שטאָלצען קעניגליכען לייב, און אַ וואָרט מוסר זאָגען!

און פון שאָם און שרעק פאַר'ן אייזעל־פוס און זיין מוסר איז דער לייב פערשטאַרט געוואָרען, און מיט דער צייט — פערשטיינערט!

און גראָבט דיך, אַזוי פערשטיינערט, אַלץ טיעפער און טיעפער אַריין אין דער ערד...

עפּעס ציטערט נאָך אין איהם פאַר אייזעל־מוסר און אייזעל־פוס, און ווילט זיך אַלץ טיעפער בעהאַלטען.

און מיט ציטעריגע הענד גלעט ער, דער בלינדער, און טאַפּט דעם שטיין:

— זעהט איהר נישט גלידער פון אַ לייב? האָט איהר קיין צייכען פון זיין שטאָלצער גריווע? איך פיהל זיי!

איין אַנדערער זאָגט, און אויך מיט אַ זיכערער, האָטש ציטעריגער שטימע, אַז עס איז קיין לייב נישט געווען!

— וואָס דען, אַלטער?

— אַ פעניקס!

און אַז די אור־אייניקלעך רינגלען איהם אַרום און פרעגען:

— וואָס איז אַזוינס אַ פעניקס?

פערטייטשט ער מיט אַ טרויעריגער שטימע:

— אַזאַ פויגעל, קינדערלעך! דעם פויגעל האָט גאָט דאָס אייביגע לעבען געשענקט, נאָר מיט אַ בעדינג! און אַ מתנה מיט אַ תנאי איז אפשר קיין מתנה נישט.. און אויסגענומען האָט ער מיט'ן פעניקס, אַז ער, אויב ער וויל אייביג לעבען, זאָל זיך פון צייט צו צייט רייניגען אין פייער פון די לעבעדיגע זינד.... און פון צייט צו צייט מוז ער זיך אַליין פערברענען, און אויפערשטעהן פון אייגענעם אַש, אָדער פון לעצטען פונק אין אייגענעם אַש!

— און איינמאָל — דערצעהלט דער אַלטער מיט אַ קוים אָנזעהענדיגער טרעהר אין אַלטען אויג — האָט דער פעניקס ניט געוואָלט אין פייער אַריינגעהן! צי איז איהם דאָס זינדיגע לעבען געפעלען, צי האָט ער אַ רגע זיין תחית המתים נישט געגלויבט, — ווער ווייסט? און דער פון אויבען דאָרט, האָט אויף איהם אַ צאָרניגען בליק געוואָרפען, און אונטער דעם בליק איז דער פעניקס פערשטיינערט געוואָרען!

— אויף טויט?

— ווער ווייסט... אַמאָל, זאָגט מען, ציטערט דער שטיין...ווען דער הימעל שפּאַלט זיך — זאָגט מען — ציטערט ער!

אַביסעל יונגערע, נאָר נענוג אַלטע אויף געדענקען און דער־צעהלען, גלויבען שוין נישט אין פעניקסען.

„אַליין אין פייער געהט מען נישט, און ווען צעהן מאָל תחית המתים!"

— וואָס דען, איין איינפאַכער שטיין?

— דאָס נישט! אַמאָל ציטערט עפּעס פון איהם אַרויס! נאָר איין אָדלער איין עזות פנים איז ער געווען! און לאַנגע, ברייטע פליגעל און שטאַרקע געהאַט! נעמט ער זיך אַמאָל צו דער זון, פליהט אַרויף, זוכט אין איהר פלעקען!... האָט זי אויף איהם מיט פייער געשאָסען, די פליגעל פערברענט, און זייער אַש האָט זיך אין דער לופט פערשפּרייט... פאַלט אַזוי איין אַש'ל עמיצען אין די אויגען אַריין, רייסט ער זיי אויף געגען דער זון און געגען אַלעם אין און איבער דער וועלט. ער אַליין — איז אַראָבגעפאַלען טויט, און מיט דער צייט פערשטיינערט געוואָרען...

— זעהט איהר נישט, װי שװאַרץ ער איז? — פֿון פֿײער!

נאָך יונגערע, און דאָך געװנג אַלטע, לאַכען!

— אַי... באָבע מעשיות!

עס איז קײן לײב, קײן פֿעניקס און קײן אָדלער געװען... זײ האָבען אײן אַנדערן נוסח: ער איז געװען אַ פֿױגעל, װי אַלע פֿײגעל... נאָר — מיר געדענקען דאָך — אַ פֿױגעל מיט יצר־הרע טרעלען! אוהו! אַ זיסער שװידער פֿלעגט דורכגעהן דורכ'ן לײב... שטיל, פֿאַר־נאַכט, דער שיר־השירים'ניק טרױערט אין װעלדעל און דעמאָלט װער קאָן זיכער זײן פֿאַר זיך, פֿאַר טאָכטער און װײב?

האָט איהם אײן אַלטע מכשפה — אַ צנועה פֿערשאָלטען: „פֿער־שטומט און פֿערשטײנערט זאָל ער װערען!" — האָט זי געזאָגט, און דער הימעל האָט זיך דעמאָלט גראַד געשפּאָלטען! און דער פֿרײער פֿױגעל איז מגולגל און פֿערשלאָסען געװאָרען אין אַ שטײן! —

— — — — — — — — — —

אָבער װי עס איז, געמוזט האָט עפּעס זײן... װאָרום אײנמאָל איז אײן אױסלענדישער פֿױגעל דורכגעפֿלױגען...

נאָך אײדער ער האָט זיך געװיזען, האָט זיך אַ װאונדערליך זיס־געררױש דערהערט....

עס איז אין אַ שטילער זומער־נאַכט געװען, און טײך און װאַלד, און לבנה און שטערן האָבען זיך פֿערװאונדערט אָבגעשטעלט און אײנ־געהערט אין דער נײער, זיסער, שטילער מוזיק אין דער לופֿט... „װי פֿריש, װי פֿרײ!" — האָבען די בלעטלעך אױף די בײמער געציטערט...

היות אין װאַלד, און פֿרעש אין זומפּ, זענען פֿערשטאַרט און פֿער־כשופֿ'ט געבליבען... דער בער, אין מיט'ן שפּרונג — אין דער לופֿט, דער דער פֿראָש מיט'ן אָפֿענעם מויל — אין זומפּ...

און ער האָט זיך בעװיזען...

עס האָט נאָך קײנער אַזױנע גרױסע, ברײטע, װײסע און מעכטיגע פֿליגלען נישט געזעהן....

און שטיל בלײבט ער העגנגען אין דער לופֿט, און װאַלד און טײך האַלטען דעם אָטהעם אײן...

און ער זינגט:

און זיס און שטאַרק איז זײן געזאַנג און פֿריש, פֿרײ און הײליג זײן ליעד...

און שטילער, טיעפער און הייליגער ווערט די נאכט; גרינער און בליהענדער דער פער׳חלומ׳טער וואלד; העלער פלאמט אויף די רויז, און דאס פער׳כשופ׳טע טייכעל צולאזט זיך מיט א שטיל, טיעף קלינגענדיג געזאנג...

און זינגענדיג, קוקט ער זיך מיט שטראהלענדיגע אויגען אום, דערזעהט, און שיכט אראב — צו׳ם שטיין... מיט א ניי ליעד, פון אויפערשטעהן...

און אין שטיין, האט זיך עפּעס געוועקט — א שוידער איז אדורך דעם שטיין.... א קלאנג האט זיך אין איהם געוועקט.....

ווער ווייסט?
דער פויגעל, דער אדלער, דער פעניקס, צי דער לייב?
ווער זיפצט?

— — — — — — — — —

לאנג האט עס נישט גדויערט;
דער פויגעל איז אוועק...

———————

פיער דורות — פיער צואות.

.1

אַז ר׳ אליעזר-חייקיל׳ס איז נפטר געוואָרען, האָט מען אונטערן קישען געפונען אַזאַ קוויטעל:

„מיין רצון איז, אַז די קינדער זאָלען בלייבען ביים וואַלד בשותפות.“

„נאָך מיין פּטירה זאָלען זיי לאָזען מאַכען אַ צוים צום בית-עלמין, און פערריכטען דעם דאַך פון שוהל“.

„די ספרים זאָל נעמען בני בנימין החתן שיחיה; די זיהן מיט די איידימעס האָבען געקריגען ספרים צו דער התונה“.

„זוגתי תחיה, זאָל בלייבען אין דער דירה בעזונדער; זאָל זי זיך צונעהמען איין אָרימע יתומה — זי זאָל נישט זיין אַליין. זי זאָל זיך אַליין מאַכען קדוש און הבדלה.“

„אַ חלק זאָל זי האָבען גלייך מיט אַלע יורשים“.

„אַ הויז דעם...‘

מעהר האָט מען נישט געקאָנט לעזען; דאָס קוויטעל איז אַ פּנים פּייכטערהייד געלעגט געוואָרען אונטער׳ן קישען, און די אותיות האָבען זיך אָבגעמעקט.

.2

ר׳ בנימין, ר׳ אליעזר-חייקיל׳ס זוהן, האָט שוין מעהר געשריבען:

„היות, עס איז געקומען די צייט, און איך וועל ובקרוב זוכה זיין אָבצוגעבען דעם פּקדון דעם, וואָס אַלע פּקדונות זענען זיין.“

„און אַ מענש שרעקט זיך פאַר זיין ליעבען נאָמען און פאַר זיין משפט, נאָר געהן געה איך פון דער וועלט אָהן אומעט, חלילה, נאָר מיט גרויס בטחון אין אֵל רחום וחנון, אַז ער וועט מיט מיר טהון לפנים משורת הדין, און לויט זיין גרויס רחמנות".

„און איך וויס, אַז דאָס פקדון איז איבער דער צייט ביי מיר פער־פלעקט געוואָרען, קאַליע געוואָרען..."

מיר היפּערן־איבער דעם חשבון־הנפש און דעם מוסר פאַר די קינדער, און לעזען ווייטער:

„און די פים ווערען מיר אָבגעקיהלט, און דער מוח ווערט, וואָס אַ מאָל מעהר, מבולבל, און נעכטען האָט זיך מיר געטראָפען אַ וואונדערליכע זאַך, אַז בשעת'ן לערנען בין איך אַיינגעדרימעלט געוואָרען, און עס האָט זיך מיר עפּעס גע'חלומ'ט, און דאָס ספר איז מיר אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד, און איך האָב מיך אויפגעהאַפּט, און האָב תיכף פערשטאַנען, אַז עס איז נישט פראָסט, אַז מען רופט...."

„און דאָס, וואָס איז באמת מיין געווען אויף דער וועלט, דאָס לאָז איך נאָר איבער אויף אַ צייט; דאָס וועט מיר נאָכקומען איבער הונדערט און צוואָנציג יאָהר; מיט דעם וועל איך זיך זוכה זיין צו זעהן בזיו השכינה הקדושה — אָמן, כן יהי רצון!"

„און וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקומען, דאָס איז קיינמאָל נישט מיין געווען, און איין גאָט ווייסט, אַז איך לאָז עס איבער אָהן אַ שום עגמת־נפש."

„און אויף מיין עשירות, לאָז איך קיין צואה נישט איבער; איך בין בטוח, אַז בני ביתי שיחיו, אָדער זיי וועלען לעבען בשלום ושלוה צוזאַמען, אָדער זיי וועלען זיך צוטיילען על פי דין ועל פי יושר, און איינער פאַר'ן אַנדער'ן וועט, חס ושלום, נישט מעלים זיין".

„און איך פערלאַנג, אַז בני ביתי, היינו: אשתי תחי' ובני וחתני שיחיו, זאָלען מפריש זיין צוויי מאָל מעשר. היינו: תיכף נאָך מיין פטירה זאָלען זיי מאַכען אַ חשבון צדק פון דער נחלה און מטלטלים וכלי בית, און אַזוי כלים, און אַלע שטרות, און הובות בעל פה וכו' און זאָלען אַראָבגעבען מעשר ראשון על חשבוני לתקון נשמתי, און צוטיילען אָרימע לייט".

„דערנאָך זאָלען זיי פון דער רעשט, דאָס הייסט — שוין פון דער

ירושה, געבען מעשר שני פאַר זיך, אַזוי ווי מיין מנהג איז געווען צו געבען מעשר פון ריוח, גם כן — פאַר אָרימע לייט".

„און צו יעדען פון ביידע מעשרות זאָלען זיי מוסיף זיין אַ שליש למאה; טאָמער האָבען זיי זיך טועה געווען אין חשבון".

„און די ביידע מעשרות זאָלען זיי געבען צדקה פאַר פרעמדע אָרימע לייט כנ"ל, און נישט פאַר קרובים".

פאַר אָרימע קרובים וועלען זיי אַליין וויסען וויפיעל צו געבען, אָבער נישט פון דער צדקה, ווייל פון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זיין, און אַז מען גיט נאָהנטע קרובים, איז גלייך, ווי מען וואָלט געגעבען זיך."

„און אויף מיין מצבה זאָל מען מעהר נישט אויסקריצען, נאָר דעם נאָמען ושם אַבא ז"ל ויום הפטירה, און נישט מעהר."

„און איך בעט זעהר מיינע זיהן מיט די איידימעס, זיי זאָלען זיך נישט איינגאַנצען אַריינטהון אינ'ם הבל, נישט וועלען זיין דוקא גרויסע סוחרים, ווייל וואָס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער יוד. און זיי זאָלען זיך נישט זוכען קיין געשעפטען פון דער חיוּת, און נישט פערשפרייטען דאָס ביסעל געלד אויף אַרבע רוחות העולם, ווייל וואו גאָט וויל, דאָרט העלפט ער, און די ברכה קאָן אַריינקומען אין קליינע ווי אין גרויסע מסחרים."

„דער עיקר, בעשווער איך דעריבער בני יקירי מהור"ר יחיאל, הי"ל, איך האָב געזעהן, אַז ער האָט גרויס תאוה צו גביר'ישקייט וד"ל."

„און איך בעט זעהר, אַז מיינע קינדער זאָלען האַלטען דעם מנהג און אָבטיילען יעדעס יאָהר פאַר ראש־השנה פונ'ם גאַנצען ריוח מעשר פאַר אָרימע לייט. און אַז עס וועט אַמאָל, חס ושלום, קיין ריוח נישט זיין, און אַז עס וועט אַמאָל זיין, חס ושלום, אפילו היזק, זאָלען זיי אויך טיילען צדקה, ווייל עס וועט אַודאי זיין אַ נסיון פון זיין ליבען נאָמען" —

„דער עיקר, בעט איך זעהר, זיי זאָלען לערנען טאָג־ביי־טאָג, לכל הפחות, אַ בלאַט גמרא, און על כל פנים, איין עמוד ראשית־הכמה."

„פאָהרען זאָלען זיי האָטש איינמאָל אין יאָהר."

„די נשים זאָלען לייענען „קב־הישר אויף עברי־טייטש אַ חוץ „צאינה־וראינה" שבת און יום־טוב."

„און אינ'ם טאָג פון דער יאָהרצייט, זאָל מען עוסק זיין בתורה

אַ גאַנצען טאָג, די נשים זאָלען געבען צדקה; דער עיקר — מתן בסתר״.

. . . .

.3

אַז מאַריץ בענדיטזאָהן (בנימין׳ס אַ זוהן) איז געשטאָרבען, האָט מען געפונען אַ צעטעל אויף פויליש:

„מען זאָל שיקען אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז, און וואַרטען מיט דער קבורה, ביז דער זוהן וועט קומען.״

„צעהן טויזענד גיב איך אַ קרן־קיימת אין „דאָזאָר״ אַריין; דאָס פּראָצענט זאָל מען צוטיילען יעדע יאָהרצייט אָרימע לייט.״

„צעהן טויזענד לאָז איך אויף אַ בעט אין נייעם שפּיטאָל, מיט דעם תנאי: דאָס בעט זאָל אָנגערופען ווערען אויף מיין נאָמען.״

„בשעת לויה זאָל מען טיילען צדקה.״

„מען זאָל שיקען נדבות אין אַלע תלמוד־תורה׳ס אַריין; די מלמדים מיט די קינדער זאָלען געהן נאָך די לויה.״

„מען זאָל דינגען אַ דיין, אָדער אַזוי למדן, ער זאָל זאָגען נאָך מיר קדיש.״

„די מצבה, לויט דעם מאָדעל, וואָס איך לאָז איבער, זאָל מען בעשטעלען אין אויסלאַנד.״

„מען זאָל איבערלאָזען אין דאָזאָר־שטוב אַ געוויסע סומע געלד, דער דאָזאָר זאָל נעמען אויף זיך אויפצוהאַלטען דעם קבר מיט דער מצבה.״

„דאָס געשעפט זאָל הייסען: „מאַריץ בענדיטזאָהן — זיין זוהן.״

„און וואָס עס בעטרעפט....״

מיר לאָזען איבער די רשימה פון פערמעגען און דעם חשבון פון די חובות צום אָבנעמען, ווי אויך די עצות טובות, ווי אַזוי דאָס געשעפט ווייטער צו פיהרען.

„איך „מאַריץ בענדיטזאָהן — זוהן", גיהט אַוועק פון דער וועלט נישט פאַר נחת, נישט פון עגמת נפש, נאָר פון לעערקייט".

„אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטעל; די נאַטור האָט פיינד לעערקייט."

„אַ שרעקליכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס רעדעל האָט זיין באַזונדערע אַרבייט, זיין בעזונדערען צוועק. ווערט אַ רעדעל פערדאָרבען, אָדער עס האָט אָפּגעאַרבייט זיינס פאַר דער צייט, גיהט עס אַליין אַרויס פון דער מאַשין, גיהט עס אַריבער פון גאָר אין גאָר־נישט...."

„איך קאָן לענגער נישט לעבען, ווייל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טהון, איך טויג צו גאָר נישט, ווייל איך האָב מיינס אָפּגעלעבט. איך האָב אויסגעטרונקען דעם גאַנצען נחת, וואָס מיר איז בעשערט געווען, אויפגעגעסען און אויסגעקוועטשט אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפט."

„מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נאָר לעבען און נישט איינשלינגען דאָס לעבען האָט מען מיך נישט געלערנט."

„איך האָב קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך איינהאַלטען, צובינדען צו איהר... עס האָט מיר קיין זאַך נישט געפעהלט, עס זאָל האָבען ביי מיר אַ ווערט. איך האָב אַלץ גענומען אָהן זאָרג, אָהן עגמת נפש, אָהן אַרבייט, — ווי פון אַ הפקר גענומען...."

„אַזוי זאַכען, אַזוי מענשען; אַזוי מענער, אַזוי פרויען..."

„אַלע האָבען מיר צוגעשמייכעלט, און איך האָב קיין איינציגען פריינד נישט געהאַט; אַלע האָבען מיך גערן געקושט, און איך האָב קיין איינציגע נישט געדאַרפט..."

„אַ פערמעגען האָב איך גע'ירש'נט, און עס האָט געוואַקסען און געמעהרט זיך אָהן מיר, אָהן מיין ווילען."

„עס האָט געוואַקסען ביז עס האָט מיך איבערגעוואַקסען.

„אָפּט האָט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ: זאָל מיר עפּעס פעהלען, זאָל איך עפּעס מוזען טהון; און די דאָקטוירים האָבען מיר פאָרגעשריבען: שפּאַצירען, שפּיעלערייען, ספּאָרט... נישט קיין לעבען, נאָר אַ סוראָגאַט פון לעבען, אַ געפעלשטע אַרבייט"...

„און לענדער אַ סך האָב איך געזעהן, און קיין איינציג איז נישט מיין געווען; אַ סך ערטער האָב איך בעוואונדערט, און האָב קיין איינציג אָרט נישט געליעבט..."

„און אַ סך שפּראַכען האָב איך געלייפיג גערעדט, נאָר איך האָב קיין איינציגע נישט געפיהלט — איך האָב מיט די ווערטער, ווי מיט באַלען, געשפּיעלט."

„בעלקער און שפּראַכען האָב איך ווי האַנדשוה געטוישט..."

„די גאַנצע וועלט איז געווען מיין, נאָר איך בין צו קליין געווען, איך זאָל זי צוהאַלטען; צו קורצע הענד געהאַט, איך זאָל זי אַרומנעמען; קיין וועלט בעהערשען האָב איך נישט געקאָנט..."

„און וואָס איך וואָלט געקאָנט בעהערשען, דאָס האָב איך שוין גרייט געפונען, דאָס האָט מען מיר שוין איבערגעלאָזט...."

„אַלץ איז פאַר מיינעט וועגען געטהון געוואָרען, אַלץ האָט מען מיר אָבגעקויפט; אויב עס איז נאָך עפּעס געבליבען, האָט עס דאָס פערמעגען געמאַכט."

„אַלץ — דער שמייכעל אויפ'ן פריינד'ס פּנים, דער קוש פון רויטע ליפּען... דער קדיש נאָכ'ן טאַטען... העכסטענס האָב איך נאָך עפּעס אויסגעצאָהלט; נאָר געבען, שענקען, דאָס האָט מען מיך נישט געלערנט...."

„און דאָס קליינע איז מיר געוואָרען צו קליין, און דאָס גרויסע — צו גרויס, — און נאָך וואָס צו לעבען איז נישט געווען...."

„איך שטאַרב, ווייל איך בין אַיין עָקר, אַזוי מיט'ן גוף, אַזוי מיט דער נשמה; איך האָב אין מיר גאָר נישט, וואָס זאָל לעבען און לעבעדיג מאַכען... איך לעב שוין לאַנג נישט; איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבען; אַצונד איז עס מיר נאָך נמאס געוואָרען."

„מען האָט זיך מיט מיר אויסגעפיהרט, ווי אַ פּויער — מיט אַ חזיר; מען האָט מיך געשטאָפּט... נאָר דער פּויער, אַז דאָס חזיר ווערט גענוג פעט, קיילט ער עס; מיך הייסט מען, איך זאָל מיך אַליין קיילען; און איך האָב די העזה נישט, נישט צו פאַלגען...."

„דער אַרשעניק שטעהט אויפ'ן טיש; דער לעצטער געטראַנק, וואָס וועט מיך אָנ'שכור'ען, און איך וויל מיך שוין נישט אויסניכטערן....

„זאָל איך עפּעס אָנזאָגען וועגען מיין פערמעגען? נאָך וואָס? דאָס איז מיין אונגליק געווען..."

„האָב איך נישט עמיצען צו דאַנקען?"

„ניין — איך האָב אַלע פאַר אַלעס בעצאָהלט...

„פאַר'ן לעצטען געטראַנק אויך."

וואָס אַמאָל ווייניגער

(יוחנן מלמד'ס אַ מעשה'לע.)

זאָגט יוחנן המלמד: אַז די משכילים האָבען נישט געלאַכט און אַנשי שלומנו האָט נישט פערדראָסען, פאַר מיין ערשטער מעשה, איז אַ סימן, אַז איך בין גערעכט; אַז עס איז אַזוי ווי איך זאָג. אַז די גאַנצע נפקא מינה צווישען אַ משכיל און אַ חסיד איז היינטיגע צייטען נישט מעהר ווי אינ'ם נאָמען. איי וואָס, חברה שלאָגט זיך, מאַכט קולי קולות, איז עס אויך נישט מעהר ווי צוליעב דעם נאָמען...

און אויב אַזוי, וואָס שווייג איך?

די ביהן, וואָס נאָגט זאַפט פון גראָזען און בלומען, גיט האָניג; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבען אַ סך אָנגעזעהן — בין מחויב צו פערצעהלען.

און איך וויל אייך דערצעהלען, וואָס איך האָב מיך דערמאַנט, בשעת'ן קנעלען...

געקומען דערצו בין איך דורך מיין תלמיד איציק'ל, וואָס האָט ליעב צו האָבען מיט מיר וכוחים! אַז איך פערשווייג איהם, מחמת בטול תורה, מיינט איציק'ל, אַז איך בין איהם מודה! זאָל איהם השם יתברך העלפען...

און דער בחור איציק'ל האַלט שטאַרק פון היינטיגע צייטען...

— אַ שפּאַס, — זאָגט ער, — אַ וועלט! סאַמע מאַשינען, (דער פאָטער זיינער האָט אַ פאַבריק), אַלץ געהט אויף פאַרע און עלעקטרי; דאָס זענען, — זאָגט ער, — אונזערע משרתים: זיי מאָהלען אונז מעהל, באַקען ברויט, מאַכען זייף, פיהרען איבער פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ריין קפיצת הדרך!...

און ער איז בטוח, אַז די בעלי המצאות וועלען נאָך האַפען אַמאָל די ווינטען און וועלען זיי איינשפּאַנען צו'ם וואַרשטאַט; מען וועט נאָך

צוזאמענגעמען די שטראַהלען פון דער זון, און היימען זיי, למשל, שטיוועל פוצען; און דער עיקר — מען וועט נאָך אַמאָל אויף באַלאָנען פליהען אין דער לופט, ווי מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה, צו די מאַשינען, איז נאָך צו דער־ליידען... איין דור ירש'ענט המצאות פון צווייטען — ווערט, וואָס שפּעטער מעהר המצאות; דאָס קינד אויפ'ן פּאָטער'ס אַקסעל איז העכער פאַר'ן פּאָטער...

מיין תלמיד איציקל זאָגט אָבער, אַז בכלל דער מענש ווערט וואָס אַמאָל קלוגער, פיינער; הן אין דעות, הן אין מדות טובות...

וואָס אַ יאָהר, — זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּ אין דער הייך.

אפשר קומט עס דערפון, וואָס מיין תלמיד איציק'ל איז בטבע אַ בעל מזג טוב, און אגב — איז ער טאַקי צופריעדען פון דער וועלט;

דער שלום — זאָגט ער — פערשפּרייט זיך אין אַלע לענדער, מדת הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג, (מען גיט גוזמות צדקה; דער טאַטע זיינער, דער גביר, גיט אויך אַ סך!), און באַלד, באַלד, — זאָגט ער, — וועט מקוים ווערען ישעיה הנביא'ס ווערטער: וגר זאב עם כבש, — עס וועט וואָהנען אַ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שעפּעלע, און ווי ווייטער שטעהט...

און אָט אין דעם בין איך מסופק!....

איך דערמאָן מיך אָן שלמה המלך'ס שאלה: ווער ווייסט? צי שטייגט דער גייסט פון מענש אַרויף?... וואָרען ווייסען ווייס איך, אַז עס איז פערהאַן אומריין וואַסער, וואָס פליסט אין זאַמד, און, פליסענדיג, ווערט עס וואָס אַמאָל רייניער, ווייל עס לאָזט איבער דאָס אומריינקייט אין זאַמד; צו'ם סוף קאָן מען אפשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פערהאַן קוואַל־וואַסער, וואָס פליסט פון אַ פעלז, גאָר פון אַ ריין, גאָר פון אַ הויך אָרט, נאָר עס פליסט איבער אַ מושב, און האָט ווייטער עס געדט, שמוציגער ווערט עס, סם ווערט עס!

צו וועלכען וואַסער זענען מיר גלייך?

איך זי'ץ און טראַכט, און עס שטעלען זיך מיר פאַר די אויגען: ר' דישעלע, זכר צדיק לברכה — דער בעוואוסטער גאון עולם, וואָס איז געזעסען אַ יאָהר צוואַנציג על כסא הרבנות אין זאַמושטש, און דער זוהן זיינער ר' יחיאל, עליו השלום, אַ יוד אַ גביר, וואָס מען האָט מיט'ן געטהאָן אַ שדוך מיט אַ לובלינער גביר, און ער איז דאָרט געזעסען על

התורה ועל העבודה, און וואָס זיינע צדקות ומעשים טובים האָבען גע־שׁמ׳ט אויף דער וועלט!

און אַ דריטער, אויך נישט מיט דער האַנד אָנצוטאַפּן, ר׳ יחיאל, עליו השלום׳ס, אַ זוהן, דעם גאון׳ס — ר׳ זישעלע׳ס אַ אייניקעל, להבדיל בין החיים והמתים, הגביר הנכבד ר׳ יוסף, איציקל׳ס, מיין תלמידים, פאָטער, וואָס וואָהנט דאָ אין ווארשא, האָט אַ גרויסע פאַבריק און איז אַ איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָדט.

. . . .

לאָמיר צוריקגעהן צו ר׳ זישעלען.

עס איז ידוע לכל, אַז ר׳ זישעלע איז געווען איינער פון די גדולי הדור!...

יונגעל־ווייז, האָט ער געלערנט ביים ליסער רב, — גאָר אַ פּאַרצייטישער גאון! דער ליסער רב האָט פון איהם געהאַלטען עולם ומלואו; ער דערמאַנט׳עט אין אַ תשובה, וואו ער שרייבט מיט דעם לשון: „און מיין תלמיד מובהק, כמ״ר זישע, האָט פאַר מיר געלערנט די סוגיא, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינ׳ם טיעפען וואַסער, און האָט אַרויסגעבראַכט אַ טייערע פּערל. און בטוח בין איך, אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל״.

און אַזוי איז טאַקי געווען!

ר׳ זישעלע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ געהענדיגע שאַנק מיט ספרים, — אַ גרייליכער זכרון, אַ קלאָרער שכל, — אַ גאון מיט אַלע מעלות.

און פאַר וואָס דען האָט מען איהם גערופען: ר׳ זישעלע, פאַר וואָס נישט ר׳ זישע?

ערשטענס — פאַר גרויס ליעבשאַפט:

ער איז אַ גרויסער ענו געווען, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תורה ועבודה, אין קהל־זאַכען; נישט געקוקט אויף בעלי־בתים תקיפים, אויף גבירים גרויסע... און געשטעלט אויף זיך; ביי׳ן אַ הפסד מרובה, האָט ער אפילו אויף אַ קדמון אַ מחמיר נישט געקוקט. קוים איז געגאַנגען אין יודיש געלד, פלעגט ער זאָגען: דער קדמון איז געווען רב אין זיין צייט און אין זיין שטאָדט, און איך בין מרא דאתרא אין מיין צייט און אין מיין שטאָדט.

און דער אייגענער ר׳ זישעלע האָט געפיהרט זיין רבנות — די קהלה מיט דייטשען, בעלי בתים, אַלערליי כתות חסידים און בעלי מלאכות, טאַקי ווי אַ גוטער פּאַסטוך פיהרט די שאָף...

פאַר דעם האָבען אַלע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גע־רעדט!

ער האָט נאָר געדאַרפט זאָגען: איך מיין אַזוי און אַזוי..

און עס איז געווען גענוג!

וואָרען, אַז ניט, — „וועט ר׳ זישעלען פערדריסען!" און ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט דער, וואָס האַלט די פּאַכט, נישט הייבען דעם מקה פון פלייש.

ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט דער וואָכערניק נישט פערקויפען דעם אביון׳ס משכון...

ר׳ זישעלען זאָל נישט פערדריסען, וועט די חברה קדישא נישט בעליידיגען די נושאים, און די חברה נושאים וועלען זיך ניט שטעלען קעגען די גבאים פון חברה־קדישא... עס וועלען זיך אפילו די חסידים קיין בעזונדערן שוחט נישט אויפנעמען!

און, ווען אַלע ציטערן פאַר ר׳ זישען, וואָס איז שטיל ווי אַ טויב, ציטערט ער נישט מעהר, נאָר פאַר חמץ בפסח!

אַ גאַנץ יאָהר איז כהא דה־תרא עדיף... כשר און כשר; ביי הפסד מרובה — אַוודאי כשר!

און פסח — אַלץ טרפה! טרפה און טרפה; אָסור באכילה, אסור בהנאה, מען צוברעכט די כלים — סכנת נפשות!

און פאַר וואָס שרעקט ער זיך! פאַר דער „משהו" שרעקט ער זיך! אַ קלייניגקייט, זאָגט ער: אַ משהו! און וואָס קומט? כרת! דער עונש איז: „הכרת תכרת הנפש ההיא מעמיה!"

און ער זאָגט: בעסער אַלע מדורות פון גיהנום, — דאָס נעהם איך אויף מיר, פאַר אַ יודישען גראָשען, — אַלס כרת, אַרויס פון כלל ישראל!

אַ טיעפער ענין!

דאָס איז ערשטענס...

און צווייטענס (רופט מען איהם ר׳ זישעלע), ווייל ער איז גע־ווען גאָר קליין געוויקסיג.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט געקאָנט שפּאַציערען אונטער׳ן טיש!

אַז ר׳ זישעלע זיצט אויבען אָן אויף איין אַסיפה פון די בעלי בתים, זעהט מען איהם נישט אַרויס; האָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגען אַ הויכען....

אז אַ בעל־הבית פערשפּעטיגט זיך, פרעגט ער: שוין דאָ אונזער ר׳ זישעלע? אומקוקען זיך העלפט נישט.

פאַר דאָס אָבער, אַז ער זעהט, אַז עס איז שטיל, אַז דער עולם האַלט די קעפּ אָן אַ זייט און הערט זיך איין — ווייסט ער שוין, אַז ר׳ זישעלע איז דאָ.

שמייכעלט ער, דער בעל־הבית און טראַכט: „עס שיטען זיך שוין פּערל פון ר׳ זישעלעס מויל... דער עולם שווייגט און שלינגט זיינע ווער־טער... לעבען זאָל ער, ר׳ זישעלע!"

דער עיקר האָט ר׳ זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער; ער האָט זעהר ליעב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית המדרש האָט עס געוואוסט, און קוים האָט זיך ר׳ זישעלע געוויזען אין בית המדרש אַריין, פאַר יום־כפּור־קטן, צי פאַר איין אַספה, פלעגט איהם הברה אַרומרינגלען פון אַלע זייטען, מיט אָפענע גמרות, מיט אַלערליי שאלות, פון דער סוגיא, פון יענער סוגיא, פון אַ רמב״ם. און ער פלעגט שמייכלען, יעדען ענטפערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפען, מיט שמחה און ליעבשאַפט אין די קינדישע אויגען, וואָס ער האָט געהאַט עד יום פטירתו, און זיין זיס קול׳עכעל, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקיל!

נאָר אַרויסגעזעהן פון צווישען דעם קליינעם עולם האָט מען איהם נישט!

איינמאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, שעבערשין — דריי מייל פון זאַמושץ — האָט זיך אַראָבגעבערענגט אַ נייעם רב, פון ערגיץ פון דער פרעמד; ער האָט ר׳ זישעלען פון פנים נישט געקאָנט, און באַלד נאָכ׳ן ערשטען שבת, נאָך דער ערשטער דרשה, איז ער געקומען קיין זאַ־מושץ צו ר׳ זישעלען...

טרעפט ער איהם נישט אין דער היים, געהט ער דערווייל אין בית־המדרש אַריין; וואו דען זאָל געהן אַ שעבערשינער רב?

זעהט ער אַ רעדעל יונגלעך, און איינער אין דער מיט קליננט מיט׳ן קול איבער׳ן גאַנצען בית המדרש און ענטפערט אַלע תוך־כדי־דבור בלאחר־יד...

געהט ער צו; ווערט ער נבהל ומשתומם, און פרעגט: וואָס איז עס דעם יונגעל געשעהן, וואָס ער איז גראָהע געוואָרען ווי אַ טויב?

מוסף ראש־השנה פלעגט ר׳ זישעלע דאַווענען פאַר׳ן עמוד אין שוהל. אין שוהל פאַר׳ן עמוד איז דאָך טיעפער, „ממעמקים קראתי יה״, זעהט מען דאָך ר׳ זישעלען אַוודאי און אַוודאי נישט אַרויס... דער עולם וויל דאָך אָבער זעהן, ווי זיין קליין זיס קעפּעל הוידעט זיך. און דער שוועהרט זיך נאָך, אַז אין די תנועות פון זיין קעפּעל, צוזאַמען מיט זיינע זיסע נגונים׳לעך, פערטייטשען זיי אַלע תפלות... שטעהען זיי טאַקי גאַנץ מוסף אויף די נעגעל; אַנדערע שפּרינגען אַרויף אויף די בענק:

און אַ טונא־בצע איז ער געוועזען גאָר איין אויסטערלישער.....

כמעט יעדעס יאָהר קומען שליחים פון די גרעסטע שטעדט און בעטען זיך ר׳ זישעלע זאָל אָננעמען דאָרט דאָס רבנות:

מען וויל ר׳ זישעלען אָבגילטען.

ער וויל נישט הערען און געדענקען...

און ער מאַכט זיך איין הלצה׳לע: איך האָב עמיצען, — זאָגט ער — הס ושלום, גע׳הרג׳עט, איך זאָל דאַרפען זיין נע ונד?!

בעט זיך ביי איהם די שטאָדט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבען, לאָזט אייך האָטש מוסיף זיין אויף די שכירות...

בייזערט ער זיך: וואָס ווילט איהר מאַכען פון מיר אַ פרעסער אויף דער עלטער? זאָט בין איך אַזוי אויך!

און וויפיעל נעמט ר׳ זישעלע שכירות? פינפציג פוילישע גולדען אַ וואָך!

און קיין רח״ש נעמט ער נישט.

ר׳ זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רב, נישט קיין מקבל:

פסק־געלד, גיט ער אַוועק די דיינים.

זיין תורה, — זאָגט ער, — פערקויפט ער נישט; אפילו זיין שכל הישר ביי׳ן אפשר, האָט ער אויך נישט צו פערקויפען...

יום־טוב־געלד — פערשענקט ער די שמשים.

דאָ זוכט ער שוין קיין תירוץ נישט; גלאַט — אָרימע יודען!

שלח־מנות ווייטער טוישט ער... וואָס ער בעקומט פון רייכע, שיקט ער אָב אביונים; פון די אביונים, וואָס ער בעקומט, שיקט ער אָב די רייכע. און ער עסט, וואָס די רבי׳צין באַקט...

„אדם רוצה בקב שלו!״

נאָר דאָס אַלץ האָב איך אייך פערצעהלט אַגב אורחא... אַז מען דערמאָנט ר׳ זישעלע, מוז מען האָטש אַביסעל פערצעהלען!

דער עיקר איז דער מנהג, וואָס ר׳ זישעלע האָט געהאַט.

עס פלעגט זיך איהם טרעפען אַרויסצוגעהן דער לעצטער פון שטוב און צו פערשליסען די טהיר. זעהענדיג, אַז די טהיר איז אַלט, דער שלאָס נישט יונגער, און אַז מיט אַליאַדע קלאַפ צובּרעכט מען ביידע, טראַכט ער, אַז עס איז איהם לייכט צו בעגנב׳נען, און —

— רוב גנבי ישראל נינהו! — זיפצט ער.

און ר׳ זישעלע וויל נישט, איוד זאָל, חס ושלום, נכשל ווערען דורך דעם, וואָס ער פערגעסט צו פעררייכטען די טהיר

וואָס טהוט ר׳ זישעלע?

זאָגט ער:

— רבונו של עולם, זיי דו מיין עדות, אַז איך בין מפקיר, אַז איך ציה אויס פון מיין רשות מיין גאַנץ האָב און גוּטס, הן מטלטלין פון שטוב, הן בּאַרעס געלד, וואָס איך האָב, און וואָס איך ווייס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען, האָט ער צוריק זוכה געווען מן ההפקר!

איך האָב מאריך געווען בּיי ר׳ זישעלע, זכרונו לברכה׳ן, וועל איך שוין בּיי זיין זוהן מיט׳ן אייניקעל מקצר זיין...

ווי אויבען איז געשטאַנען, האָט ר׳ זישעלע געטהון מיט ר׳ יהיאל׳ן אַ שדוך פון לובלין. אַ צייט לאַנג האָט ר׳ יהיאל געגעסען קעסט, דערנאָך איז ער געוואָרען אַ בעל־הבית פאַר זיך. איין עושר במזומן איז ער גע־וועזען, כל ימיו האָט ער זיך מפרנס געווען פון פּראָצענט, און איז זיך געזעסען על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געווען אין מצוות ומעשים־טובים.

קיין וואָכערניק, פערשטעהט זיך, איז ער נישט געוועזען...

און איין מדה האָט ער גע׳ירש׳נט פון פאָטער ר׳ זישעלע — נישט מבייש זיין קיין שום בן־אדם! און — ענוות!

ר׳ יהיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל־זאַכען, נאָר קיין התמנות נעהמט ער בשום אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאָר נישט!

צדקה היינט ביי איהם נאָר מתן בסתר...

ער גייט ווינטער גאַנץ פריה אין גאַס אַריין; זעהט ער פויערן פיהרען האָלץ (פון שטיין-קויהלען האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט), — קויפט ער אַ פוהרל האָלץ, — צוויי דריי פוהרלעך האָלץ, און זאָגט דעם פויער, וואו ער זאָל אָבפיהרען... ער ווייסט שוין וואו אַ געפרוירענער קבצן וואָהנט! ער פלעגט פאַר יעדען יום-טוב אָבשיקען נדבות מיט דער פאָסט — אַ ספרא-רבא איז ער געווען, — נאָר די אַדרעסען פלעגט ער שרייבען מיט דער לינקער האַנד, מען זאָל זיין כתב-יד נישט דערקענען, ווייל ער פלעגט אַמאָל שרייבען צו גרויסע שררות וועגען יודישע זאַכען...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פאָסט שיקט אַ בעהאַלטענער בעל-תשובה, וואָס האָט אַוודאי עמיצען בע'גזל'ט און קאָן די גזלה נישט אָבגעבען... ערשט נאָך ר' יהיאל'ס פטירה, איז מען געוואָהר געוואָרען ווער דער „גזלן" איז געוועזען...

און אויסער אין הברה-פושקעס אַריין, פלעגט ער מיר-ליר קיין נדבה נישט צו געבען... אַלץ געבאָרגט, — כשר'ע הלואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפען וועסט דו אָבגעבען, מיט אַמאָל, ביסלעכווייז; מיר, אָדער פאַר מיר אַיין אַנדערן נויטבעדאַרפטיגען"...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר' יהיאל קומט אַהיים פון גאַס און טרעפט עמיצען ביי זיך אין שטוב. יענער האָט דערזעהן און איז געבליבען ווייס ווי אַ קאַלעך.

ר' יהיאל קוקט, פון אונטער'ן יוד'ס פאָלע שטאַרט עפּעס בולט אַרויס.

אין יוד'ס פנים האָט ר' יהיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פשוט'ען גנב נישט... ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז אַיין עני הגון, אַז ער איז געקומען עפּעס בעטען, און, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפען, איז ער נישט עומד געוועזען בנסיון, האָט'ען דער יצר-הרע גובר געוועזען...

גערט צונ'עם צו גאַנץ פריינדליך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איהר האָט אַוודאי געוואָלט לייהען אויף אַ משכון? ווייזט נאָר דעם משכון....

דעם אָרימאַן קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— וואָס איז די הרפה? פרעגט ר' יהיאל געלאַסען: דאָס מזל דרעהט זיך ווי אַ רעדעל, געלד איז קיילעכדיג! היינט באָרגט איהר ביי מיר, מאָרגען איך ביי'ן אייך...

און אַזוי רעדענדיג, נעמט ער איהם אַפּער פון אונטער דער פּאָלע זיין אייגענע פּאָר זילבערנע לייכטער!

און ר' יהיאל שטעלט זיי געלאַסען אַנידער פאַר זיך אויפ'ן טיש, גלייך ער זעהט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און וויל אָבשאַצען וויפיעל ער מעג אויף זיי בּאָרגען.

דער יוד, נעביך, וויל דערווייל ענטלויפען, זעגעז איהם אָבער די פיס ווי צוגעשמיעדט!

— הכלל, ר' קרוב, — פרעגט ר' יהיאל, וויפיעל ווילט איהר בּאָרגען?

און דער קאָן, נעביך, נישט די צונג איבערדרעהען.

— איהר זענט, ר' קרוב, אַ גרויסער בּושת פּנים... נו, וואָס קאָן מען מאַכען? „אַתּה פּתח לו" שטעהט, וועל איך פאַר אייך רעדען:

עס געהט צו פּסח, — הערט, צי איך בּין מיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופּק, צי איהר האָט אויף מצות... נו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: יאָ צי ניין!

יענער, נעביך, שאָקעלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דאַצו קיין נביא נישט זיין! דאָס פּנים אייערס מסר'ט! נאָר — איהר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פער'קנס'ען? יאָ?

נו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ — יאָ צי ניין?

דער אָרימען יוד האָבּען זיך שוין אָבער געעפענט די קוואַלען פון די אויגען; ער האָט זיך שטאַרק צוויינט.

— נאַרישער מענש! — מאַכט ר' יהיאל, — וואָס וויינט איהר? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, גלגל הוזר!

דער יוד קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטען; הערט ר' יהיאל, מכּלומר'שט, בּרוגז, האָט ער פעראיבּעל.

— על פּי דין — זאָגט ער — בּין איך אייך, ר' קרוב, מחויב צו העלפען; „עזוב תּעזוב" שטעהט, פערפאַלן! אָבער וואו שטעהט עס, איך בעט אייך, אַז איך בּין מחויב אויסצוהערען אייער געוויין, האַ?

דער יוד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כּחות, און ר' יהיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איהר וואָס, ר' קרוב, איך וועל אייך געבּען לויט דעם משכּון...

אין מיינע אויגען איז דאָס משכּון, עובר לסוחר — אויף פּתח—

הערט ק"ן קערבלעך... וועל איך אייך בארגען פינף־און־זיבציג, — אכציג! צעהן רובל אויף יום־טוב, זעכציג אויף נדן פאר דער טאכטער, און נאך צעהן — איין התחלה אויף תתונה קליידער, התונה הוצאות; די רעשט וועט גאט העלפען!

און אז גאט וועט העלפען, — גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געוועזען, — וועט איהר בעצאהלען.... איך בין בטוח, איהר וועט בעצאהלען!

צונד געהען מיר איבער צו ר' זישעס איינקעל.

איין מאל, א יומא דפגרא איז עס געוועזען, האט מיך איציקל מיין תלמיד שטארק געבעטען, איך זאל מיט'ן געהן בעקוקען דעם פאטער'ס פאבריק. ער וויל מיר ווייזען די טייערע און קונציגע מאשינען...

איך האב איהם נישט געקאנט אבזאגען; א יומא דפגרא איז, געה איך.

אין פאבריק אריין געהען מיר דורך א שמאל פעדערהייזעל, וואו צוויי מענשען קאנען נישט צוזאמען דורכגעהן, נאר איינער נאכ'ן אנדערן. פון דארט זענען מיר געקומען אויף א גאנץ גרויסען הויף ארויס, פון הויף ערשט אין פאבריק אריין. אין פאבריק איז נאך מעהר רחבות ווי אויפ'ן הויף.

און די פאבריק איז פול מיט ווארשטאטען. און ביי יעדען ווארשטאט שטעהט א פועל. דער ווארשטאט ווארפט זיך, און דער פועל ווארפט זיך מיט'ן ווארשטאט. און דער פועל מיט'ן ווארשטאט זעהען אוים ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואס ווארפט זיך, שאקעלט זיך און זעצט...

און וואס איז די נשמה פון דעם גוף? די פארע! זי רודערט עס מיט אלעס דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער ווארשטאט איז ארומגענומען....

אויסער דער פארע האט דא קיין גוף קיין אנדערע נשמה נישט, נישט דער ווארשטאט, נישט דער פועל, וואס טהוט נאך דעם ווארשטאט; זיי האבען קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אזוי דאכט זיך מיר!

און מיין תלמיד וויל מיר אליץ פערטייטשען, געבען צו פערשטעהן, וואס דא טהוט זיך, וואס מען ארבייט, ווי אזוי מען ארבייט; נאר, —

איך הער נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּענדיגע גולמות...
די אויערן ווערען מיר טויב פון גערויש און קלאַפּעריי...
אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט, און רייבט, און קריצט מיט די צייהן...
און אַ וואונדערליכע מחשבה פליהט דורכ'ן מוח:
און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנום אַריין, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה.... און ווען משה רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און — זיי ווילען רעדען — צי וואָלטען זיי איבערגעשריגען דאָס גיהנום, צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפּייניגטע נשמות געהערט?
ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, בעגאָסען מיט קאַלטען שווייס פאַר שרעק!
און מיר געהען ווייטער דורכ'ן שמאָלען פעדערצימער, און איך מיט יצחק'ן קאָנען צוזאַמען נישט דורכגעהן....
— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? פרעג איך.
— דאָ רעווידירט מען די אַרבייטאָרער, — ענטפערט יצחק'ל — איינעם נאָכ'ן צווייטען רעווידירט מען....
— נאָך וואָס?
— מען גנב'עט פון פאַבריק... כלים... סחורה...
— גנבים זענען זיי, גנבים?
— נישט אַלע, חס ושלום! נאָר אויף טייל פאַלט אַ חשד!...
— און, אַז אויף אַ טייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלע?
— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָן נישט מבייש זיין, רעווידירט מען אַפילו די מייסטער אַליין...

אויך „שלא לבייש“, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן נוסח!

דריי מאל גערופען.

(איבערזעצט פון א גאָר אַלטען, נישט געענדיגטען כתב־יד.)

.1

איך בין דעמאָלט געשטאַנען אין פעלד, חייט פון באַגדאַד, וואו איך בין געבוירען געוואָרען און מיין פאָטערס הויז איז געשטאַנען...

איך זעה זי דאָך, די שטאָדט, פון וויטען... איהרע טויזענדע ליכטלעך שניידען זיך דורך דעם שווערען, פייכטען נעפעל דורך און קוקען אויף מיר ווי טויזענדער אויגען, פול באַרמהערציגקייט און זאָרג.

טרויעריג שווימט איך איבער מיין קאָפּ די לבנה...

זי האָט מיטלייד מיט מיר, אויפ'ן קליינעם, שוואַכען יונגעל, וואָס האָט זיך פערבלאָנקעט אַזוי וויט פון דערהיים און שטעהט איינער אַליין אויפ'ן פרייען פעלד...

אַנדערש קוקען די שטערנדלעך! מיט מיליאַרדען פינקעלדיגע אויגען שמייכעלט צו מיר דער הימעל אַראָב. ער ווייסט, אַז איך בין נישט פעראירט נישט פון דער שטאָדט, נישט פון טאַטענס הויז; אַז איך ווייס, וואו איך בין, וואו אַהין איך געה און וואָס איך מוז טהון!

און נעמליך: איך מוז אַרויף אויפ'ן שפּיץ טהורם, די ריינע וואָרהייט מוז איך וויסען!

אַזוי האָט מען מיך געהייסען.

וואונדערליכע געשיכטען דערצעהלט מען חעגען דעם טהורם; מעשיות — איינע שענער פאַר דער צווייטער.

דאָ — זאָגען טייל — איז אַמאָל אַ שטאָדט און אַ פעסטונג גע־שטאַנען; אַ שטאָדט אַ גרויסע, אַ גרעסערע אַלס באַגדאַד; און אַ פעסטונג, וואָס האָט געוואָרפען אַ דיקען, שווערען שאָטען פון איהרע מויערן איבער שטעדט און לענדער... דער טהורם איז געשטאַנען אין דער מיט פעסטונג, און אַרום שפּיץ טהורם איז געווען אַ באַלקאָן, אויף וועלכען עס איז אַרומגעגאַנגען אַ וואַך.

איינמאָל האָט זיך אַ פיינד צוגעשלייכט צו דער פעסטונג, און דער וועכטער איז געשלאָפען און האָט נישט בעמערקט, קיין סיגנאַל נישט געגעבען, דאָס פאָלק נישט געוועקט: דער פיינד האָט געשטורמט די מויער, אַריין אין שטאָדט, אויסגעקוילעט דאָס פאָלק, פערברענט די שטאָדט און איינגעוואָרפען די פעסטונג.... איין טהורם איז געבליבען... און נאַכט אויף נאַכט שטעהט דער וועכטער פון קבר אויף, געהט אויפ'ן באַלקאָן פון טהורם אַרויף, — געהט אויף דער וואַכט, ביז ער שלאָפט איין... וועה־געשרייען וועקען איהם, ער עפענט די אויגען און זעהט, ווי מען קוילעט זיינע ברידער; ער וואַרפט זיך פון טהורם אַראָב. — דאָס איז זיין אייביגע שטראָף.

און אַנדערע זאָגען: עס איז אַ טהורם פאַר שטערנזעהער געוועזען; פאַר אַזוינע כשוף־מאַכער, וואָס האָבען מיט אָפענע אויגען געקוקט אין הימעל אַריין און געזעהן וואָס יעדען איז בעשערט; וועמענס מזל עס צו־פלאַקערט זיך און וועמענס שטערן לעשט זיך און פאַלט, און יעדען גע־וואָהרענט אָדער בשורות אָנגעזאָגט — פאַר קליין געלד; גוטע מענשען געווען...

און ווער עס האָט געהערט, געגלייבט, און, אויב אַ שלעכטע בשורה — תשובה געטהון, איז גוט: אָדער ער איז געשטאָרבען אַ בעל־תשובה און געפונען אָפען פאַר זיך די טויערן פון גן־עדן, אָדער ער האָט פיעל גע־וויינט און געבעטען, ביז מען האָט איהם פּראָלאָנגירט אויף אַ צייט... האָט אָבער ווער נישט געגלייבט, — זענט אידר איהם זיכער נישט מקנא...

איינמאָל האָבען די מכשפים געשיקט אַ שליח מיוחד מודיע זיין דעם כליף, אַז זיין צייט איז געקומען, אַז מען רופט איהם אויף יענער וועלט... זיי האָבען זיין ליכטיגען שטערן אין הימעל אונטערגעהען געזעהן און מורא געהאַט, ער זאָל נישט געהן פון דער וועלט אָהן אַ צואה, וועמען פון זיינע זיהן ער גיט איבער די קרוין... און וועלכע ברידער זאָלען הערען געטייט... די טויזענד זיהן פון עטליכע הונדערט ווייבער זאָלען נישט צער־

דייסען דאָס לאַנד, ווי אַיין אַלטען מאַנטעל...

דער פרומער כליף האָט געגלייבט. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער געפאַסט, אָבגערייניגט די נשמה פון זינד, צוטיילט דאָס לאַנד צווי- שען אַלע פרומע קינדער, און נאָר די נישט פרומע אין וואַסער אַריין געוואָרפען. און גרייט צו געהן אין זיין רוה אַריין, האָט ער געוואָלט מיטנעמען די כשוף-מאַכער; אָהן זיי וויל ער זיך אין גן-עדן נישט ווייזען; אָהן זיי וועט ער דאָרט נישט קאָנען קיין מויל עפענען. ער קאָן זיך בלאַמירען מיט וואָס עס איז פאַר אַ נישט פאַסענדיג וואָרט. האָט ער זיי רויטע זיידענע שטריקלעך געשיקט.

נאָכ'ן טויט האָט מען דעם כליף געקריינט מיט'ן נאָמען: „הכם". און אַזוי רופט מען איהם אין אַלע געשיכטע-ביכער ביז'ן היינטיגען טאָג. אָבער דער טהורם פאַר שטערנזעהער איז פון דעמאָלט אָן געבליבען — לעֶר!

די שטערנזעהער האָט מען נ י ש ט געקוילעט; זיי זענען, בעקו- מענדיג די שטריקלעך, ענטלאָפען אין סטעפ אַריין; און מענשען און בליפען לעבען, נישט וויסענדיג, וואָס מאָרגען וועט זיין... זעלטען עמיץ זאָל תשובה טהון פאַר'ן טויט; אַז קיינער וואָהרענט נישט!

אָבער נאָך אַנדערע זאָגען, אַז דאָס, וואָס אויבען איז געשטאַנען, איז „נישט געשטויגען, נישט געפלויגען". דעם אמת וויסען ז י י...

דאָ — וויסען זיי — ליעגט נמרוד בעגראָבען! דער גרויסער יעגער נמרוד, פון וועלכען מען רעדט אין בראשית; פאַר וועלכען אַ וועלט האָט געציטערט!

אַז ער האָט דערפיהלט, אַז עס געהט זיין עק, האָט ער זיך איינ- געשפּאַרט, ער מוז שטאַרבען שטעהענדיג אויף די פיס! און אַזוי שוין בלייבען שטעהן! האַפּט ער אויפ'ן קאַסט אַרויף אַ שטיינערנעם טהורם ווי אַ קוועֶר, און אַ הויכען, מען זאָל איהם אין הימעל דערזעהן, מען זאָל זעהן, ווי נמרוד שטאַרבט שטעהענדיג, און בייגט זיך נישט, און פאַלט קיינעם נישט צו די פיס!

און דער טהורם, וואָס האָט אַיינגעשלאָסען אין זיך נמרודים לייב, זינקט — טאָג און נאַכט זינקט ער, שוין טויזענדער יאָהר, און איז נאָך נישט אַיינגעזונקען...

אָבער מיידלעך און ווייבלעך יונגע דערצעהלען פון טהורם נאָר אַ שעֶנע מעשה... אַ בת-מלכה שלאָפט אין טהורם... אַ גאָלדענע שטוב איז

דאָרט פערהאַן, אַ גאָלדען בעט שטעהט אין שטוּב, און אַ גאָלדענע בת־מלכה שלאָפט אין גאָלדענעם בעט.

אַ כשוף האָט מען איהר אָנגעטהון, געשטראָפט האָט מען זי, ווייל זי האָט קיין אַלטען מאַן נישט געוואָלט, די קעניגליכע טאטע־מאַמע נישט געפאָלגט, נישט געוואָלט... פון ליעבע געטרוימט!

און שלאָפען וועט זי אַזוי לאַנג, ביז איהר אויסלעזער וועט קומען! און איהר אויסלעזער וועט זיין אַ פרישער, אונשולדיגער יונגער מאַן, מיט אויגען ווי שטערן, קראַפט פון אַ ריעז, און אונשולדיג, ווי אַ לעמעלע...

ער וועט אַרויפגעהן, וועט זי דערזעהן און צוריהרען זיך צו איהרע ליפען אַזוי אונשולדיג, ווי אַ ברודער קושט זיין אייגענע שוועסטער...

פון דעם ריינעם קוש וועט זי ערוואַכען... דער כשוף וועט פערשווינדען, מען וועט אַ חופה שטעלען, אַ סעודה וועט זיין, און נדן וועט דאָס פאָר פאָלק בעקומען — אחשורוש׳עס מלוכה!

געה וויים!

מיין רבי, יוסיל דער פילאָזאָף, זאָגט: הבל הבלים... נאַראָנים פערצעהלען, נאַראָנים גלייבען!

שמעיה בטלן — אַזוי רופט מען איהם, דעם חבר מיינעם — גלייבט, אַז אַלע מעשיות זענען משלים, זענען שאָלען, אין וועלכע דאָס נמשל — דער סוד ליגט ווי אַ זאָמען בעהאַלטען; מען דאַרף׳ן נאָר אַרויסבעקומען...

. . . .

דאָס האַרץ ביי מיר קלאַפּט, די פיס ציטערן... איך וויל אַרויף אויפ׳ן טהורם, איך מוז! פון קינדהייט אָן איז דער טהורם מיין פערלאַנג, מיין איינציגער חלום... איך טראַכט פון איהם ויצענדיג ביים ספר ביי טאָג, ליגענדיג מיט אָפענע אויגען ביינאַכט...

עס רופט מיך, עס ציהט מיך. איך וויל, איך מוז!

„עס ציהט מיך, איך וויל און איך מוז!“ אַלץ איז אַזוי... צווישען מיר און דעם טהורם וועבט זיך אַ געהיימער פאָדעם. ער וועבט זיך יעדע סעקונדע דיקער און קירצער... ער ציהט, איך וויל און מוז צו איהם געהן...

נאָר נישט שרעקען זיך!

אויפ'ן ערשטען שטאָק...

אַיין אונגעהויער צימער, נאָר לעער, פינסטער... אַ פענסטער אין וואַנד... דורכ'ן פענסטער פאַלט פון דרויסען אַ פּיעל פאַרביג ליכט אַריין און בעלייכט די טרעפּ געגענאיבער: די טרעפּ, וואָס פיהרען העכער אַרויף....

אַ נעץ פון פאַרביג ליכט צווישען פענסטער און טרעפּ אַרויף און אין צימער איז לעער! איך געה אַרום און שלאָג מיך אָן גאָרנישט אָן; קיינער און קיין זאַך שטעהען מיר נישט אין וועג; אויסער די ווענד... די קאַלטע, פייכטע, גליטשיגע ווענד... די האַרטע, די פעסטע... אָהן אַ מינדעסטען שפּאַלט, — אָהן אַ ריץ; קיין נאָגעל אַריינצושטעקען...

איך געה צו'ם פענסטער צו... גרויס איז עס און ברייט. איך קוק אַרויס און זעה מעהר ווי פריהער, ווען איך בין אונטען געשטאַנען... גרעסער און ברייטער ענטפּלעקט זיך פאַר מיר דאָס פעלד מיט די זאַנגען, צווישען וועלכע איך בין געשטאַנען...

און זיי בעוועגען זיך, די זאַנגען, שאָקלען מיט די קעפּ...

וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען, זאַנגען? וואָס ניקט איהר מיר צו מיט די קעפּ? איהר בעדויערט מיך אדער ווינשט מיר גליק?

אָבער נישט איהר טהוט עס, דאָס אָבענד-ווינטעל וויעגט אייך... רעכטס און לינקס, אַהין און צוריק...

מיך טרייבט עס אַרויף, אַלץ אַרויף; העכער און העכער!

און ווער בעוועגט אונז?

נישט איהר ווייסט, נישט איך... און מיר וועלען עס, געוויס, קיינמאָל נישט וויסען...

בלייבען זיי שטעהן די זאַנגען... האָב איך זיי איבערגעשראָקען?

און איך דערזעה פון ווייטען מיין שטאָדט, מיין באַגדאַד... און צווישען די הייזער דערקען איך אונזער הויז...

דער טאַטע איז שוין געוויס אַהיים געקומען... ער האָט זיך גע-וואַשען, גאָט געדאַנקט און עסט זיין אָבענד-ברויט; זאָל איהם זיין צו געזונד... די מאַמע זעצט זיך איהם געגענאיבער... וויל איהם לעזען פון די אויגען אַרויס, ווי עס שמעקט איהם... „צו געזונד!" — שעפּ-ציען איהרע ליפּען... מיין קליין שוועסטערל, מיין שען שוועסטערל, גראַבעלט זיך אויפ'ן טאַטענס קניע אַרויף, און פערהאַלט זיך, פער-וואונדערט, וואָס איך העלף איהר נישט, קוקט זיך ערשט אום, אז

איך בין נישט דאָ... זי פרעגט אויף מיר. דער טאַטע וועדט אונ־רוהיג... ער פרעגט: וואו איז ער? „לערנט אַודאי מיט שמעיה בטלן ביי יוסל פילאָזאָף... — ענטפערט די מאַמע און רייטעלט זיך פאַר נחת... — פערשפעטיגט זיך..." עס פאַלט זיי נישט איין, אַז איך האָב ביידע פערלאָזט און שטייג אויפ'ן טהורם...

צוריקגעהן און זאָגען? אַ שטימע רופט פון אויבען אַראָב!

— קום! קום!

דאָס איז זי, די שטימע, וואָס איך האָב נישט איינמאָל אין טרוים געהערט...

ווי זיס איז זי, די שטימע, און עס קלינגט דאָך אין איהר:

— איך הייס!

ווער הייסט?

— אַרויף! — רופט מען פעסטער.

און איך געה...

ווייטער אַ צימער, נאָר שמעלער און קלענער פאַר יענעם... ווייטער אַ פענסטער, נאָר אויך קלענער פאַר יענעם, און דאָס ליכט פאַלט אויך נישט איבער'ן גאַנצען צימער; אַ שטרייף געהט פון פענסטער צו די טרעפ, וואָס פיהרען נאָך העכער...

אין צימער, אויב עס איז מעגליך, איז נאָך לעערער, נאָך פינסטערער, נאָך אונהיימליכער.... די ווענד — פייכטער, קעלטער און פעסטער... אָן נאַזאַ וואַנד איז זיך לייכט דעם קאָפּ צו שפּאַלטען...

אָבער העכער— בין איך! איך קוק פון פענסטער אַרויס און זעה מעהר, נאָך מעהר, נאָך ווייטער!— ברייטער און לענגער איז געוואָרען די גע־גענד... עס האָט זיך אַרויסגעוויקעלט אַ טייך; איך האָב איהם פריהער נישט געזעהן... און נייע ביימער, אַ נייער וואַלד... פאַר מיר ניי—; פאַר די, וואָס וואָהנען דאָרט— אַלט...

איך הייב די אויגען אויף אין דער הייך— אַ גרעסער שטיק הימעל— נאָך אַ שטיק וואָלקען, און שטערען פאַר מיר נייע... ביי עמיצען זענען זיי געצעהלט!

איך פרעגע מיך נישט דערמיט; אָבער שטאָליץ דערויף ווער איך... דאָס אַליין זעה איך...

פלוצים שטעלט זיך אַ שאָטען פאַר מיר... איך דערקען איהם — שמעיה בטלן!

— וואָס ביזט דו אַזוי גרוים ביי זיך? — שפּעט אוים מיר שמעיה — דו זעהסט מעהר, אָבער צי זעהסטו בעסער? זעהסטו טיעפער? און אויפ'ן שפּיץ טהורם, צום הימעל נאָהנט צו די שטערן, וועסט דו בעסער אָדער טיעפער זעהען?!

אייביג וועט זיך דיין בליק גליטשען איבער די זאַכען, פון אויבען גליטשען, נישט אַריינדרינגען אין דער זאַך אַליין, אין עצם-זאַך! אין דער נשמה פון איהר.

און ער פערלעגט די הענד אויף דער ברוסט און זאָגט: אַלץ האָט זיין אייגענע נשמה — אַ מענש, אַ טהיר, אַ געוויקס, אַ שטיין, אַ קערנדעל זאַנד... נישט אַלע נשמות אָבער זענען גלייך לעבעדיג און וואַך... דאָס מעהרסט נשמות שלאָפט, אין האַרטע קערפּער פערשלאָסען און עס פאַלט אויף זיי קיין טהוי פון לעבען נישט, שפּראָצען זיי נישט אַרוים די נשמות...

וועקט זיך אָבער אַ נשמה, פון וואָס עס זאָל נישט זיין אַ נשמה, קען פון איהר ווערען אַלץ, אַלץ — דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס העכסטע...

און קענען, זאָגט ער — דאַרף מען נאָר איין נשמה... פון וואָס עס איז אַ נשמה... קען מען איינע, קען מען אַלע... אַלע נשמות זענען גלייך, זיי זענען נאָר וואַך און אויפגעלעבט נישט אויף איין מדרגה...

אָבער דעם תוך, דעם עצם זאַך, די נשמה זעהט מען נישט מיט בלויסע אויגען... דערצו דאַרף מען ברילען...

— ברילען!

— פערהאַן אַזוינע, דורך וועלכע מען זעהט נשמות... הוילע, נאַקעטע נשמות...

— וואו זענען זיי?

— אין אַ הייל! — אין אַ הייל אונטער ירושלים, אין איין אַיי־זערנעם קאַסטען מיט אַ קופּערן בעשלאַג און שטאָהלערנע שלעסער ליגט איין אַלטער „כתב יד", אַ שטיקעל פּאַרמעט מיט אַ שם המפורש, מיט וועלכען מען קען עפענען איין אַנדערע הייל, נעבען טייך גאַנגעס, נעבען גן-עדן — אין הינא... און דאָרט אין יענער הייל ליגען זיי — די ברילען. די הייל איז אָבער בעוואַכט מיט לייבען, עגדישען און ברענענדיגע שלאַנגען.

און פייניגט מען דעם גוף, ביז ער ווערט איינגעשרימפּען, די חיות רעזט זאָלען קיין השק נישט האָבען אריינצושטעקען אַ צאָהן, און האָט מען מיט זיך דעם שם, צו עפענען דעם קאַסטען —

— אַרויף!

הערט זיך פּלוצלונג די שטימע; דער שאָטען פערשווינדט...

אויפ'ן וועג האַפּט מיך יוסל פילאָזאָף, מיין רבי, ביי דער פּאָלע אָן:

— וואו אַהין געהסט דו? נאָך וואָס שטייגסט דו? אַלץ ווייס דיין נשמה, אַלץ שטעקט אין דיין נשמה... זעץ דיך נאָר אין אַ ווייט, פינסטער ווינקעלע ק'ערען... נאָר קלערען....

— אַרויף! גיט אַ רוף די שטימע פון דער הייך; ער פערשווינדט און איך שטייג....

און וואָס העכער איך שטייג, קלענער ווערען די צימער, קלענער די פענסטער, אָרימער דער שטראַהל, וואָס פאַלט פון זיי אויף די טרעפּ געגענאיבער... האַרטער, נאַסער און גליטשיגער ווערען די ווענד...

אָבער זעהן זעה איך וואָס אַמאָל מעהר, אַלץ ווייטער און ווייטער!—

די פינסטערניש אין צימער ווערט, וואָס העכער, אַלץ געדיכטער, און לעגט זיך מיר ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער ברוסט... איך אָטהעם קוים... דאָס בלוט אין די אָדערן גליווערט פאַר שרעק... איך אַייל מיך אַלץ צום פענסטער צו... איך וויל ליכט פון דרויסען, און לופט צו. לאַנג אָבער שטעהן לאָזט מען נישט.

— העכער! — רופט מען אַלץ־אין איינעם....

איך ווער בייז.

— ווער רופט מיך? ווער האָט מיר צו בעפעהלען? די פיס — געשוואָלען, אָטהעם — פעהלט, און דו רופסט און רופסט, וואָס אַמאָל שאַרפער, געביטערישער! מיט וואָס פאַר אַ רעכט?

— העכער! — רופט די שטימע.

איך געה אַלץ העכער און העכער, און אין האַרץ קוילערט זיך אַרום ביי מיר אַ לעכערליכער געדאַנק: דו אַליין רופסט! געהערש נאָר דיך אַליין!..

און איך וויל מיך איבעררעדען און שטעל מיך אָב און רעד צו מיר אַליין:

— און אַז דו וועסט שוין זעהען נאָך וועלדער און פעלדער, נאָך טייכער, נאָך בערגער, נאָך ערד... און אַז דו וועסט שוין זעהען נאָך

טויזענד שטערן, נאָך שטיקער וואָלקען... נאָך הימעל, וועט דיר גענוג זיין? די זאַכען זענען אַרום דיר. און מיט העכער קומסט דו צו זיי נישט נעהנטער... זיי רינגלען דיך אַרום, דו ביזט די מיט, אַרום וועלכער אַלץ דרעהט זיך אין אַ ראָד... מיט העכער קומסט דו צו קיין קערנדיל זאַנד נישט נעהנטער!..

און וואָס העכער, אַלץ קלענער ווערען זיי, די זאַכען, וועניגער דערקענסט דו זיי...

און איך לויף צום פענסטער צו, קוק אַרוים: וואו איז באַגדאַד, וואו מיין טאַטע-מאַמע'ס הויז, וואו מיינע גאַסען, מיינע הברים, מיין בית-המדרש?

פינטעלעך זעה איך... גלייכע, אויסגעמישטע פינטעלעך... און — זיי ווילען מיר אויך פערשווינדען... אַליין וועל איך בלייבען... און וואָס העכער — איינזאַמער, עלענדער...

וואו אַהין איל איך מיך? —

— אַרויף!

איך דערהער אַ געוויין... אַ היימיש האַרציג קול וויינט.. צי איז נישט דאָרט וואָס געשעהען? צי איז נישט דאָרט עמיץ פון מיינע געשטאָרבען... אַ ברונען איז דאָ אויפ'ן הויף, צי איז נישט מיין שוועסטער'ל אין ברונען אַריינגעפאַלען?

און איך הער דער מאַמעס שטימע:

— קינד מיינס, וואָס טהוסט דו? דו שפּיעלסט מיט'ן לעבען.... אויפ'ן שפּיץ טהורם שטעהט דער וועכטער, ער וועט דיך פאַר אַ שונא האַלטען, שטעכען דיך!

— ברודער'ל, ברודער'ל מיינס! דאָרטען זענען כשוף-מאַכער, זיי וועלען דיר שלעכטס טהון! וועסט אין עפּעס משונה'דיגס מגולגל ווערען!

— אַרונטער! בייזערט זיך דער טאַטע, נמרוד וועט דערהערען, אַז דו קריכסט איהם אויפ'ן קיווער, וועט ער זיך אַ ריהר טהון, פאַלסט דו אַראָב, ווי אַ שטויב...

און אַז איך פאָלג נישט —

— אַה! די בת-מלכה ציהט דיך! די בת-מלכה...

איך ווער פערציטערט!

— קום! — רופט ווײַטער די שטימע.

איך גײה און אויף שטיקער רייסט זיך דאָס האַרץ. —

אָט בליצט עפּיס אויף! אַ שפּיגעל! ווער האָט דאָ אויפגעהאָנגען אַ שפּיגעל?

און — דאָס בין איך?

דאָס ליימיגע, גערינצעלטע פּנים, די מידע, האַלב־אויסגעריסענע אויגען, די ווייסע גראָהע האָהר... דאָס איז דער סוף?

— געוויס! ענטפערן אַלע מידע גליעדער...

— אַזוי איז... אַקצענטירען די פיס...

— אַזוי! בלוטיגט דאָס האַרץ.

איך רייס מיך מיט שרעק אַוועק פון שפּיגעל און וויל ווײַטער לויפען... אַרויף, אַרויף, וועניגסטען דעם שפּיץ דערגרייכען, מיט'ן לעצטען טראָפּען בלוט, מיט'ן לעצטען אָטהעם...

— אַראָב! דונערט פּלוצלונג די זעלבע שטימע פון דער הייך.

— איך גײה נישט אַראָב! שפּאַר איך פערצווייפעלט דעם פוס אין באָדען!

— ווער עס געהט נישט, פאַלט!

און איך קאָלער מיך אַראָב...

איך בין זיכער, אַז קיינער האָט דערינען קיין טעות נישט געהאַט; אַז אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז איך פערצעהל אַ חלום פון מיינע קינדער־יאָהרען...

און, אויב עמיצער האָט אַ טעות געהאַט, איז אויך קיין אונגליק נישט... אַ חלום ווערט אויך נישט אויסגעטראַכט, ער בינדט זיך נאָר צוזאַמען... שטעלט איבער, דרעהט אויס; אָבער — אַלץ פון לעבען... וואָס שאַדט, אויב ער פאַרבט אַמאָל שענער, מאָהלט פאַנטאַסטישער?

און ווער קען די גרעניץ צווישען חלום און לעבען?

אוּן נאָך אַ מעשה איז געשעהען...

אוּן דעמאָלט בין איך שוין געוועזען אין די מיטעלע יאָהרען... אוּן נישט אין דער היים... איך האָב גלות געליטען... גע'חלומ'ט האָט זיך מיר שוין אויף פרעמדע בעטען, וואו פרעמד אימפּלוּט האָט געביסען, געוועקט אוּן קיין אײנציגער חלום האָט זיך ביז צו ענדע נישט אויסגעשפּינט! שוין לאַנג אַרוּם פוּן די קינדער־שיך, פוּן כליפּען־לאַנד... אוּיס עוונוכען, קעבּס־ווייבער, כּשוף־מאַכער, אוּיס נמרוד מיט'ן קיווער, אוּיס בּת־מלכּה'ס, וואָס שיקען אַמאָל אַ לבנה־שטראַהל אין אַ מיעד האַרץ אַריין...

אַ גלוּת־מענש בּין איך; איך אַרבּייט, פיהר „מלחמה פאַר'ן לעבּען", פאַר מיר, פאַר ווייבּ אוּן קינד! אוּיס חלומות!

דאָס לעבען, דאָס ווירקליכע לעבען איז צו האַרט, צו פעסט אײנדרינגליך, עס זאָל בּלייבּען פּלאַץ פאַר חלומות... קינדער אין וויעגען חלומ'ט שוין נישט...

אוּן אָבענדצייט איז עס געוועזען, אַ שענער אָבענד, אוּן איך בּין מיר פאַר'ן הויז אין גערטיל געשטאַנען. אין פרעמדען גערטיל פאַר'ן פרעמדען הויז...

אַ וואוּנדערליכער אָבענד געוועזען...

צו מיטאָג האָבּען זיך אויפ'ן הימעל צוזאַמענגעקליבּען לײַכטע, זילבּערנע, דינע נעפּיל, וואָס האָבּען זיך צוזאַמענגעהעקעלט, אוּן ווי אַ פיין געשפּינען טישטוך אויסגעשפּרייט, אוּן פון צווישען די לעכליך זענען טראָפּען, ווי טרערען פוּן אויגען געפאַלען... דערנאָך האָט דאָס טריעפען אויפגעהערט, די לייכטע נעפּעלעך צושהוימען זיך...

די זון געהט אונטער, דאַרף ווערען טונקעלער; די לייכטע נעפּעלעך צופליהען זיך — ווערט ליכטיגער —

בּלייבּט עס שטעהן! — נישט ליכטיגער ווערט, נישט טונקעלער... עס האָט זיך די צייט ווי אָבּגעשטעלט! דער אוּמרוּה פוּן וועלט־זייגער איז שטעהען געבּליבּען!

די בּיימלעך אין גאָרטען וואוּנדערן זיך... די בּלוּמען אין גראָז ווייסען נישט, וואָס מיט זיך צו טהון... עפענען זיך נאָכ'ן רעגען, פערוויקלען זיך פאַר דער נאַכט?

איך שטעה דערשראָקען.

און וואָס וועט זיַין, אויב דער פאָדעם, וואָס בעוועגט אַלעס האָט זיך ווירקליך אָבגעריסען? אויב איך בין אויפ׳ן גרעניץ פון דער צייט, עס שלאָגט אויס איהר לעצטע סעקונדע! און דאָס, וואָס עס איז, וועט שוין אַזוי לעבען און דויערן אייביג; נישט פערענדערן זיך, נישט אויפהערען... אַליץ וועט פערגליווערט, פערשטיינערט ווערען; אַליץ וועט בלייבען אין דער זעלבער פאָרם!

דער אָקס, וואָס האָט דעם קאָפּ געבויגען און אַרויסגעשטעקט די רויטע צונג צום גרעזיל... וועט עס נישט דערגרייכען...

דער אָדלער, מיט׳ן קינד, וואָס ער האָט אין די נעגעל, וועט בלייבען הענגען אין דער לופט, אונטערן הימעל, און די מוטער, וואָס קניעט אויף דער ערד, מיט אויסגעשטרעקטע הענד, פערשטאַרט פאַר שרעק, וועט שוין בלייבען אַזוי קניהען... דאָס געשריי פון קינד און פון דער מוטער וועלען פערפריערען אויף אייביג אין דער לופט!

געבויגען אונטער אַ לאַסט, וועט פערשטאַרט ווערען דער טרעגער, ער וועט קיינמאָל נישט אויסגלייַכען די אַקסעל... דער טראָפּען שוויס, וואָס האָט זיך איהם געלאָזט פון שטערען, וועט נישט דערגרייכען דער באַק; וועט הענגען בלייבען איבער דער ברעם...

איין אַלטע מויד וועט בלייבען ביי די קאָרטען, וואָס זי לעגט זיך; דער „אייבער“ וועט איהר שוין קיינמאָל נישט אַרויס...

און דער, וואָס קניעט פאַר׳ן פרעמדען ווייַב, וועט שוין נישט אויפשטעהן; די ליפּען, וואָס זי טראָגט איהם אַקעגען, בלייַבען אין דער לופט, און דע׳ מאַן, וואָס לויפט מיט׳ן מעסער צו, וועט ביידע נישט דערגרייכען...

אַ קינד האָרהעלט אין וויעג, דיפּטעריט.. עס וועט נישט שטאַרבען, נאַר אייביג האָרהלען... דער קראַמפּ אויפ׳ן פנים פון דער מוטער, וואָס קניעט ביי דער וויעג, וועט נישט אַראָב...

די אַלטע זעק-פליקערין בלייַבט מיט דער נאָדעל אין איין האַנד, מיט׳ן פאָדעם אין דער צווייטער...

דער מערדער אין וואַלד, מיט׳ן בילד פון זייַן אָפּפער אין אויג!

און די טויטע וועלען שוין נישט אויפשטעהן, די לעבענדיגע — נישט שטאַרבען... אַליץ וועט זיך אַיינציהען און אַיינגעצויגען ווערען אין איין סעקונדע — די אַלע בילדער פון שרעק, פון פערצווייפלונג, פון כעס, רציחה, רחמנות, געבעט — אויף תמיד!

אייביגער נחת, אייביגער צער, אייביגע פרייד, אייביגע טאָרטורען...

— געה!

הער איך פלוצלונג א שטימע....
נישט ווילענדיג ריהר איך מיט א פוס, און אלץ הייבט זיך אן ארום מיר צו בעוועגען....
איז דאס אויך געוועזען א חלום?
אָבער, די שטימע האָב איך דערקענט!
די זעלבע!
— וואו אהין געהן?
קיין ענטפער!

3.

אלט בין איך צונד און זעה אויס, ווי דעמאָלט אין שפיגעל...
די פיס ווילען שוין נישט טראָגען... איך האָב שוין לאַנג קיין גערטעל, קיין בלומען, קיין הויז, אפילו קיין פרעמדס... איך וואַנדער...
און צו חלום קומען: אייזערנע בלומען, קברים-קרענץ...
און פערגעסען פון אלע, עלענד, צוגעשלאָגען אין א גאַסט-הויז צום בעט.
אין דרויסען, הינטער די ווענד, שטורמט און זידט ווייטער דאָס לעבען, נישט מיין לעבען שוין!
רייסט זיך אַמאָל צו מיר אריין א שטימע, פערשטעה איך זי נישט.. א פרעמדע שפראַך, און ווייס נישט, וועגען וואָס עס געהט...
איך הער נאָך: שווערדען קלינגען... הורא! עמיץ זיעגט! אַנדערע שילטען און פאַלען...
איך בין אויך אַמאָל א קריגע־ געזען, א שווערד געהאַט... וועגען עפיס וואָס געפאָכט, אָבער וועגען וואָס, געדענק איך נישט...
דער קאָפּ איז צו שוואַך; איך וויים שוין נישט, צי מיר האָבען געזיגט, צי דאָס פעלד געריינינגט...
צי געדענקט מיך נאָך עמיץ דאָרט? געוויס נישט; איך האָב זיי אויך פערגעסען!
אין אַלטען הארץ שימערט נאָך א קליין פלעמעל: דאַכט זיך, א ליכטעל צאַנקט, נאָר עס האָט שוין קיין קראַפט נישט צו פערטרייבען די קאַלטע, שווערע שאָטען, וואָס לעגען זיך מיר אַלץ מעהר אויף דער נשמה...

אַמאָל אַלטע שאָטען; בעווייזען זיך אַמאָל אין געהירן, איך דערקען זיי נישט... איך ווייס נישט, ביי וואָס איך האָב אַמאָל געוויינט, פאַרוואָס איך האָב אַמאָל געלאַכט...

און די אויגען זענען פערמאַכט אויף אייביג... נאָר די אויערן הערען נאָך עפּיס...

נאָך וואָס? דאָס גערויש פון לעבען פערשטעה איך נישט...

און אָפען זענען זיי, איך זאָל נאָך אַמאָל ווערען גערופען! און די זעלבע שטימע וועט רופען... דאָס ווייס איך..

— ווער ביזט דו, וואָס דו וועסט רופען?

— איך וועל געהן, איך וועל פאָלגען, ווייל איך מוז! נאָר ווער ביזט דו?

בין איך נאָר דיין ווערקצייג געוועזען, נישט וויסענדיג, דיינע צוועקען גע-דיענט, און צונד, אַז איך טויג נישט מעהר, וועסט דו מיך צערשמעטערן?

און איך זאָל אפילו קיין רעכט נישט האָבען צו פרעגען: צו וואָס איך האָב דיר גענוצט?

• • • • • • •

א רייזע איי דער צייט.

... און איך וואַרף מיך אַרום אין בעט; אַ געדאַנק מאַטערט און לאָזט ניט שלאָפען. אין דרעמעל פלאַנטערט ער זיך אַריין אין מיינע הלומות...

„מיר לעבען אין צייט און אָרט".

דאָס אָרט קען מען נאָך בעהערשען: ווילען מיר, שטעהען מיר, ווילען מיר, בעוועגען מיר זיך: טוישען מיר דעם פלאַץ.

אָבער מיט דער צייט — צי מיר ווילען צי ניט, מיר בעוועגען זיך; אפילו די רעליגיאָן רוקט זיך אויף פאָראויס!

און דער אָרט האָט פיער זייטען.

מיר קענען געהן אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס.

דער אָרט איז איין אומפאַנג, אַ פערנעם.

אָבער די צייט איז אַ שטריך. נישטאָ קיין רעכטס און לינקס, נאָר אַ פאָרענט און אַ הינטען.

די היסטאָריקער קעהרען זיך אום צוריק, און מיט דער פאַנטאַזיע דערגרייכען זיי אַמאָל צוריק ביז אָדם און חוה, און זעהען זיי אַרומגעהען נאַקעט און עסען גראָז...

אַנטקעגען זיי שטעהען די פראָפעטען, די טרוימער. נאָר פאָר־ווערטס! שפרינגען אַמאָל אין דער צוקונפט אַריין, גלייך צום לעצטען גרויסען טאָג אָדער צום קליינעם יונגעל, וואָס פיהרט מיט אַ רויזען־שטעקעל אין דער האַנד וואָלף און שעפס צוזאַמען.

די זענען אָבער אויסנאַהמען, אויסטערלישע מענשען, און בעגנ׳גען זיך אָפט דעריבער מיט אַ זייפענבלאָז פון לעבען אָנשטאָט לעבען. אָבער גאָט׳ס פאָלק, די גרויסע מאַסע, וואָס געהט טריט ביי טריט, און איך, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, צווישען זיי, צווישען דעם ערב־רב... מיר וואָס? מיר ווילען לעבען, און נישט קיין וועקסעל אויפ׳ן לעבען. די

עראינערונג פון טאָפּ פלייש איז עפּעס מעהר ווערט אַלס די זיסע האָפּ-נונגען פון מילך און האָניג...

מיינע אויגען זענען האַלב פערמאַכט, און איך פרעג זיך:

„פאַרוואָס גײהען מיר נישט און פּאָהרען נישט אין דער צייט?

וואָס אַנבעלאַנגט דעם אָרט, ענטוויקלען מיר זיך, ווערען מיר פּאָל-קאָמענער פון טאָג צו טאָג. אַמאָל זענען מיר געגאַנגען, (און פיליכט נאָך אויף אַלע פיער), דערנאָך געקומען צום רייטען. האָט אַ גוטער מענש ערפינדען דאָס ראָד, האָבען מיר צוגעשפּאַנט דאָס פערד און געפּאָהרען; איז געקומען דער דאַמפּף און האָט בעזיעגט דאָס פערד. איצט בעשטרייט די עלעקטריציטעט דעם דאַמפּף און זיעגט; צינד בויט מען לופט-שיפען, און מיר וועלען פליהען ווי די אָדלער!

נאָר מיט דער צייט? קיין עצה, קיין ראָט ענטקעגען דער צייט!

די ברעמען זענען שווער ווי בליי. פאַלען צו. קוים נאָך אַ קליי-נער, שמאָלער שפּאַלט.... און דער געדאַנק הערט נישט אויף צו מאַ-טערן:

— „אַז מיר איז קאַלט דאָ, און איך האָב געלד, ענטלויף איך פון דער קעלט, פערבייט איך דאָס פינסטערניש מיט ליכט, ווינטער מיט זומער! און וויל איך און האָב געלד, מאַך איך מיר אַ גאַנץ יאָהר פריהלינג אָדער אַ זומער; דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך הערט נישט אויף, און איך קוועל פון נחת — אין די וואַרעמע לענדער.

אָבער אַז עס איז מיר קאַלט אין דער צייט, איז נישט דאָ וואו צו ענטלויפען!

נישט דאָ קיין רעדער, קיין דאַמפּף, קיין עלעקטריציטעט און קיין לופט-באַלאָן...

און — מען טאָר נישט בלייבען שטעהן! איך מוז מיך בעווע-גען, און בעוועגען דורכאויס — אַזוי וויל עמיץ — טריט ביי טריט!

צוריק, מיט די היסטאָריקער, קאָן איך זיך נישט אומקעהרען, מיך עקלען די דורות אָהן ווייסע, געפּרעסטע העמדער...

און נביאות זאָגען קאָן איך אויך נישט: זינט דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען, ווייסט איהר דאָך ביי וועמען אין די הענד דאָס נביאות איז געבליבען!

איך וויל פּאָהרען אין דער צייט, איך וויל!

און דרעמעל איין און טראַכט, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי אומ-
מעגליך.

מען דאַרף נאָר וועלען! אַלץ הענגט אָפּ פון ווילען. און איך
וויל, איך וויל מיט אַלע קרעפטען, מיט'ן גאַנצען האַרץ.
און פּלוצלינג — איך פאָהר...

. . . .

אויס! עס וואַקסט שוין מעהר קיין ברויט נישט. און אויפגע-
הערט האָט די ערד צו זיין דאָס אייגענטום פון „פּריצים" און פּעל-
קער... די כעמיע מאַכט ברויט פון דערנער, און מיר קאָנקורירען
נאָר מיט די דערנער-פרעסער — די אייזלען. אַ רחמנות אפילו, וואָס
קאָן מען אָבער מאַכען? אַזאַ וועלט, ס'רעדעל דרעהט זיך! הונדער-
טער יאָהרען האָבען זיי געגעסען און מיר געהונגערט! און נישט נאָר
ברויט אַליין גיט אונז די כעמיע — אויך פלייש און פיש, און געפליגעל
און הערינג, ס'הייסט— נאָר דעם געשמאַק דערפון. און דער גראָבער בויך
איז פערשוואונדען, דער טרעלבוך, דאָס איבעריגע שטיק פלייש, וואָס האָט
זיך נאָכגעשלעפּט דעם מענשען הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד. און מיר
עסען נישט, נאָר מיר טרינקען. און אין פּאַריז טרינקט מען שוין אויך
נישט, נאָר מען שמעקט. די שפּייזען געהען אַריין דורכ'ן נאָז. די ענג-
לענדער טראָגען קליינע זעקעלעך מיט שטויב, מיט פודער פון שפּייז,
אונטער דער נאָז, איבער די וואָנסען, און שמעקען ווען עס ווילט זיך
זיי. און אויב דאָס מויל איז נאָך אינגאַנצען נישט פערשטאָפּט געוואָרען,
איז עס נאָר וויל עס קומט צוניץ— ווייבער קאָמפּלימענטען צו מאַכען,
צו פלירט!

און די ליעבע— איז פריי, אָהן אַ בייז אויג, אָהן אייפערזוכט—
גאָרנישט!

ניט דער מאַן שפּייזט דאָס ווייב, ווי אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט,
און ניט די פרוי האַלט אויס דעם מאַן, ווי אין דרייסיגסטען! יעדער האָט
זיך זיין פלעשעלע מיט פודער, און שמעקט, האָט די פרוי קיין בעזונדער-
רעכט איבער'ן מאַן און ניט פערקעהרט

— — — — — — —

— — — — — — —

— און דו, ווער ביסט?

— איך?

— יאָ, דו?

— איך — דער קוטשער!
— דער קוטשער?
— יאָ, כ'פיהר דעם וואָגען אויפ'ן צייט־וועג. ווילסט דאָך פאָהרען... פאָרווערטס?! צו דער צוקונפט?
— יאָ, צום קליינעם יונגעל מיט'ן רויזען־שטעקעל. טרייב אָן! און מיר פליהען...

— — — — — — —

— און וואָס פאַר אַ צייט זענען מיר איצט? ווי הייסט זי?
— זי האָט נאָך קיין נאָמען נישט; זי איז נאָך נישט געבוירען געוואָרען...
— שנעל, ווייטער!

און מענשען לויפען הין און צוריק אַרום, ווי פערכמ'טע מייז און שרייען:
— וואָס טהוט מען? ניטאָ גאָר קיין הונגעריגע, זיי צו געבען ברויט, קיין דורשטיגע צו דערקוויקען מיט אַ טרונק, קיין נאַקעטע צו בעקליידען, קיין קראַנקע צו היילען? נישטאָ גאָר קיין אונגליקליכע, קיין דערשלאָגענע, פּלקער אָדער איינצעלנע מענשען, רחמנות צו האָבען?

די קיה גיבען מילך און קיין קעלבער צו זויגען זענען נישטאָ...

אַלעס לעבט און שטאַרבט — נאַטירליך, צו דער צייט!

אַלעס לעבט און נעמט דאָס לעבען פון זעקעלע. שטאַרבען שטאַרבט מען בלויז פון אַלטקייט...

אַלץ לעבט אין אַ פאָלשטענדיגער האַרמאָניע מיט דער נאַטור און שטאַרבט אין אַ פאָלשטענדיגער האַרמאָניע מ'ט דער נאַטור.

נישטאָ קיין קראַנקהייט, נאָר עלטער...

מיט דער צייט שרימפּען זיך די גליעדער איין ביז צום פערשווינדען און אַלע אין איין צייט, אין איין מאָס — לויט מעטשניקאָוו'ס מעטאָדע.

קיין איין גליעד שטאַרבט פאַר זיינע חברים נישט אָב און טייט זיי נישט מיט זיך פאַר זייער צייט. און אָהן ליידען, אָהן שמערצען געהט מען פון דער וועלט.

זיי לעבען אין האַרמאָניע און שטאַרבען אין האַרמאָניע, אָהן וועהטאָג, אָהן לייד. און די נשמה און דער גוף געהען אויס אינאיינעם. נישטאָ קיין לעבעדיגע נשמה אין אַ טויטען גוף, און ניט פערקעהרט. נישטאָ

קיין ווילען, גרעסער אַלס די מעגליכקייט, און קיין מעגליכקייט אָהן ווילען... נישטאָ קיין פערלאַנג, וואָס קען נישט ערפילט ווערען, און נישטאָ קיין איינגעהאַלטענע, אָנגעזאַמעלטע ענערגיע, וואָס גיסט זיך אין וועהטאָג איבער!

און מיט דער צייט איז אויך דער פלירט פערגעסען געוואָרען; נישטאָ קיין ווילען אָהן מעגליכקייט...

און קיין דיסקוסיען אויך ניט דאָ! די טהעמאָס זענען פערשוואונדען. די מיינונגען זענען אָהן אינטערעס און די שטימען אָהן תאַרב. קיין צאָרן, קיין בערעדען; קיין שפּאַס, קיין וויץ! איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל, „שלום עליכם" איז דורכגעפאָהרען, מען האָט איהם איינגע-לאַדען אויף אַ מאָהלצייט — ער האָט געלעזען און אַלע — געגענעצט...

מיט דער צייט איז דאָס גענעצען געוואָרען אַ אָנשטעקעדיגע קרענק, אַיין אַלגעמיינע וועלט-קראַנקהייט...

— און וואו איז דאָס יונגעל מיט'ן רויזען-שטעקעל?

— צו וואָס טויג ער אונז, צו וועלכע שוואַרצע יאָהר? די וועלף, די שלאַנגען און די איבעריגע ווילדע חיות זענען דער'הרג'עט געוואָ-רען דורך עלעקטריציטעט... אפילו די פרומע פרעש, אַליכטיגען גן עדן זאָלען זיי האָבען!

— די ערד אפילו האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געציטערט — האָט זיך איינער פון די אַלטע לייט געוואָלט בעקלאָגען, און האָט אַ גענעץ געטהון.

און איך ווענד זיך צו'ם קוטשער און רוף אויס מיט שרעק: טרייב אָן, ווייטער! — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס, אַ „יריד"?

— גאָט בעהיט! מען קויפט ניט און מען פערקויפט ניט!

— וואָס דען? קאָראָנאַציע?

— אויך דאָס האָט מען שוין פערגעסען! לאָמיר אַראָבגעהן זעהן — די גאַס ווימעלט פון מענשען.

און מען פערצעהלט אַ געשיכטע:

נאָמאָל, אַז מען האָט אַרויסגעטריבען די יעזואיטען פון פראַנקרייך, האָט איינער פון די הייליגע, פאַר צאָרן און לייד, זיך אָנגעטרונקען מיט שאַרטרעז. אַ שכור'ער איז ער אַנידערגעפאַלען ביי'ם פאַס אין קעלער.

אין אַ לעטאַרגישען שלאָף ביז אויף היינטיגען טאָג. אָהן יעזואיטען איז פראַנקרייך געפאַלען און געפאַלען, ווי שפאַניען, נאָכדעם אַז מען האָט אַרויסגעטריבען די יודען. דאָס לאַנד האָט זיך געבאָדען אין שמיץ; פראַנקרייך האָט אַ ציטער געטהון, אַ קראַמפּף האָט די ערד געהאַפּט און — אַ באַרג אַש, צו אַ סטעפּ, איצט האָט איינער פון די, וואָס געגעצען, זיך געוואָלט אויסגראָבען אַ קבר, און לעבעדיגערהייד בעגראָבען, און גראָבענדיג, געפונען דעם יעזואיט; האָט ער איהם אַריינגעבראַכט אין שטאָדט. מיט געווירצען האָט מען איהם אויפגעמינטערט...

און ווי ער האָט זיך אויפגעהאַפּט, האָט איהם דער גאַנצער עולם אַרומגערינגעלט און געפרעגט: צו דעמאָלט, אין דער יעזואיטען־צייט האָט מען אויך געגענעצט?

— יאָ, — ענטפערט ער — עס האָבען געגענעצט לאָרדען אין ענגלאַנד, מיליאַרדערען אין אַמעריקאַ און דערגלייכען!

— און די איבעריגע? דער עולם?

— ניין, דאַכט זיך: ניין!

— וואָס האָט מען געטהון?

— איידער מען האָט פערבאָט די יעזואיטען, האָט מען אין אַלע לענדער געדאַוועט, גאָט געלויבט, געבעטען...

— אַ געשעפט! לעדיג־געהער געווען? וואָס?

— מען האָט זיך געפרעהט מיט דעם אויפגאַנג פון דער זון אין דערפריה, און מיט'ן אונטערגאַנג ביינאַכט, צום ביישפּיעל: די פּאָעטען!

— מיר האָבען קיין מאָרגען און קיין אָבענד. די עלעקטרישע זון ביינאַכט, לייכט נאָך בעסער ווי די ביטאָג!

— עס זענען אויך געווען קאָנצערטען פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען.

— מיר האָבען קיין „צדקה" נישט; נישטאָ קיין אָרימע לייט!

— קאַטערינקעס האָבען אין די גאַסען געשפּיעלט...

— מיר האָבען „קנעפּלעך" — אַ דריק און עס הערט זיך אַ געזאַנג.

נאָר ווייל אַלע קאָנען דריקען און הערען — —

— אַה! — דערמאַנט זיך דער יעזואיט — ס'זענען געווען אָרעמע, וואָס פלעגען צוליעב פערגניגען, אַזוי אַמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אַרויסשטעקען אַ פוס פון אונטער דער קאָלדרע און אַריינהאַפּען צוריק!

— ניטאָ ביי אונז קיין קעלט און קיין ווינטער! איין מיטעלמעסיגע קלימאַט אויף דער גאַנצער ערד!

— נאָך עפּעס געדענק איך, — זאָגט דער פערמאַטערטער יעזואיט. — כ'וועל אייך זאָגען, נאָר — אַביסעל וויין...

— אַביסעל וויין־שטויב צום שמעקען, גוט!

— זעלנער פלעגען דורכגעהן אין די גאַסען, פאַר זיי אַ קאַפּעליע מיט מוזיק, און דער עולם פלעגט זיי נאָכלויפען מיט פרייד.

— וואָס טייטש „זעלנער"?

— אָנגעטהון אין אוניפאָרם, בעוואָפענט!

— וואָס הייסט אוניפאָרם? און וואָס איז אַזוינס בעוואָפענט?

— גיט מיר נאָך אַ שמעק וויין, וויל מיין געדעכניש ווערט שוואַך.

מען האָט איהם געגעבען צו שמעקען, און ער האָט זיך אַלץ דערמאַנט און ערקלעהרט. — גוט, זאָגט דער עולם, און גלייך זענען בעשאַפען געוואָרען זעלנער מיט אוניפאָרמען און געוועהר.

און די „זעלנער" מאַרשירען איבער די גאַסען און געגעצען, און דער „עולם" געגעצט מיט...

— זאָגסט ליגען, יעזואיט!

— ניין, כ'זאָג גאָר קיין ליגען ניט... אָבער דאָס זענען ניט קיין זעלנער.

— זיי געהען דאָך אין אוניפאָרם?

— ריכטיג.

— זענען דאָך בעוואָפענט?

— יאָ, אָבער — —

— וואָס „אָבער"?

— זיי האָבען נאָך קיין בלוט ניט פערגאָסען, און זיי האָבען קיין צייכען פון קיין זעלנער אויף די פנים'ער.

— פערגיסט בלוט! — האָט דאָס פאָלק פלוצלונג אָנגעהויבען לאַרמען — שטעכט, שיסט, טייט!

— וועמען? — פרעגט דער גענעראַל.

— אונז, אונז אַלעמען, שיסט, אַבי נישט געגעצען, שיסט! — דו ערט די שטימע פון פאָלק; און דאָס פאָלק איז די לעצטע אינסטאַנץ!

— שיסט! — קאָמאַנדירט דער גענעראַל...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

געזעצט אין מאַשינען־זאַץ־דרוקערייַ פון נ. ראָזענפעלד, פאַנסקא 20.